און לאנג און דביקות׳דיק ארויסשרייען דעם „שמע ישראל״...

דער הימל איז געווען פארצוימט מיט שטעכיק דראָט
און ס׳האָט דיין אויג ארומגעבלאָנדזעט און געזוכט דאָרט גאָט,
און האָסט דערזען, ווי אויכעט אים מע׳פירט, אין ברוסט א שפּיז
און ספר-תורה׳ס בלוטיקע פארהילן זיינע פיס.

— ר׳ דניאל, זעט, האָסטו מיט שרעק געווענדעט זיך צום אלטן רב,
אָ, זעט, מע׳פירט דעם פאסטוך שחט״ן צוזאמען מיט די שאָף,
אָ, זעט, ר׳ דניאל!
נאָר דער אלטער רב, פארמאטערט און דערשעפּט,
האָט בלויז געהערט ווי אינעם טאָל א קוילענוואַרפער שטעפּט.

דער אלטער רב האָט בלויז געזען ווי אידן קומען אום,
און ס׳איז דער הימל ווייט, און ס׳איז דער הימל שטום.
— ניט גאָט, מיין פריינד, מע׳פירט אהער צום טאָל פון בלוט;
דאָס טינקט זיך זון אצינד אין מערב׳דיקן גלוט.

— אָ, ר׳ דניאל, הערט! סע׳זינגען די מלאכים לעצטע שירה, הערט!
— ניין, ניין, מיין פריינד, דאָס זיינען לעצטע ראנגלענדיקע ווייען אונטער תלינ׳ס שווערד.
זעט! מע׳ווארפט די עופה׳לעך אין גרוב לעבעדיקערהייט,
און מאמעס שטייען שוויגענדיקע, אומצוקומען גרייט.

געווּג פאר מיר, גענוג, איך וויל אומקומען מיט זיי
מיט אט די קליינע קדושים אומקומען. ווײ און אײביק ווײ!...

און פּלוצים האָסט דערזען:
אָט גייט ר׳ חנינא בן-תרדיון און ר׳ עקיבא גייט;
די בערד זייערע ווי ווייסע פרוכת׳ן צעשפרייט.

— קומט, ר׳ דניאל, איר האט זיי ניט דערקענט? —
נאר ס׳האט דער רב געצאפּעלט שוין אין תּלינ׳ס הענט.

זיין גרויע באָרד האט שוין געבלוטיקט אונטער תּליון׳ס פיס
און ס׳האט דער טויט געציטערט אויף זיינע לאַנגע וויעס.

האסטו זיך אומגעקוקט ארום און קיינעם מער זעזען
און האסט דעראנט, אז אלעס איז א זעאונג בלויז געווען.

האָסטו זיך אומגעקוקט ארום און עמעצן געזוכט
און האסט דעראנט, אז ס׳האט זיך בלויז דיר אויסגעדוכט.

האָסטו אַ הייב געטון צום הימל דיינע אויסגעפּרואווטע הענט:
צי האט מען דיך, מיין גאט, ווי אונדז פארשפּיגן און געשענדט?

צי ביסטו אויסגעשטעלט, ווי מיר, מיין גאט, צו רויב און מאָרד? —
נאר ס׳האט געטליעט אין דיין קעל דאס לעצטע וואָרט.

געפּיבערט האט דער לעצטער זאָג נאָך אין דיין געבראָכן קול,
און ס׳האט פארשלונגען דיך דאס מויל פון בלוטיקדיקן טאל.

יוסף לערנער — לוטשינעץ — טראנסניסטריע, 1942

מגילת טראנסניסטריע

דער גרויסער אומגליק פון די אידן אין בעסאראביע און אויך פון אונזער שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן באלד מיטן אויפמארש פון די דייטשן אויף סאוויעט-רוסלאנד.

שוין דעם 21 יוני 1941 האָט די רומענישע ראדיאָ עטלעכע מאָל אין טאָג איבערגעגעבן די דערקלערונג פון מארשאל אנטאנעסקו, אז „די וועלכע האָבן באשפּיגן דאָס רומענישע מיליטער וועלן דאָס אָפּוואַשן מיט זייער בלוט". האָבן מיר, אידן, גוט געוווּסט וואָס דער צורר מיינט און וווהין ער צילט... ערשט צוריק מיט א יאָר האָבן די סאָוועטן פארנומען בעסאראביע, און דעמלט האָט א טייל פון אונדזער יוגנט זיי אויפגענומען מיט ענטוזיאסטישער פרייד און זיך אָפּן אויסגעלאכט פון אָפּטרעטנדיקן רומענישן מיליטער און ביי זיי אפילו צוגענומען פערד און וואָגנס און עס צוטיילט די פויערן פון די נאָענטע דערפער. געטון האָט

עס, אמת, נאר א טייל פון יוגנטלעכע היץ-קעפּ אבער איצט וועלן עס, געוויס, באצאָלן אלע יידן, און אזוי איז טאקע געשען.

בריטשאן איז נאָך דורכגעגאנגען, ווי מ׳זאָגט, מיט חסד: בסך הכל זענען געפאלן 12 טויטע. אין יעדינעץ, אָבער, האָט די יידישע באפעלקערונג באצאָלט מיט 800 לעבנס. אויך אין סעקוראן האבן זיך אפּגעטון שוידערלעכע מעשים. אין נאָענטן דאָרף טשעפּלעאוץ האָבן די אָרטיקע פּויערן אויסגעקוילעט אלע 80 יידישע איינוווינער פון דאָרף, פון קליין ביז גרויס — ניט געלאָזט קיין לעבעדיק נפש, און דאָס האָב-און-גוטס האָבן זיי צווישן זיך צעטיילט.

א פּאָר טאָג נאָך דעם 21-טן יוני האָבן קיין בריטשאן ארײַנמארשירט רומענישע מיליטער־אפּטיילונגען אויפן וועג פון וואסקאוץ און ראמאנקאוץ. איך געדענק דעם טאָג זער גוט און וועל אים אייביק געדענקען. ס׳איז געווען זונטיק פארנאכט, נאָך א היבשן רעגן. מיר זענען ארויסגעגאנגען מקבל פּנים זיין די מערדער מיט ברויט און זאלץ, אָבער זיי האָבן זיך אויף אונדז אפילו ניט אומגע-קוקט. איין זאך נאָר האָבן זיי אונז צוגעזאָגט, אז נאָך זיי קומט א אָפּטיילונג — ספּעציעל אויף אָפּצורעכענען זיך מיט די בריטשאנער יידן.

די הבטחה איז מקויים געוואָרן. שוין דעם זעלבן אָוונט, ארום 11 אזייגער, האָבן זיך געטראָגן געוואלט-געשרייען פון פארשידענע עקן. דאָס איז אָנגעקומען דער שטראַף-באטאליאָן און זיך צולאָזט איבער די הייזער (די שענערע, פארשטייט זיך), ארויסגעטריבן די אייגנטימער און פארנומען די בעטן מיט אלע געלעגערס.

די אמתע „חתונה”, אבער, האט זיך אנגעהויבן אויף צו מארגנס, מאנטיק, 8 אזייגער אינדערפרי, ווען די פּויערן פון די ארומיקע דערפער האָבן, אויפן רוף פון דעם קאָמענדאנט, געשטראָמט מאסנווייז אין שטאָט אריין. צופוס און אויף וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט זעק, האָבן זיי זיך צעלאָזט איבער דער שטאָט, און דער רויב האָט זיך אָנגעהויבן. מ׳האָט גענומען אלץ, וואָס נאָר דאָס אויג האָט געזען און די הענד האָבן געקענט פארנעמען. געלאָזט האָבן זיי בלויז דאָס מעבל. דערצו, אָבער, האָט שוין געזאָרגט די פּרימאריע. זי האָט געשיקט צוגעגרייטע וואָגנס און אלץ אויסגעליידיקט פון די הייזער: בעטן, דיוואנעס, טישן, בענקלעך, שאפעס א.א.וו. געלאָזט בלויז די פיר ווענט. אין בריטשאן האָבן זיך קאָנצענטרירט אלע יידן וואָס זענען אנטלאָפן פון די ארומיקע דערפער און די ליפקאנער יידן, וואָס זענען אהער אנטלאָפן, ווייל די רומענער האָבן דאָרט באשאָסן די יידישע גאסן — אויך זיי זענען בארויבט געוואָרן יענעם טאָג .

מיט איין טאָג שפּעטער איז דורך דער קאָמענדאטור פארעפנטלעכט געוואָרן א באפעל, אז אלע מענער אין עלטער פון 16 ביז 60 זענען פארפליכטעט זיך צו מעלדן יעדן טאָג 6 אזייגער אנדערפרי צו עפנטלעכער ארבעט, און ווער עס וועט זיך ניט מעלדן, דראָט אים טויט-שטראָף. די ארבעט איז באשטאנען אין איבערלאָדן קאסטנס געווער פון אָטאָמאָבילן, וואָס זענען אָנגעקומען פון רומעניע, אויף פּויערישע פורלעך, וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין סעקוראן אין דער

ריכטונג צום דניעסטר. די ארבעט איז געווען זער שווער, און עסן האָט מען ניט געגעבן. פון דערהיים איז אויך ניט געווען וואָס מיטצונעמען, ניט קיין ברויט, ניט קיין אנדערע שפּייז — אַלץ איז געווען בארויבט. שפּעטער האָבן מיר געהערט פון די סעקוראנער יידן, אז זייער גורל איז געווען נאָך ערגער. זיי האָט מען געצווינגען צו טראָגן די קאסטנס אויף די פּלייצעס א שטרעקע פון אכט קילאָמעטער, בערך, און ווען ס'איז ווער אונטערגעבראָכן געוואָרן, האָט מען אים דערשאָסן.

אין עטליכע טעג ארום האָט מען ארויסגעטריבן אַלע סעקוראנער יידן און זיי אנגעבראכט קיין בריטשאן. זיי זענען אָנגעקומען צו אונדז נאקעטע און באָרוועסע, ווייל די פויערן פון די דערפער קאלאקישנע און וואזדאוועץ זענען זיי אויפן וועג באפאלן, זיי בארויבט און אפילו די מלבושים פון זיי אראָפּגענומען. מיר האָבן זיי ברודערלעך צוגענומען און געטיילט מיט זיי דעם לעצטן ביסן. אזוי איז מען געזעסן און געווארט אויף א נס. קיין נס איז אָבער ניט געשען...

אין איינעם א טאָג, פרייטיק, איז דאָס געווען, האָט מען אויפגעהויבן די ליפקאנער יידן און זיי ארויסגעשיקט קיין יעדינעץ. וויי-וויי, וואָס פאר א טאָג דאָס איז געווען! אפילו די נאטור האָט זיך נוקם געווען אין די ארויסגעטריבענע!... אויפן וועג האָט אויסגעבראָכן א שלאָגס-רעגן. ממש די הימלען האָבן זיך געעפנט, און קיין אָרט צו באהאלטן זיך איז ניט געווען. פיל קינדער זענען דעמלט אומגעקומען און מיטן וואסער פארשלעפּט געוואָרן. דאָס ביסל אָרעמקייט, וואָס די ליפקאנער האָבן געשלעפּט אויף זייערע פּלייצעס אין רוק-זעק, איז גענצלעך פארדאָרבן און פארלאָזט געוואָרן אין וועג.

צוויי טאָג שפּעטער האָט מען די סעקוראנער ארויסגעשיקט פון בריטשאן — און טאקע צוריק קיין סעקוראן... דאָ האָבן זיך ביי אונדז דערוועקט האָפענונגען: „הייסט עס — האָבן מיר זיך געוואָלט טרייסטן — אז מ'וועט מער ניט טרייבן, און מיר בלייבן דאָ אויפן פּלאץ!... נו, מילא, מ'האָט אונדז רואינירט, מ'האָט אונדז צעבראָכן אָבער, לכל הפחות, בלייבן מיר דאָ, מער-ווייניקער גאראנטירט מיטן לעבן!...” אָבער אונדזערע האָפענונגען זענען גאָר גיך ווי מיטן רויך אוועק.

דורך מארוסיע זילבער-טראכטנברויט, וואָס איז געווען באפריינדעט מיטן פּרעטאָר, איז גיך באוווסט געוואָרן, אז אויך אונדז שיקט מען ארויס, און טאקע שוין אויף צו מאָרגנס, 6 אינדערפרי. די פּאניק איז געווען זייער גרויס. מ'האָט אָנגעהויבן אומלויפן ווי פארסמטע, זיך צו פארזאָרגן מיט עפּעס שפּייז. מיט וואָס צו קויפן איז ניט געווען. דאָס רוסישע געלט איז שוין מער ניט געווען גילטיק, האָט מען אוועקגעגעבן דאָס לעצטע, כדי צו קריגן א ביסל מעל, אָפּצובאקן וואָס נאָר מ'קען.

מאָנטיק, דעם 28-טן יולי, 6 אזייגער אינדערפרי, האָבן די רומענישע זשאנדארמען אָנגעקלאפּט אויף יעדער טיר און צווויסן געטון, אז אַלע אָן אויסנאם דארפן זיך מעלדן 8 אזייגער אויפן פּלאץ פון פייער-לעשער. מ'האָט אויפגעהויבן די גאנצע באפעלקערונג, קיין קינד אין וויג ניט געלאָזט, קראנקע פון שפּיטאָל

ארויסגענומען, גייסטיק-קראנקע און עפילעפטיקער — און דער מארש האָט אנגעהויבן. די באאמטע פון דער ארטיקער ציווילמאכט האבן געפרווט עפעס פארגרינגערן און געגעבן פורן פאר די קראנקע, אלטע און שוואכע. די פוס-גייער האָבן דערפון זער פיל געליטן, ווייל די פויערן האָבן אומיסטן געטריבן די פערד, כדי מיר זאָלן דארפן לויפן, און ניט יעדער האָט דאָס געקענט. די קאלאנע האָט זיך געצויגן קילאָמעטרן לאנג...

געמיינט האָבן מיר, אז מ׳שיקט אונדז קיין סעקוראן, אָבער דאָרט האָט מען אונדז געלאָזט רוען ניט מער ווי א פאָר שעה. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן אז די סעקוראנער האָבן אפילו צו דעם אויך ניט זוכה געווען: זיי האָט מען קיין סעקוראן גאָר אינגאנצן ניט אריינגעלאָזט. ווען מיר זענען אויפן צווייטן טאָג אָנגעקומען קיין קאזלאָוו, וואָס אויף יענער זייט דניעסטר, האָבן מיר דאָרט געטראָפן די סעקוראנער.

באלד נאָך אונדזער ארויסגען פון בריטשאן איז געפאלן שלום דעם רב׳ס זון. אין טרעביסיווויצער וואלד איז ער געבליבן. איז ער צו קבורה געקומען, צי האָט זיין קערפער די פייגל געשפייזט — ווייס איך ניט. דער צווייטער קרבן איז געפאלן באלד נאָך אונדזער אָנקומען קיין קאזלאוו. פון א פערד וואָס האָט אים מיט׳ן פוס א קלאפּ געטון אין קאָפּ. דער דריטער האָט געוואגט און איז צוגעגאנגען צו א אסטערטע נעמען א ביסל שטרוי, — פאר דעם „חטא” האט אים א רומענישער סאָלדאט דערשאָסן אויפן פלאץ. דאָס אלץ איז געווען א אָנזאָג אויף דעם וואָס וועט ערשט קומען.

אינעם דאָרף זענען מיר געזעסן אין חזיר-שטאל און מיר זענען שטארק פאר׳שמוציקט און פארקראַכן געוואָרן. ווער ווייסט וואָס פון אונדז וואָלט געוואָרן, ווען, חלילה, מיר בלייבן דאָרט איין וואָך. דער רעזשים איז דאָרט געווען זער א שטרענגער: מ׳האָט ניט געלאָזט ארויסגיין אין דאָרף, און מיר האָבן פשוט געהונגערט. איז א חידוש וואָס אין זוכענישן נאָך וועגן צו ראטעווען זיך האָבן פיל פון אונדז זיך אָנגעכאפּט אין א איבערגעברענטער שטרוי?... האָט זיך געפונען א רומענישער אָפיציר, וואָס האָט ליב געהאט געלט און ער האָט צוזאמענגעשטעלט קרוב צו 300 מענטשן (וואָס האָבן, פארשטייט זיך, גוט באצאָלט דערפאר) מיט א דאָקטאָר אין שפּיץ, און ער שיקט זיי, זאָגט ער, אין א קאלכאז אראָפּצונעמען די תבואה פון די פעלדער. ער האָט אפילו פויערישע פורען געגעבן פאר זקנים און קראנקע, און שטרענג פארזאָגט, אז מ׳זאָל אונדז חלילה ניט איבערלאָזן אין מיטן וועג...

ווו איז דער קאָלכאָז? וווהין פאָרן מיר? — דאָס האָט קיינער פון אונדז ניט געוווסט. און אזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין סקאזשינעץ. פיל בריטשאנער האָבן דאָ זייער טויט געקראָגן. דאָ זענען, צווישן אנדערע, אומגעקומען אהרן גאָלדשמיד און זיין פרוי מלכה, חיים שווארצ׳ס פרוי, נייגאס דער היטלמאכער — ער האָט גייענדיק א פוס פארוונדעט, האָט מען אים דערשאָסן. חוץ דעם האָט מען אונדז גלאט געטריבן אָן א ציל און אָן א באשטימטער ריכטונג. ניט איינמאָל

האָט געטראָפן אז ס׳איז ווער ארויסגעגאנגען אין א נאָענטן דאָרף זוכן שפּייז, און צוריק-קומענדיק, האָט ער מער זיין פאמיליע ניט געפונען. וווהין האָט מען זיי פארוואָרפן? אין וואָס פאר א ריכטונג זענען זיי געגאנגען? — ווער ווייסט עס צוזאָגן?...

מיר דערנענטערן זיך צו מאהילעוו-פּאָדאָלסק.

דאָ זענען ביים אריבערגיין דעם דניעסטער דערטרונקען געוואָרן חיים שווארץ מיט זיין טאָכטער, וואָס האָט בשום אופן ניט געוואָלט ארויס פון דניעסטער. באָריס באבאנטשיק האָט אין גרויס פארצווייפלונג אראָבגעשפרונגען פון בריק און דעם טויט געפונען אין וואסער.

אין מאהילעוו גופא האָט מען אונדז געהאלטן בלויז 3 טעג (געשלאָפן זיינען מיר אין די גערטנער!). פּלוצים האָט מען אונדז צעטיילט, און א העלפט פון אונדז אריבערגעפירט דעם דניעסטער — קיין אטאקי. עס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט הארצרייסנדיקע סצענעס, ווייל מ׳האָט צעשיידט משפחות, אָפּגעריסן עלטערן פון זייערע קינדער, וואָס זענען, אגב, דערנאָך כמעט אלע אומגעקומען.

מען גייט!... די פיס זענען געשוואָלן פון גיין. מען טרייבט אָן אויפהער צענדליקער קילאָמעטרן א טאָג. דער פיינפולער וועג ציט זיך טאָג-איין, טאָג-אויס. ניט געווען קיין מעגליכקייט זיך צו פארזאָרגן מיט א ביסל עסנווארג. מען האָט אוועקגעגעבן טייערע מלבושים אָדער וועש פאר א פּאָר ציבעלעס אָדער ר׳עטעכלעך. ס׳איז געשטאנען חודש יולי. די היצן זענען גרויס און קיין ברונימס זענען כמעט דעם גאנצן וועג נישטאָ. אז מען האָט ערגיץ ווו אָנגעטראָפן א טייכל, זענען מיר צוגעפאלן צום וואסער און געטרונקען ווי די בהמות; מען האָט זיך גאָרניט געקענט אָפּרייסן. זענען טאקע א סך קראנק געוואָרן אויף דיזענטעריע, און מענטשן זענען געפאלן ווי פליגן, און גאָר ווייניקע האָבן זוכה געווען מען זאָל זיי ברענגען צו קבורה. די פויערן — מיט קליינע אויסנאמען — האָבן זיך צו אונדז באצויגן זייער אכזריותדיק און ניט איינמאָל אָנגעפאלן אויף די אויסגעמוטשעטע און זיי מערדערלעך געשלאָגן אָדער אָנגעריי̇צט אויף זיי די הינט. פון אלע זייטן האָט מען אונדז געפּלאגט. אייניקע מאָל אפילו אָן שום ציל, נאָר גלאט צוליב הנאה...

קיין קריזשאפּאל זענען מיר אָנגעקומען 12 ביינאכט, נאָכדעם וואָס מיר זענען יענעם טאָג דורכשפּאצירט עטליכע און זיבעציק קילאָמעטער. טויט-מידע און הונגעריקע האָבן מיר זיך מיט די לעצטע כוחות קוים דערשלעפּט אהין מיט דער האָפענונג זיך א ביסל אָפּצורוען. ס׳איז אָבער ניט געווען ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן. יעדער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד ווו ער איז געשטאנען. ניט האָבנדיק קיין מעגליכקייט די פיס אויסצוציען, און דערצו שוין אזא לאנגע צייט זיך ניט אָפּגעוואשן, זיך ניט אויסגעטון — איז שווער געווען איינצושלאָפן. אָבער שוין 5 אזייגער אינדערפרי האָט מען אונדז אויפגעוועקט צום ווייטערדיקן מארש.

דאָ האָבן מיר אויך באקומען א נייעם קאָמענדאנט — א ווילדע צערייצטע

חיה. אין דער שורה איז געשטאנען א ייד, וואָס האָט מער ניט געקענט שטיין אויף די געשוואָלענע פיס. האָט ער זיך אויף א ווײַלע אראָפּגעזעצט אויף דער ערד — איז דער קאָמענדאנט צו אים צוגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט בײַ דער באָרד און אים אַזוי אויפגעשטעלט אויף די פיס און באַלד אים אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט זײַן גומענעם שטעקן איבערן קאָפּ, איבערן פנים, אַז דער אומגליקלעכער איז מיט בלוט פאַרגאָסן געוואָרן און צוריק געפאַלן.

א שטיקל נקמה האָבן מיר דערלעבט צו זען אין אים. אין א קורצער צײַט איז דער קאָמענדאנט משוגע געוואָרן, פלעגט אומלויפן איבערן לאַגער א נאַקעטער און טאַנצן. ער האָט אויף טויט דערשאָסן צוויי זעלנער זײַנע, אַנדערע פיר פאַר-וווּנדעט, און צום סוף זיך אַליין דערשאָסן.

בכלל פלעגן די קאָמענדאַנטן זיך בײַטן גאַנץ אָפט, און יעדער פון זיי האָט זיך געהאַט אַנדערע קאַפּריזן און אָנגעווענדעט אַנדערע מיטלען אויף צו פּײַניקן. געווען אַזוינע, וואָס דער רעוואָלווער איז ניט ארויס פון זייער האַנט, און פאַר יעדער קלייניקייט פלעגן זיי דערשיסן. נאָר איין קאָמענדאַנט — דער פון יאַמפּאָל — האָט זיך באַצויגן צו אונדז מער מענטשליך. ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען, האָט ער געהייסן מ׳זאָל יעדן פון אונדז צוטיילן א האַלב ברויט און צוויי טעפּלעך הייסע טיי. בײַ אונדזער ארויסגיין פון דאָרט, האָט ער אָנגעזאָגט די סאָלדאַטן, זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן אויפן וועג נעכטיקן נאָענט פון סטערטעס שטרוי, — גאָר ניט ענלעך צו אַלע אַנדערע רומענישע רשעים...

גאַנץ אַנדערש איז געווען ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין האַלאַשאַנקע, א שטעטל אין אוקראַינע. פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שוין דאָרט קיין זכר ניט געבליבן. געטראָפן האָבן מיר דאָרט הונגאַריש מיליטער. מ׳האָט אונדז געזאָגט אַז באַלד וועט מען טיילן קאַשע מיט סופּ, האָבן מיר זיך באמת געפרייט, ווײַל מיר זענען געווען אויסגעהונגערט. די אָרדנונגס-היטער אונדזערע איז אָבער ניט געפעלן געוואָרן ווי מיר שטייען אין דער ריי. זענען זיי אונדז באַפאַלן און מערדערלעך געשלאָגן, און דאָס צוגעזאָגטע ביסל עסן האָבן מיר שוין אויך ניט באַקומען. מיר האָבן זיך געלעגט הונגעריק און זענען אויפגעשטאַנען הונגעריק. אָנגעווייטיקטע מיט צעבראָכענע פּלייצעס און געשוואָלענע פיס. קיין ביסל וואַסער האָבן מיר׳ אויך ניט געקענט באַקומען — ניט צום וואַשן זיך און ניט צום טרינקען, ווײַל די פּויערן האָבן אונדז ניט צוגעלאָזט צו די ברונעמס. זיי האָבן געטענה׳ט — און דאָס איז אין א געוויסער מאָס געווען ריכטיק — אַז אונדזערע קעסעלעך זענען ניט ריין און מיר וועלן פאַרשמוציקן דאָס וואַסער. אַזוי האָבן מיר זיך געשטעלט צום ווייטערדיקן מאַרש און אַזוי זענען מיר געגאַנגען ביז שמחת-תורה.

אייגנטלעך האָבן מיר פאַרלוירן דעם חשבון פון די טעג, ניט געוווּסט ווען ס׳איז שבת און ווען ס׳איז יום-טוב. אָבער מיר זענען אָנגעקומען קיין בערשאַד און דאָרט געטראָפן עטלעכע אונדזערע בריטשאַנער. מיר האָבן זיי זער שטאַרק מקנא געווען, וואָס זיי האָבן געהאַט דאָס גליק שוין אראָפּצוואַרפן דער רוק-זאַק פון די פּלייצעס און זיך אויסגלײַכן די אָנגעווייטיקטע ביינער — אמת, אויף דער

בלויזער ערד. מיר האָבן נאָך דערווייל ניט זוכה געווען אפילו צו אזא מקום מנוחה. אונדז האָט מען געטריבן נאָך אכצן קילאָמעטער ביז צום בוג, און דאָרט זענען מיר געבליבן אין א קאָלכאָז.

אינעם קאָלכאָז זענען געווען נאָך בריטשאנער. אָבער זיי זענען געווען צעשפּרייט איבער די דריי דערפער פון וועלכע דער קאָלכאָז איז באשטאנען. איך, לייב ראָזענבערג (לייב ניסנ׳ס), אברהם ראבינאָוויטש מיט זייערע פאמיליעס, האָבן זיך געהאלטן אינײנעם און האָבן געפונען אליידיקע שטאל. האָבן מיר, נאָך פיל מי און מאטערנישן און אָפּגעבענדיק דאָס לעצטע וואָס מ׳האָט פארמאָגט, געקראָגן א ליידיק קליין פויעריש שטיבל. מיר האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט גאנצע פיר פאמיליעס, בסך-הכל 14 נפשות, אויף דריי-שטאָקיגע געלעגערס.

די קעלט איז געווען גרויס, און הייצן איז ניט געווען מיט וואָס. אויף צו ברענגען א ביסל שטרוי כדי אָפּצוקאָכן א ביסל קארטאָפל, אָדער א מאמעליגע, האָט מען געמוזט גיין זעקס-זיבן קילאָמעטער. דאָס עסן איז געווען ווייט פון גענוג. ס׳איז, פשוט, ניט געווען פאר וואָס צו קויפן. כדי צו קריגן א ביסל פּראָדוקטן האָט מען געמוזט אוועקגעבן פון דעם ביסל הלבשה און וועש, וואָס מ׳האָט נאָך פארמאָגט. א סך זענען ארויס אויף ארבעט אין קאָלכאָז, צו רייניקן די ראָפּגענומע-נע ארבעס. פאר גאנצע אכט שעה ארבעט האָט מען באקומען א ביסל ארבעס אָדער לינטע. דאָס איז אָבער געווען פארבונדן מיט סכנות-נפשות. איינמאָל האָט א רומענישער פּאטרול זיך אנגעשלאָגן אין צוועלף יידן, וואָס זענען געגאנגען צו דער ארבעט, און די סאָלדאטן האָבן אָן שום טענות דערשאָסן אלע צוועלף. ווישן די געפאלענע איז געווען אויך א בריטשאנער, (מאיר ליפל) : א שמוישן־הענדלער (זיין שווער האָט געוווינט ביי דער יעדינעצער בריק). ער איז שטארק פארוואונדעט געוואָרן. האָט זיך אָפּגעמוטשעט נאָך א פּאָר וואָכן ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין כשר׳ע נשמה.

כ׳האָב זיך ארומגעקוקט אז ס׳איז ניט קיין תכלית; ס׳איז שוין באלד נישטאָ וואָס צו בייטן, און כ׳האָב באשלאָסן צו נעמען די פאמיליע און אנטלויפן קיין בערשאד, 18—20 קילאָמעטער פון אונדזער קאָלכאָז. „אנטלויפן״ — ווייל פאָרן איז ניט מעגלעך צוליב צוויי טעמים: ערשטענס, דארף מען דערצו גאנצע צוויי דערלויבנישן, איינע — אויף ארויספאָרן פון קאָלכאָז, און איינע —אויף ארײנצו-פאָרן קיין בערשאד. צווייטנס, ווער האָט דאָס צו באצאָלן פאר א פור?... האָבן מיר געדונגען פאר עטלעכע מארק א טרעגער, ער זאָל אונדז העלפן טראָגן דאָס ביסל אָרעמקייט, און אין איינעם א פארטאָג האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזט אין וועג. ביז בערשאד איז אלץ דורכגעגאנגען אָן שטערונגען. איך בין געווען אָנגעטון אין פּויערישע בגדים און בין געווען פארשווארצט און ניט ראזירט, האָב איך ניט געצויגן צו מיר די אויפמערקזאמקייט פון די פּאטרולן ביי דער בערשאדער בריק, און זיי האָבן מיך ניט געטשעפּעט. די פרוי, אָבער, מיטן קינד און דעם טרעגער האָבן זיי פארהאלטן, צוגערויבט א טייל פון געפּעק; דעם טרעגער גוט אָנגעשלאָגן און געהייסן צוריקגיין אין קאָלכאָז. ס׳האָבן ניט געהאָלפן קיין רעד און קיין

געבעט. זיי האָבן געמוזט דעם גאנצן טאָג ארומקרייזן די שטאָט, און ערשט פאר־נאכט זענען זיי מיט סכנת־נפשות אריבער דעם טייך, וואָס האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו לאָזן.

א צימער האָב איך געהאט באשטעלט נאָך פריער, פאר 15 מארק א חודש. לייב ראָזנבערג האָט אויך געזאָלט דינגען א צימער אין בערשאד; ער האָט אָבער ניט געקענט איינגיין אויפן פרייז און איז פארבליבן אין קאָלכאָז. דאָרט האָט ער טאקע זיין לעבן פארלוירן. ווען די רוסישע ארמיי איז אריבער דעם בוג און האָט שטארק באשאָסן דעם קאָלכאָז, האָט ער באקומען א הארץ־שלאג און האָט שוין ניט זוכה געווען צו דער ישועה.

בין איך שוין אין א גוטער שעה אין בערשאד. אָבער פון וואָס לעבט מען? כל זמן ס׳איז נאָך געווען וואָס, האָט מען פארקויפט אָדער געביטן אויף פּראָדוקטן. אָבער דאָס האָט זיך אויך געענדיקט. האָב איך גענומען האנדלען מיט וואָס נאָר ס׳לאָזט זיך: מיט וואלוטע, מיט גאָלדענע פינפערלעך, מיט שוועבעלעך, מיט פּאפּיראָסן, וואָס כ׳האָב צעטראָגן אין די ארומיקע דערפער. איינמאָל האָט מען מיך געכאפּט, צוגענומען ביי מיר דאָס ביסל סחורה און מיר באצאָלט פאר איר מיט עטלעכע גוטע קלעפּ. האָב איך שוין פארענדיקט מיטן מסחר.

האָב איך מיך גענומען שרייבן צו קרובים און צו סתם באקאנטע און געבעטן הילף. צו באקומען ביי עמיצן א גמילות־חסד איז ניט געווען קיין רעד. אפילו פון די וואס כ׳האב ניט איינמאל א טובה געטון אין בריטשאן. דאס ווארט רחמנות האָט אין בערשאד ניט עקזיסטירט: האָסטו ניט — ביסטו אויסגעשטעלט צו שטארבן פון הונגער; מענטשן זענען טאקע אזוי געשטאָרבן: פריער געשוואָלן געוואָרן און לסוף שטיל אויסגעגאנגען.

און דאָ קומען אָן נייע צרות: מען נעמט צו ארבעט קיין ניקאלאיעוו, מאכן א בריק פארן דייטשן מיליטער. כ׳האָב אויסגענוצט גרויסע פּראָטעקציע, און מיר איז געלונגען מען זאָל מיך צונעמען פאר א שומר אין א טשוועקעס־פאבריק, פאר איין מארק א טאָג — די פרייז פון א האלבן קילאָגראם ברויט. אָבער דאָך בעסער ווי צו גיין צו די דייטשן... ס׳פלעג זיך אויך מאכן אז מ׳האָט מיך גענומען פאר א בורר, איז צוגעפאלן דערפון א פארדינסטל. די לאגע איז געוואָרן אלץ שווערער און ביטערער.

דער קאָמענדאנט וואָס כ׳האָב געטראָפן אין בערשאד האָט זיך באצויגן צו די יידן פארהעלטניסמעסיק מענטשלעך, און ס׳האָט אפילו געטראָפן אז ער האָט צוריק געגעבן די הענדלער די ביי זיי רעקווירירטע סחורה. דאָס האָט געווירקט אויך אויף די פשוטע זעלנער. ס׳האָט אָבער לאנג ניט געדויערט; ס׳איז געקומען א נייער קאָמענדאנט, א רשע מרושע. געווען איז ער פון בוקאָווינע און די דאָרטיקע יידן האָבן אים געקענט פאר א לערער. ער אָבער האָט זיך בארימט, אז ער האָט שטודירט אין דייטשלאנד און איז א ס.ס. חוץ דעם איז זיין פאָטער, לויט זיינע רייד, דער הויפּט־קאָמאנדיר פון גאנץ טראנסדניסטריע, און ער מעג, הייסט עס,

טון וואָס אים געפעלט — ער האָט פאר קיינעם ניט מורא. גאנצע טעג פלעג ער ארומלויפן אויף זיין מאַטאָציקל און אכטונג געבן, אז די פויערן זאָלן, חלילה ניט פארקויפן די יידן קיין שום פראָדוקטן. דערצו האָט ער נאָך ארומגעצוימט די יידישע גאסן מיט דאָפּלטע שטעכיקע דראָטן. און אז ווער פון די פויערן האָט זיך דאָך אריין געגנבעט מיט א ביסל פראָדוקטן, און מ׳האָט אים געכאפּט, פלעגט ער שטרענג באשטראָפט ווערן.

איינמאָל — און דאָס האָב איך מיט מיינע אויגן געזען — האָט ער אָנגע־טראָפן אויף א יידישן בחור, וואָס האָט געקויפט ביי א פויער א פּאָר קילאָגראַם קארטאָפל. האָט ער אים ערשטנס מערדערלעך געשלאָגן און דערנאָך אים צוגע־בונדן צו זיין מאַטאָציקל און אים געהייסן אזוי לויפן. צום גליק איז אָנגעקומען א העכערער אָפיציר, ניט קיין אָרטיקער, און האָט אָפּגעראטעוועט דעם בחור. ווען די מלחמה האָט זיך פארענדיקט איז דער קאָמענדאנט פארמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער מ׳האָט דערנאָך דעם טויטאורטייל פארביטן אויף אייביקער קאטארגע אין די זאלץ־גראָבנס פון טירגו־אקנא.

ווען די דייטשן האָבן געקראָגן זייער מפּלה ביי סטאַלינגראַד, האָט די קאָ־מענדאטור אויפגעהאָנגען א שווארצע פאָן און מיר האָבן שטילערהייט זיך געפרייט. באלד אָבער איז אראָפּגעקומען קיין בערשאד א פעלדס־קאָמענדאנט, א דייטש, האָט ער זיין גאנצן כעס אויסגעלאָזט צו אונדז — געוואָלט פון אונדז נקמה נעמען פאר סטאַלינגראַד... ס׳איז געווען א סכנה ארויסצוגיין אין גאס פאר מורא מען זאָל זיך ניט טרעפן מיטן קאָמענדאנט. צוויי יידישע יונגע לייט, האָבן טאקע מיט זייער לעבן באצאָלט ווען זיי האָבן אים אָנגעטראָפן אין גאס. אים איז ניט געפעלן דער שטייגער פון זייער באגריסן אים, האָט ער זיי דערשאָסן און זיי אפילו צוויי טאָג ניט געלאָזט ברענגען צו קבר־ישראל.

די פּארטיזאנער האָבן דאן פארשטארקט זייער טעטיקייט אין בערשאדער געגענט. צו זיי זענען צוגעשטאנען אויך אונדזערע ניוניע ניסנבוים (משה ניסנבוימ׳ס זון) און פּעני פלייגער (ד״ר פליייגערס טאָכטער). געהייסן האָט עס אז די פּארטיזאנער האָבן זיי מיט געוואלד גענומען צו זיך. זיי האָבן זיך געפונען אין א קאָלכאָז, עטלעכע צענדליק קילאָמעטער ווייט פון בערשאד.

שפּעטער, ווען מיר זענען שוין צוריקגעקומען קיין בריטשאַן און מיר האָבן געוווינט צוזאמען אין הויז פון ד״ר פליייגער, האָט מיר ניוניע דערציילט ווי די פּארטיזאנער פלעגן שטארק דערקוטשן די דייטשן און די רומענער. איינמאָל האָבן די דייטשן ארומגערינגלט דאָס וואלד, ווו די פּארטיזאנער האָבן זיך אויפגעהאלטן. זיי האָבן זיך אָבער באצייטנס דערוווּסט און האָבן אין א נאכט אָפּגעצויגן אויף הונדערט קילאָמעטער. גאנצע צוויי טעג און צוויי נעכט האָבן די דייטשן באָמבאר־דירט דעם וואלד און אויפן דריטן טאָג האָבן זיי געזען אז זייער ארבעט איז געווען אומזיסט....

די פּארטיזאנער פלעגן ביינאכט אָנפאלן אויף די צוקר־פאבריקן און יעדעס

מאָל אוועקפירן הונדערטער זעקלעך צוקער. זיי האָבן דאָס צעטיילט צווישן די פויערן פון ארומיקע דערפער. און זיי, די פויערן, פלעגן ברענגען קיין בערשאד און פארקויפן צוקער אָדער בייטן פאר זייגערס און הלבשה. אין בערשאד גופא האָט זיך ארומגעדרייט א ייד א פארטיזאנער! א געוועזענער קאפיטאן אין דער רויטער ארמיי. ווען דער קאָמענדאנט האָט זיך פון דעם דערוווסט (ס׳האָט זיך געפונען ווער ס׳האָט צוגעטראָגן!), האָט ער באשטימט א פרעמיע פון 1000 מארק, אויב מען וועט אים כאפן. האָט מען אים אין א טויט-קאסטן ארויסגעטראָגן אויפן בית-הקברות, און פון דאָרט האָט ער שוין דעם וועג געפונען... ווען די רוסישע ארמיי איז אריין קיין בערשאד, איז ער מיט זיי צוריק געקומען.

די פארטיזאנער האָבן זיך געווענדעט נאָך שטיצע צו אונדזערע כלל-טוער, אין דער שפּיץ פון ד״ר שרענצעל, און האָבן פון זיי באקומען עטלעכע טויזנט מארק און א ביסל קליידונג פון דעם וואָס איז אָנגעקומען פאר די פארשיקטע. אויך פריוואטע פערזאָנען האָבן געשטיצט די פארטיזאנער — ווער גוטוויליק און ווער פאר מורא — און האָבן געגעבן וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. דאָס האָט געבראַכט צו גאנץ טרויעריקע רעזולטאטן.

א רומענישער געהיים-אגענט האָט זיך אָנגעהויבן חבר׳ן מיט א יידישן בחור און אייניקע מאָל אים איינגעלאדן אין שענק אויף צו טרינקען. דער בחור האָט איינמאָל, זייענדיק שיכור, אָנגעהויבן צו פּלאפּלען און ביסלעכווייז אויסדער-ציילט סודות, אין אָנהויב ניט זייער וויכטיקע. אָבער ווען מ׳האָט אים ארעסטירט און אים אכזריותדיק געשלאָגן און געפייניקט, האָט ער ניט אויסגעהאלטן און אויס-געגעבן אייניקע מיטהעלפער פון די פארטיזאנער, און אפילו אָנגעוויזן דאָס פלאַץ, וו ס׳איז געווען באהאלטן די ליסטע מיט א גרויסער צאָל נעמען פון די וואָס האָבן בייגעשטייערט זייער שטיצע פאר די פארטיזאנער. דאָס האָט מען זיך דערוווסט ערשט שפּעטער, און דערווייל האָט מען יעדע נאכט ארעסטירט א פּאָר צענדליק מענטשן. אזוי האָט מען צוזאמענגענומען עטלעכע און צוואנציק קריסטן און קרוב צו צוויי הונדערט יידן. מ׳האָט זיי שוידערלעך געפייניקט, און לסוף ארויסגעפירט ארויס דער שטאָט, זיי דערשאָסן און באגראָבן אין צוגעגרייטע גריבער.

עס איז ווייט ניט מעגלעך אלץ איבערצודערציילן, וואָס מיר זענען דורכ-געגאנגען אין די דריי מיט א האלבן יאָר. עס גלויבט זיך קוים, אז מ׳האָט אזוינס געקאָנט איבערטראָגן. זענען טאקע די גרעסטע טייל ארויסגעטריבענע טראגיש אומגעקומען. שוין אייניקע חדשים פאר אונדזער באפרייאונג האָט מען אָנגעגעבן אז די צאָל לעבן-געבליבענע יידן אין טראנסניסטריע איז אַן ערך 42 טויזנט. בעסאראביע אליין האָט געציילט קרוב צו 300 טויזנט. דער חשבון איז, הייסט עס, קלאָר: ניט ווייניקער פון 250 טויזנט יידן האָבן זייער קבר געפונען אין טראנסדניסטריע.

יוסף הורביץ

דער וועג פון פיין

. . . א מאָל האָב איך געהאט צוויי היימען — מיין געבורט שטעטל בריטשאַן, ווו עס זענען געווען באבע-זיידע, פעטער-מומעס, און לאָדזש, פוילן, ווו עס זענען געווען עלטערן, ברידער, שוועסטער, און ווו כ׳האָב נאָכדעם געהאט מיין איי־גענע היים. אין לאָדזש פלעג איך אויף אמאָל באשליסן — כ׳פאָר אהיים: דאָס האָט געהייסן — קיין בריטשאַן. אין בריטשאַן בין איך אַפּגעווען א פּאָר וואָכן און זאָג: כ׳פאָר אהיים; האָט דאָס געהייסן קיין לאָדזש... בין איך איצט געפאָרן מיט דעם זעלבן וועג ווי אמאָל — אהיים.

...ס׳איז מלחמה. צי וועט מען די שטאָט (טשערנאָוויץ) פארטיידיקן? צי וועט מען אוועקגיין אזוי? אָבער בעסאראביע וועט מען באשטימט ניט אָפּגעבן אזוי. דארף מען לויפן קודם-כל אהיים, אהין, קיין בריטשאַן.

דער אויטאָבוס, וואָס קורסירט צווישן בריטשאַן און טשערנאָוויץ, האָט זיך אָפּגעשטעלט שוין פונעם ערשטן טאָג אָן. מען האָט זיך אָפּגערעדט מיט א פורמאַן, באצאָלט פארן פערד און וועגעלע. אינדערפרי איז ער געקומען, אָפּגע־בראכט די ידיעה: נישטאָ, זאָגט ער, שוין נישטאָ קיין וועג אהין, איבערגעשניטן דעם וועג... מיר זענען אין א שטייג, נישטאָ ווו צו לויפן.

...אונדזער א גוטער פריינט, מעכעלע וואלשטיין, און זיין זון ליוסיק, עטלעכע דאָקטוירים, לערער און אנדערע, האָט מען פארנומען און זיי זענען פארפאלן געוואָרן. ווען ס׳איז נאָכדעם געקומען ליוסיקס אלטע ניאניע און דער־ציילט, אז זי האָט אליין געזען מיט די אייגענע אויגן, ביים פּרוט א בארג מיט מתים און דער ערשטער, וועלכן זי האָט אויפגעדעקט איז טאקע געווען ליוסיק, און דער צווייטער איז געווען מעכעלע און נאָך באקאנטע, האָט מען איר פשוט ניט געגלויבט... נישט געוואָלט גלויבן; ס׳איז אָבער געווען דער אמת, דער שרעקלעכער אמת; מען האָט זיך אין דעם איבערצייגט שפּעטער.

...פון בעסאראביע זיינען אין דער צייט אָנגעקומען וואָס אמאָל ערגערע בשורות. מען האָט ארויסגענומען די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון די בעסארא־בער שטעט און שטעטלעך און זיי אריבערגעוואָרפן איבערן דניעסטער, צו די דייטשן. באלד דערוויסן מיר זיך, אז מ׳האָט זיי דאָרט נישט אָנגענומען און מ׳האָט זיי געיאָגט צוריק, אז מ׳האָט זיי פארשפּארט אין לאגערס אין יעדיניעץ און אין סעקוראַן...

עס איז דאָ נעבן בריטשאַן א דאָרף, הרובנע, א רוסיש דאָרף מיט קאצאפּעס. זיי האָבן גערטנער און די בעסטע פּרוכטן, גרינצייג, אויך האָניק, וואקס א.א.וו. דאָס אלץ פלעגן זיי ברענגען אין די ירידים-טעג אויפן בריטשאנער מארק. איצט, אז קיין יידן זענען אין בריטשאַן נישטאָ, ברענגען הרובנער קאצאפּעס זייערע פּראָדוקטן קיין טשערנאָוויץ. איינמאָל האָב איך אויפן מארק באגעגנט א באקאנטן הרובנער קאצאַפּ, וואסיל. ער האָט עס מיר דער ערשטער אָפּגעגעבן דעם אמתן גרוס, ווי ס׳איז צוגעגאנגען דער אומגליק, דאָס אויפהייבן און ארויסשיקן די יידן

פון בריטשאן, און אזוי ווי פון בריטשאן אויך פון די אנדערע שטעט און שטעטלעך פון בעסאראביע. ער האָט מיר קודם כל אָפּגעגעבן א גרוס פון מאַטלען און סימעלען; זיי זענען געווען דאָרטן אין בריטשאן, און אוועק מיט אלע, מיט די ארויסגעשיקטע. ער האָט עס אויך מיר איבערגעגעבן א פּרט פון דער ארויסשיקונג, אז ביי מיינעם א קרוב, ליוסיק שווארץ, אן אדוואָקאט, זענען אין דער צייט פונעם ארויסשיקןביידע קינדער געלעגן קראנק אויף סקארלאטינע מיט העכער 40 גראד היץ. ער האָט געבעטן מ'זאָל די קינדער לאָזן דערווייל אין שפּיטאָל; עס האָט ניט געהאָלפן, ער האָט זיי געמוזט אין דעם צושטאנד מיטנעמען.

6 א זייגער אינדערפרי האָט מען געמאָלדן אין בריטשאן, אז אלע יידן דארפן זיך פארזאמלען ביז 9 א זייגער אויף דער „טאלעקע" (א לאָנקע). מיליטער, פּאָליציי און א ביסל אונטערוועלט-לייט האָבן אכטונג געגעבן אז ביז 9 א זייגער זאָלן שוין די יידן אין זייערע היימען נישט זיין. אויף דער טאלעקע (וויפל מאָל מיר, קינדער, פלעגן זיך שפּילן, שפּאצירן אויף דער דאָזיקער „טאָלעקע", עס איז אמאָל געווען דער שבתדיקער שפּאציר פארן שטעטל, איצט איז דאָרט געשטאנען דער אומגליק), זענען שוין געשטאנען אָנגעגרייט פורלעך פאר די קינדער און קר'אנקע. הארצרייסנדיקע געשרייען און געוויינען די גאנצע צייט אין שטעטל, איבערן וועג און אויף דער טאָלעקע. מען האָט געמוזט מיטנעמען אלע, מען האָט נישט געלאָזט אין שטעטל קיין איינציקן ייד. עס איז געלעגן אין גסיסה, אין זיינע ל'עצטע מינוטן, אן אלטער ייד. די קינדער האָבן געבעטן, מען זאָל זיי לאָזן ביז זיי וועלן אָפּגעבן דעם טאטן דעם לעצטן כבוד. זיי האָבן געהאָט איין ברירה: זיי האָבן געקאָנט, ס'איז געווען א חסד, דעם גוסס לאָזן אויפן אָרט, זיי אָבער, האָבן געמוזט גיין.

די נאָרמאלע יידישע באפעלקערונג אין בריטשאן האָט געציילט א 12 טויזנט מענטשן; איצט זענען געווען ביז 16 טויזנט, ווייל עס זענען אריינגעקומען אהער פון ליפקאן און סעקוראן די יידן; אין אָנהויב מלחמה איז דאָס געווען אויף דער פראָנט-ליניע.

די אלטע, קראנקע און די קינדער, ווי אויך אייניקע זאכן פון די, וועלכע האָבן געקאָנט גיין צופוס, נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט טראָגן זייערע זאכן, האָט מען איינגעאָרדנט אויף די פורלעך. די איבעריקע האָט מען אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס, 300 מענטשן אין א קאָלאָנע, ארומגערינגלט מיט מיליטער און — אין מארש.

אויפן וועג, וואָס ווייטער, אלץ ערגער. נאָר אייניקע היימישע גויים האָבן אָפּגעפירט זייערע פּאסאזשירן א ביסל ווייטער. די גרעסטע טייל זענען גיך מיד געוואָרן און אראָפּגעוואָרפן די פּאסאזשירן מיט די קלומיקלעך און צוריקגעקערט אהיים. דאָס איז נאָך געווען דאָס איידלסטע. שפּעטער איז געוואָרן ערגער; מען האָט געהאט צו טאָן מיט פרעמדע גויים; זיי אליין האָבן פארקירעוועט די פורלעך אויף א זייטיק וועג, די זאכן צוגענומען און די פּאסאזשירן אָפּטמאָל דערביי דערליידיקט. וואָס ווייטער איז געוואָרן נאָך ערגער. עס איז געווען ווי אָפּגערעדט צווישן קאָנוואָי

און די באנדעס פון די דערפער: מען האָט אָפּגעשניטן גאנצע גרופּעס פון די קאַלאָנעס, פון דער גאנצער מאסע, זיי פארפירט אין א זייט אין פעלד, אָדער וואלד — דאָרט בארויבט און אויסגעהרגעט. דער וועג איז געווען פארזייעט מיט הרוגים. אין מארש האט מען געיאגט, געטריבן, געשלאגן. פיל האבן ניט אויסגע־האלטן און געבליבן אויפן וועג. מען האָט געלאָזט טאטע־מאמע, ברידער־שוועסטער און קינדער, און מען האט געמוזט לויפן, געיאגטע ווייטער... און וואס נענטער צום דניעסטער, אלץ גרעסער די רציחות.

צו אָטעק (א שטעטל ביים דניעסטער, פון דער זייט פון בעסאראביע, פון יענער זייט דניעסטער ליגט מאהילעוו־פּאדאלסק), זענען די קאלאנעס צוגעקומען שוין שטארק שיטערע. און איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אריבערפירן דורכן דניעסטער. די בריק איז געווען אויפגעריסן, מען האָט אריבערגעפירט אויף לאדקעס, פּאראמען; האָט מען געוואָרפן אין וואסער אריין זאכן און מענטשן, געשלאָגן און געהרגט...

און פון יענער זייט דניעסטער, ביי מאהילעוו, איז דאָ א בארג; יאָגט מען אויף דעם בארג. מענטשן ווארפן פון זיך אראָפּ יעדן איבעריקן גראם פון געפּעק; ווער קאָן עס עפּעס נאָך אזא וועג לויפן מיט געפּעק ארויף אויפן בארג? און אז מען איז שוין העט אויבן — יאָגט מען צוריק אראָפּ. ערשט, ווער עס איז נאָך געבליבן ביי עפּעס, ווארפט אין וועג אראָפּ דאָס איבעריקע, ווייל א סך מענטשן קאָנען אראָפּ נאָך ערגער גיין, ווי ארויף... די זאכן קלויבן נאָכדעם אויף אנדערע. די יידן יאָגט מען ווייטער, גלאט אזוי, פאר ספּאָרט שוין, ארויף־אראָפּ, ארויף־אראָפּ; ביז זיי בלייבן אָן א נשמה, אָן א הארץ.

פארמוטשעטע, דערשלאָגענע, א סך פאריתומטע, זענען ענדלעך די רעשט־לעך אנגעקומען קיין מאהילעוו. די שטאט א רואינירטע, אויסגעבאמבעטע, צעבראָכענע, איז גרייט זיי אריינצונעמען אין אירע רואינעס, אָבער דאָ הייבט זיך אָן א נייעס: די שטאָט איז נאָך אין די הענט פון די דייטשן, וועלכע זאָגן אז זיי דארפן נישט די יידן, מען זאָל זיי צוריק פארנעמען...

און עס הייבט זיך אָן צוריק, דורכן וואסער און די קאַלאָנעס, דורכן באנייטן רויב און מאָרד, קיין סעקוראן. דאָ האָט מען געמאכט א לאגער. דאָ געפינען זיך איצט אלע וואָס זענען נאָך גאנץ געבליבן פון דעם מארש. די בריטשאנער, די כאָטינער, די ליפּקאנער, דאָס אלץ געפינט זיך איצט אין סעקוראן. מיינע אויך; ווי אזוי פארבינדעט מען זיך מיט זיי? אפשר פּרוּוון זיי ארויסשלעפּן?

איצט ווייסט שוין גאנץ טשערנאָוויץ וועגן דעם אומגליק בעסאראביע, און עס זענען פאראן פארשידענע באציאונגען אפילו צווישן די יידן צו דעם אומגליק בעסאראביע. די טשערנאָוויצער, די בוקאָווינער הייסט עס, האלטן זיך פאר מער יחסנים. די בעסאראבער, מיינען זיי, האָבן עפּעס א שטיקעלע חטא אויף זיך: זיי זענען כמעט רוסישע, שטענדיק געווען פּראָ־רוסיש, האָבן זיי אפילו פארדינט וואָס מען רעכנט זיך מיט זיי אָפּ א ביסעלע; אָבער מיט זיי, מיט די בוקאָווינער און

בפרט מיט די טשערנאָוויצער, וועט מען זיך אזוי ניט באגיין — אזוי מיינען זיי — און דאָך איז מען אפעס אומרואיק, מען האָט מורא.

די בעסראַבער אין טשערנאָוויץ האָבן אנדערע דאגות: ווי אזוי רייסט מען ארויס די נאָענטע, די אייגענע פונעם לאגער, פון סעקוראַן און פון יעדינעץ. אין יעדינעץ, דאָס ווייסען מיר שוין אויך, האָט מען אויסגעקוילעט כמעט דאָס גאנצע שטעטל יידן. דאָס פארבליבענע ביסל ארויסגעיאָגט אויפן וועג צום דניעסטער, איבערן דינעסטער קיין „טראנסניסטריע".

...איך האָב באקומען א גרוס פון יענע — פון די ארויסגעשיקטע קיין טראנס-ניסטריע. אז ווי איז צו דעם גרוס. געבראכט האָט אים אנאטאָלי יעפיפאנאָוויטש באלבאשענקא, דער זון פון אונדזער בריטשאנער גלח, אונדזערער א „גוטער פריינט". קיין גוטער פריינט אין אלגעמיין פאר יידן — איז ער נישט. אן אידעאָלאָגישער קוזאָוועץ, נאָר א געוועזענער מיטשילער פון א סך יידישע קינדער פון דער בריטשאנער „אוטשילישטשע", און פון דאנען די פארבינדונג און די גענייגטקייט פון זיין זייט מיטצוהעלפן צו לינדערן די יסורים פון אייניקע זיינע בריטשאנער געוועזענע מיטשילער און חברים.

ער דערציילט: אויפן וועג קיין מאָהילעוו, ביים ברוקירען די שאָסייען, ארבעטן יידישע יונגעלייט, נאקעטע, באָרוועסע, הונגעריקע, אויסגעצערטע, האלב-סקעלעטן. עמיצער האָט זיך מרחם געווען און פונם אויטאָ, מיט וועלכן מען איז אדורכגעפאָרן נעבן א גרופע פון אזעלכע ארבעטער, ארויסגעוואָרפן א ברויט. די יינגלעך האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם ברויט ווי ווילדע חיות. ווי הינט געריסן איינער ביים אנדערן, געביסן ביים אנדערן פון די הענט. די אויפזעער זענען צו און מיט די קאָלבעס זיי צוטריבן. נאָך דעם איז עס געוואָרן א „זאבאווע", אזא ביי א טייל „באַרעמהארציקע" מענער. זיי פלעגן אומיסטן פאָרן, ארויסוואַרפן גאנצע ברויטן און צוקוקן ווי די יינגלעך רייסן זיך.

אין מאָהילעוו אליין, פאר די טירן, ליגן מענטשן אָנגעשוואָלענע ווי בערג, מיט ריזיקע קעפּ און ריזיקע הענט און פיס — אָנגעשוואָלן פון הונגער, ליגן זיי און בעטן אויף זיך דעם טויט, וואָס פארשפעטיקט, קומט נישט באפרייען פון דעם יסורימדיקן לעבן. אנדערע, ווידער, זענען אויסגעדארט ווי סקעלעטן. מען איז משוגע פון הונגער און מען גייט נאקעט, איינפאך נאקעט, אויף די גאסן. אזאק א פאפיר — איז קליידונג. און ער שטעלט זיך אפּ ספּעציעל אויף נאקעטע פרויען מיט אנטבלויז-טע בריסטן, וואס הענגען נאָך ווי פוסטע טארבעס.

פאראיאָרן האָט מען גערעדט וועגן הונדערט פינף און אכציק טויזנט דעפּאָרטירטע פון בעסאראביע און בוקאָווינע. נאָכן זומער האָט מען גערעדט וועגן 250 טויזנט. דאָס זענען געווען אָפיציעלע ציפערן: יידן האָבן זיך זייער חשבון און רעדן וועגן 400 טויזנט דעפּאָרטירטע. און 80 פּראָצענט פון דעם — זענען אין משך פון ווינטער אומגעקומען פון הונגער און קעלט און עפידעמיעס. און א חוץ דעם

זענען נאָך אין די זומערדיקע דעפּאָרטאַציעס א טייל פון די דעפּאָרטירטע ארויסגע-שיקט געוואָרן פון טראַנסניסטריע ווייטער, איבערן בוג.

די אויסגעמאַטערטע, אויסגעמוטשעטע, האָט מען ווייטער געיאָגט. און ווידער האָט זיך דאָ אין טראַנסניסטריע אָנגעהויבן דאָס וואָס איז געווען פריער אין טשער-נאָוויץ — ווער עס האָט נאָך געקענט, האָט זיך אויסגעקויפט, באַקומען נייע אויטאָריזאַציעס צו בלייבן אויפן אָרט, אָפּגעשטופּט דעם מלאך-המות אויף א שטיק צייט. ווער עס האָט זיך נישט געקענט אויסקויפן, איז אריבערגעשיקט געוואָרן איבערן בוג צו די דייטשן און מען ווייס נישט, וואָס ס׳איז מיט זיין געוואָרן.

...„די וואָס טראָגן דעם געלן צייכן, טראָגן אויך דעם קרייץ פון ליידן; די וואָס טראָגן דעם קרייץ — טראָגן אויך דעם געלן שאַנדפלעק פאַר די ליידן וואָס מען טוט אָן אומשולדיקע מענטשן״.

איך האָב עס מיין באַקאַנטער, דער יידישער פרוי מיטן צלמל אויפן האלדז, איבערדערציילט ווי א גלייכוואָרט און באלד חרטה געהאַט: וואָס פאַרא טענות קען איך האָבן צו א ווערמל, וועלכעס באַקומט פון דער נאַטור דעם קאָליר פון דעם ארום, דעם שוץ-קאָליר — דער שונא זאָל עס נישט באַמערקן. די נאַטור אליין וויל דאָס ראַטעווען און דאָ מוזן מענטשן אליין וועגן זיך טראַכטן, זיך ראַטעווען. דאָס צלמל איז אין דעם פאַל דער שוץ-קאָליר, א באַהעלטעניש.

...1 סעפּטעמבער 1942. פון טראַנסניסטריע האָבן מיר שוין גענויערע באַריכטן: א קלוגער רומענער, וואָס האלט זיך פאַר א גוטן פריינט פון יידן, האָט כאַראַקטעריזירט די לאַגע פון די יידן דאָרט קורץ און בינדיק, מיט איין פראַזע: „די יידן האבן דאָרט נישט קיין רעכט אויף לעבן״. טוט מען אלצדינג, כדי זיי זאלן אויסשטאַרבן. פון גאַנץ בעסאַראַביע און בוקאָווינע זענען געבליבן אויפן אָרט נאָר 8 ביז 10 טויזנט יידישע נפשות, וואָס געפינען זיך אין טשערנאָוויץ און זיצן שטענדיק מיט דער נשמה אין די הענט און מען וואַרט אויף א פרישער דעפּאָרטאַ-ציע. די פרישע דעפּאָרטירטע גייען שוין דירעקט איבערן בוג.

...אין טראַנסניסטריע וואַרפט מען אריבער גרעסערע גרופּעס איבערן בוג צו די דייטשן און פון דאָרטן ווערן זיי ערגעץ נעלם. מען ווייסט נישט פון זיי מער גאָרנישט, און יעדער פון אונדז האָט דאָרט די נאָענטסטע.

ס.אָ.ס. — ראַטעוועט אונדזערע נשמות! אומזיסט! נישטאָ צו וועמען צו שרייען. עס וועט קיינער נישט הערן, עס רופט זיך קיינער נישט אָן. עס גייט צו גרונט א פאָלק און קיינער קומט נישט צו הילף. עס האָט זיך אדורכגעשלאָגן אהער א קאַרטל, געשריבן פון א רב פון ראַווא-רוסקא, געשריבן מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן, מיט העברעאישע ווערטער. דער רב שרייבט, מ׳זאָל איינלייגן וועלטן, מ׳זאָל שרייען, מ׳זאָל מיטטיילן אין אלע עקן וועלט: מען ברענגט אום א פאָלק. מען זאמעלט אויף איין אָרט צענדליקער טויזנטער מענטשן, מען מאַטערט זיי אויס מיט ארבעט, הונגער און דורשט, און נאָך דעם ברענגט מען זיי אום, צו טויזנטער מיט אמאָל, מיט עלעקטרע. לויפט און שרייט! גיט איבער אין אלע עקן, אין אלע וועלטן, שרייבט דער רב.

װעמען איבערגעבן? װער זאָל שרײַען? װער הערט אונדז? מיר אַלײן זענען דאָ באַשטימט אויף פאַרניכטונג. נישט הײַנט, איז מאָרגן.

...פון טראַנסניסטריע האָט מײַן פרײַנדין עספיר א. בערשטײן, באַקומען דורך אומבאַקאַנטע װעגן א צעטעלע, אין װעלכן ס'שרײַבט זיך: ראַטעװעט, ס'איז װינטער. איך גײ אָנגעטאָן אין א װערעטקעלע, אויסגעשניטן א לאָך, אז דער קאָפּ זאָל אדורכגײן און פאַרגאַרטלט מיט א שטריקעלע. אויף די פיס האָב איך גאָרנישט. אזוי איז אויך אָנגעטאָן מײַן קינד. מיר שלאָפן נישט בײַנאַכט, װײַל ס'איז אונדז קאַלט. מיר האָבן זיך נישט מיט װאָס צוצודעקן. שיקט עפּעס אָנצוטאָן, אז כ'זאָל קענען אַרויסגײן אין דרויסן כאָטש בעטן א נדבה.

...ס'איז װירקלעך אדורכגעפאָרן דורך טשערנאָװיץ א טראַנספּאָרט מיט די רעשטלעך פון טראַנסניסטריע, נאַקעטע, באָרװעסע, אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע, אויסגעמוטשעטע. עס האָט געמאַכט אײן אײַנדרוק פון א גרופּע אָפּגעריסענע בעטלערס... און דאָס זענען דאָך געװען אונדזערע נאָענטע, אונדזערע קרובים און באַקאַנטע! א שרעק, װאָס עס איז פון זײ געװאָרן.

אײנער װאַרפט אַרויס אין אײן אָטעם גרויסען פון דאָרטן, פו די פאַרבליבענע, פון די אומגעקומענע: דער און דער — געשטאָרבן פון הונגער; דער דערשאָסן, דעם איבערגעלאָזט א פאַרחלשטן אין װעג, די זענען פאַרפרוירן געװאָרן א.א.װ. — אַלץ װעגן אונדזערע נאָענטסטע... װען מען זאָגט: טויזנטער מענטשן זענען גע-שטאָרבן פון הונגער, פּן קעלט, דערפרוירן געװאָרן, מאַכט דאָס אַן אײַנדרוק, װי סטאַטיסטיק; אָבער װען מען דערװיסט זיך אז דער אײגענער אַלטער קראַנקער טאַטע איז געגאַנגען איבערן װעג, איבער פעלדער, געיאָגט דורך װילדע בעסטיעס, און נאָכדעם געבלאָנדזשעט איבער פרעמדע ערטער, געלעכצט נאָך א שטיקל ברויט, און ס'האָט אים דאָס שטיקל ברויט קײנער נישט דערלאַנגט און ער איז אָנגעשװאָלן געװאָרן פון הונגער און נאָכדעם געשטאָרבן מיט א הונגער-טויט — אָ, דאָס איז שוין נישט קײן סטאַטיסטיק — דאָס איז דער טאַטע געשטאָרבן פון הונגער!...

(מ.צ.). ס'װערן דערמאָנט אין בוך פאָלגנדיקע בריטשאַנער, װעלכע זענען אומגעקומען אָדער װעלכע לעבן ניט מער:

זינא געלפּנשטײן-שילער, אשר רזשאָװינסקי, מאַטל ברײַטמאַן, זיסעלע שילער, משה ברײַטמאַן, פרײדעלע שװאַרצער-העכט, מאיר שװאַרצמאַן.

פון די לעבעדיקע — זײ צו לאַנגע יאָרן — די שװעסטער דימיטמאַנס, יאשקע חוריש, דינה רויטמאַן, יהודית רזשאָװינסקי, גרישע שװאַרצמאַן.

טאַניע פוקס

(אויסצוגן פון איר בוך „א װאַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן", בוענאָס-אײַרעס 1947. די אויסצוגן זענען צונויפגעקליבן געװאָרן דורך מ.צ.).

אין בלוטיקן וועג

ביים אָפּטרעטן פון דער רויטער ארמיי איז אונדזער שטאָט געבליבן א גאנצע (כאטין און ליפקאן האָבן זיי ביים אוועקגיין אונטערגעצונדן). א גרויסער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג, וויסנדיק וואָס עס וואַרט אויף זיי פון די רומענער און דייטשן, זענען מיטגעגאנגען מיט דער רויטער ארמיי. אָבער ביים ברעג פון דניעסטער, אין נעפּאראטאווע, האבן א גרופּע בריטשאנער, כלומרשטע קאָמוניסטן, געשאפן א מין קאָמיסיע, וואָס האָט באשטימט ווער ס'האָט די רעכט אריבערצוגיין דעם דניעסטער און ראטעווען דאָס לעבן, און ווער ניט. אזוי האָבן זיי געפּסלט אלע, לויט זייער מיינונג, בורזשויען אָדער ציוניסטן. ס'האָבן זיך צווישן אנדערע אומגעקערט לוסיק שווארץ מיט זיין פאמיליע, מאיר סניטיוקער און פאמיליע, שפּעטערדיקע קרבנות פון טראנסניסטריע.

בשעתן גרוש, ארויפגייענדיק דעם בארג לעבן בית-הקברות, האָבן א סך געקוקט מיט קנאה אויף די קברים, זיך געווונטשן בעסער צו בלייבן דאָ ביי די אייגענע טויטע, איידער צו גיין אזא וועג, אין וועלכן ווער ווייסט ווו אונדזער געביין וועט אהינקומען.

דער גרוש האָט זיך געענדיקט ערשט אויפן צווייטן טאָג, ווען מ'האָט ארויסגעשיקט די אונטערשטעליקע: קראנקע און קאליקעס; צווישן זיי דעם בלינדן יעקב מלכזאן. אָט די אומגליקלעכע זענען באגלייט געוואָרן דורך חוזק און געלעכטער פון בריטשאנער שקצים.

אין שפּאן אויפן וועג קיין סעקוראן, לעבן אברהם ביטמאן און פרויקע וויינשטיין, האָט ביטמאן זיך געווענדעט צו אונדז: „מילא איך — האָט ער געזאָגט — האָב ניט געגלויבט אין ציוניזם, אין ארץ-ישראל, אָבער איר, וואָס האָט אלע יאָרן אגיטירט און געארבעט פאר ארץ-ישראל, וואָס זענט איר געזעסן און געוואַרט אויף דעם אומגליק?"

אין סעקוראן, פילנדיק אז די כוחות פארלאָזן אונדז, און מיר קענען ווייטער צופוס ניט גיין, האָבן מיר, איך און משה וויזילטיר, איבערגעקויפט מיט צירינג א רומענישן אפיציר, ער זאל אונדז גיבן א פירל צו פארן. מיר האבן אויך דעם רב אפרתי מיט אונדז גענומען. מיר זענען אָפּגעפאָרן נאָר א פּאָר מעטער. האָט א צווייטער רומענער מיט קלעפּ אונדז אראָפּגעטריבן פון דער פור. באזונדערס שווערע קלעפּ האָט באקומען דער רב ז"ל. כאָטש מיר זענען געווען באטויבט און טעמפּ צו אלעמען, האָט דאָס הארץ געריסן, קוקענדיק ווי דער רב פארדעקט מיט די הענט דעם קאָפּ פאר די רוצחישע קלעפּ.

אין ווייטערדיקן וועג, גייענדיק דורך א פארלאָזט שטעטל, האָבן זיך גע-וואלגערט אויף דער גאס ספרים. משקה גרופּנמאכער, זע איך, רייסט בלעטלעך פון א חומש און באנוצט פאר פּאפּיר צו אלעמען. — וואָס טוט איר? האָב איך אים געפרעגט. — אזוי וויל איך — איז געווען זיין ענטפער. ווען דער רבש"ע קען אונדז אזוינס טון, מעג איך אויך אזוי האנדלען!

געווען אויך צווישן אונדז געשוווירענע אָפּטימיסטן: „וואָס-זשע, איר זעט ניט, פּלעג אברהם וואַטענמאַכער זאָגן, אז ס׳איז משיח׳ס צייטן? מיר ליידן טאַקע, אָבער די ישועה איז נאָענט. ס׳קומט די שעה פון נקמה אין עמלק, און ליהודים תהיה אורה״. אויך משה פּערל פלעג דערווייזן מיט אותות ומופתים, לאָגיש און פּאָליטיש, אז אונדזער בלוטיקער שונא מוז גיך פאַלן. דער ערשטער איז אומגעקומען אין סעקוראַנער געטאָ פון שלאַפקייט און הונגער, דער צווייטער איז דערגאַנגען ביז באַר און דאָרט דערשאָסן געוואָרן.

אין סעקוראַנער לאַגער האָט אונדז באַזוכט דער נאָטאַריוס באַלבאַשענקאָ, דעם בריטשאַנער גלח׳ס זון. געפרעגט זיך אויף יוסף-לייב שילער און נאָך באַקאַנטע, געגעבן געלד-שטיצע. נאָר יעדן געהייסן שטיין פונדערווייטנס, פאַר מורא צו פאַרקראַכן ווערן און זיך אָנשטעקן.

געקומען איז אויך אַמאָל סטאַך, א חזירניק פון בריטשאַן. ער איז גע-שטאַנען פון יענער זייט דראָטיקן פּלויט, און יעדן בריטשאַנער ייד, וואָס איז צוגעקומען נאָענט, האָט ער געשענקט 20 ליי. געשטאַנען, געקוקט אויף אונדז און דערביי געגאָסן מיט טרערן.

א קליין ספר-תורה האָט מיט זיך געטראָגן יחזקאלי גאַראַדעצקי. אין א יום-קריאה, אויב מ׳איז געשטאַנען אויף א אָרט, האָט ער עס אַרויסגענומען ליינען דעריין. נאָכן צווייטן גרוש פון סעקוראַן האָט ער צוזאַמען מיט זיין ספר-תורה זיין רו געפונען אין א צוגעגרייטן גרוב אויפן וועג קיין מאָהילעוו.

כדאי צו פאַרצייכענען: אין די געציילטע וואָכן וואָס מיר זענען געווען אין סעקוראַנער לאַגער, ניט געקוקט אויף נויט, הונגער, קרענק, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט, אויף די צענדליקער טויטע, וואָס מ׳האָט יעדן טאָג מקבר געווען, האָבן מיר צוזאַמען מיט די חאָטינער, וואָס זענען מיט אונדז געווען, געשאַפן א קהילה-ראַט, וואָס האָט אונדז פאַרטיידיקט פאַר דער מאַכט, אָרגאַניזירט פאַר איר אַרבעט-גרופּן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן צו פאַריכטן וועגן און רייניקן שטעט-לעך; אָפּגעטיילט פונעם ביסן פאַר קראַנקע און גאַנץ הילפלאָזע; געגעבן מעדיצי-נישע הילף; באַזאָרגט די שול צו ימים-נוראים, פאַריכט דעם מרחץ און געגרייט זיך צו א ברייטערער טעטיקייט, ווען ניט דער פּלוצימדיקער באַפעל: גיין ווייטער!...

מיטן אָפּטרעטן פון די רוסישע חיילות אין אוקראַינע, זענען מיט זיי מיטגעגאַנגען א סך יידן. די וואָס האָבן געהאַט מעגלעכקייטן דאָס צו טון. געבליבן אין די שטעטלעך זענען די אָרעמע און פיזיש שוואַכע. ס׳איז לייכט זיך פאָרצו-שטעלן וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט ביים אַריינקומען פון די דייטשן, דערנאָך די רומענער. ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט אז געטריבענע יידן פון בעסאַראַביע גייען דורך זייערע מקומות, האָבן זיי אין איילעניש צוגעגרייט און אונדז באַגעגנט מיט עסן. נאָך מאָהילעוו פאָדאָל און נאָך אַזאַרעניץ, ווו מיר האָבן בכלל קיין יידן נישט געטראָפן, זענען מיר נאָך צוויי רעגנדיקע טעג געקומען קיין לוטשינעץ. דאָרט האָבן מיר אין מיטן שטעטל געטראָפן א גרופּע יידן ביי גרויסע קעסלען

מיט קאַרטאָפל-סופּ. יעדער פון אונדז האָט באַקומען א טעלער סופּ מיט א שטיקל ברויט. ניט צו באַמאָלן דעם טעם וואָס מיר האָבן אין דעם עסן געפילט, און דער מוט און חיות וואָס די יידישע סאָלידאַריטעט האָט געשטאַרקט, ביי אונדזער מאָראַלישער געפאַלנקייט.

אין געטא קאַפּייגאַראַד

כדי צו האָבן א מינימאַלע פאַרשטעלונג פון די שרעקליכע ליידן וואָס מיר זענען, במשך פונם ערשטן יאָר געטאָ, אויסגעשטאַנען, איז גענוג צו דערמאָנען אייניקע פאַלן און מאָמענטן:

נישט געקוקט אויף דער סכנה געשלאָגן אָדער געשאָסן צו ווערן, האָבן יידן זיך באַהאַלטן אונטער דער קאַזאַרמע פון רומענישן מיליטער (אויסער דער געטאָ), געוואַרט ביז מ׳וועט אַרויסוואַרפן די שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, וואָס מען האָט געקאָכט פאַר די סאָלדאַטן, און די מציאה געבראַכט אַלס שפּייז פאַר ווייב און קינדער.

אייניקע האָבן זיך דערוווּסט ווו מען באַגראָבט געפגרטע פערד, האָבן זיי פון די גריבער דאָס פלייש אהיים געבראַכט, גענוצט אליין און אויך אַנדערע פאַרקויפט. ווען מ׳האָט דערפון איבערגעגעבן דער מאַכט, האָט מען די פגרים באַגאָסן מיט נעפט, אָבער דאָס האָט אויך ווייניק געהאָלפן.

ווען איך , מיין פרוי און קינדער, זענען אין א צימערל פון ד׳ על ד׳, ניט קיין באַהייצטס, אין שטאַרקן האַלבן ווינטער, געלעגן אַלע אין איין צייט אין א שווערן טיפוס, ניט געהאַט לחלוטין מיט וואָס זיך אין שלאַפקייט צו קוויקן, פלעגט אונדז באַזוכן שלמה קרעמער, אליין געשוואָלן פון הונגער, איינגעוויקעלט אין צעריסענע שמאַטעס. קומט ער אין א אינדערפרי (נאָכדעם ווי זיין זון האָט אין אָוונט פריער געקלאַפּט אין פענצטער, געבעטן „האָט רחמנות, גיט עפּעס עסן״) און אויסגעוויינט זיינע צרות. כ׳האָב אים אָנגעוויזן אויף א פּאָר זאַכן, וואָס כ׳פאַרמאָג נאָך, און אים געהייסן זיי פאַרקויפן. אליין נהנה זיין און אונדז אויך עפּעס ברענגען.

אונדזער פאַמיליע פלעגט אויך אָפּטיילן פונעם מויל פאַר דער פרוי און קינדער פון איציק-אהרן גורוויץ, וואָס זענען אַלע געליגן קראַנק, אויף א שטיינערדיקן דיל אין א געוועזענער סאָוויעטישער קלייט. אין איינעם א פרייטיקן אינדערפרי, בין איך צו זיי געקומען און געטראָפן די מוטער מיט א טאָכטער טויטע, די צווייטע טאָכטער גוססט, און דער זון, מילי, ליגט צווישן זיי, רעדט מיט מיר, און ווען איך לעג אים פאָר א ביסל אַרבעס-סופּ, וויל ער ניט. נאָר ער זאָגט מיר: שלמה, ביי מיר צוקאָפּנס ליגט א פּעקל. דאָרט האָב איך נאָך א פּאָר גוטע קאַלאָשן. איך בעט אייך, נעמט זיי, פאַרקויפט, און פאַר דעם געלט קויפט מיר א שטיקל קאַלבעס מיט ברויט. לאָמיך כאָטש איינמאָל פאַרן טויט זיך אָנעסן...

אָט אין אזא לאגע און אין אזוינע אומשטענדן האָט זיך געשאפן צווישן אונדז א מין „קהילה״. איר טעטיקייט איז באשטאנען: צושטעלן ארבעטער לויט דער פאָדערונג פון דער מאכט; זאמלען די קליידער און זאכן פון די פארשטאָרבענע כדי צו שאפן מיטלען אויף מקבר זיין די טויטע און ווי מעגלעך צודעקן די נאקעטקייט פון די לעבעדיקע; אָפּבעטן אָדער אָפּקויפן גזרות רעות. צוליב דעם פלעג די קהילה אפילו ארויפלעגן געוויסע שטייערן אויף די וואָס זענען געווען אין עפּעס א בעסערער לאגע (די אָרטיקע יידן און די בוקאָווינער מגורשים).

מיר האָבן אויך פארזוכט די קללה פון א פּאָר קהילה מיטגלידער און יידישע מיליציאָנערן, וואָס האָבן, כדי נושא חן זיין ביי נאטשאלסטווא, געגוג צרות פארשאפט די עלענדע מענטשן, געשלעפּט זיי צו שווערער ארבעט אָדער ארויסגע-שיקט אין ארבעטס-לאגערס. דאָס איז א באזונדער טרויעריק קאפּיטל, וואָס איז באַקאנט אלע וואָס זענען דורכגעגאנגען די פינסטערע יאָרן פון געטאָ און לאגער.

אָבער אויך די כלומר'שטע פריווילעגיע פון שאפן אָרגאניזירטע הילף, פון שטיצן איינער דעם צווייטן און בכלל דעם זכות צו געפינען זיך אונטער א דאך איבערן קאָפּ, איז ביי אונדז צוגענומען געוואָרן אינעם מאָמענט, ווען אָנהויב זומער איז געקומען אויפן אָרט פון רומענישן „שעף״ א דייטשער קאָמענדאנט. ער האָט געפונען אז צופיל יידן לעבן נאָך...

ער האָט אלע יידן, אויסער אייניקע ארבעטער פאר זיינע באדערפעניש, ארויסגעטריבן אין א וואלד אויף א קליינעם שטח, ארומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, אונטער דער שמירה פון אוקראאינישע מיליציאנטן. און ווער ס'האָט געפּרוווט אריבערשפּאנען די גרעניץ, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

דאָס געפינען זיך אונטערן פרייען הימל אין קאלטע, רעגנדיקע טעג און נעכט; דאָס ליידן פון הונגער און שמוץ, אָן א מעגלעכקייט זיך אָפּצוואשן, האָבן געבראכט צו דעם, אז מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאלן ממש ווי פליגן. ווו מ'האָט געגעבן א שפּאן, האָבן זיך געוואלגערט טויטע קערפּערס. ניט צו דערקענען אויף זיי די מענטשלעכע צורה. בעיני ראיתי א טויט קינד, וואָס זיין קערפּער איז געווען באדעקט מיט לייז, וואָס האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיין לייב און עס אויפגעגעסן.

פויערן פון ארומיקער געגנט פלעגן קומען צום פּלויט, שטיין און קוקן אויפן בייז ווונדער. א פּאָר פון זיי, ווי צו רייצן אונדז, האָבן מיטגעבראכט מיט זיך עסן, און די קערעלעך פון וויינשל אריבערגעוואָרפן איבערן פּלויט. קינדער האָבן זיך אויף דעם געוואָרפן, אויפגעהויבן פון דער ערד און גלייך אין מויל.

די ישועה איז געקומען פון די עטלעכע יידן וואָס זענען געבליבן אין שטעטל. זיי האָבן דורך געהיימע וועגן אלארמירט די יידן אין מאָהילעוו. מיט דער הילף פון א היבשן סכום איז דער קאָמענדאנט בעסער געוואָרן; צוערשט דערלויבט צופירן אונדז עסן, דערנאָך א טייל צוריקקומען אין שטעטל.

די סצענע, ווען מ'האָט דאָס ערשטע מאָל ארויפגעבראכט אָנגעשניטענע שטיקלעך ברויט אין לאגער, וועל איך אייביק ניט פארגעסן. ווען דאָס פירל איז אריינגעפאָרן, האָבן זיך אלע דערצו א וואָרף געטון, אזוי אז ס'איז אומעגלעך

געוועז דאָס ברויט צו טיילן. די קולות און יאמערן פון די אויסגעהונגערטע זענען געוועזן עד לב השמים. ווען די טיילערס האָבן זיך קיין עצה ניט געקענט געבן, האָבן זיי דאָס ברויט געוואָרפן איבער די קעפּ. מ׳איז געפאלן איינער אויפן צווייטן, זיך געריסן איבער א שטיקל ברויט, אזוי אז ס׳איז מער געגאנגען לאיבוד ווי צום נוצן. פארשטענדלעך אז דער רוב, באזונדערס די שוואכערע, זענען געבליבן אָן א פיצל ברויט.

ערשט ווען מ׳האָט דעם קאָמאנדאנט געביטן אויף א רומענישן, זענען די לעצטע איבערגעבליבענע געקומען צוריק פון וואלד אין שטעטל.

ש. ווייסבערג

אין בערשאדער לאגער

ס׳איז געווען אין טאָג פון שמחת-תורה. כ׳בין געליגן נאָך א שווערער קרענק. צוויי פרויען זענען מיך געקומען באזוכן. פלוצים איז אריין אונדזערער א באקאנטער:

„וואָס זיצט איר דאָ אזוי רואיק? ס׳איז דאָך א גרויסע שמחה אין גאס. כ׳האָב אליין געלייענט א טעלעגראם אז אלע יידן פאָרן צוריק אהיים״.

מיר האָבן געקוקט אויף אים פארוואונדערט; ער האָט אונדז נישט אָפּגעלאָזט און געיאָגט ארויס. אמת, יידן האָבן אין דער גאס געטאנצט פאר פרייד. די פרייד האָט מיך אָבער נישט געוואַרעמט; מיך האָט געשראָקן אז ס׳איז אפשר א טריק. האָט מען מיך אויסגעלאכט.

און אזוי זענען מיר, איך, נחום-בער און דאָס קינד, נאָכגעגאנגען דעם עולם יידן, וואָס מ׳האָט געהייסן גיין אין שטאָט-גאָרטן זיך פאררעגיסטרירן. געוויינלעך, האָט קיין יידישער פוס נישט געטאָרט אריבערשפּאנען דעם גאָרטן. און איצט, אריינקומענדיק אין גאָרטן, האָט זיך מיר געדאכט אז די ערד ברענט אונטער מיינע פיס. כ׳האָב מיך געבעטן ביי מיין מאן מיר זאָלן ארויסגיין פון דאָרטן, ווייל כ׳האָב געהאט א שלעכטן פאָרגעפיל — האָבן מענטשן מיך אויסגעלאכט.

די ריי איז געווען א לאנגע; כ׳האָב נישט געקענט איינשטיין, בין איך אוועק צו מיין פאָטער זכרונו-לברכה. כ׳האָב אים געטראָפן ביים פענצטער פארטראכט און פארזאָרגט. האָב איך אים געפרעגט: דו ווילסט זיך נישט פארשרייבן צו פאָרן אהיים? ענטפערט ער מיר: מיין קינד, ווען אלע וועלן אהיימפאָרן, וועלן מיר אויך פאָרן. איך גלויב זיי אָבער נישט, די גזלנים.

כ׳בין צוריק אוועק אין גאָרטן ארויסצורופן מיין מאן מיטן קינד. כ׳האָב געפילט אז אן אומגליק קומט. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: דער גאָרטן איז געווען ארומגערינגלט מיט זשאנדארמען. די פרויען האָט מען אכזריות׳דיק געשלאָגן און ארויסגעשטויסן; די מענער אויסגעשטעלט אין רייען און אונטער א שטרענגער וואַך אוועקגעפירט אין קאָמענדאטור. פון דאָרט פלעג מען אוועקשיקן אויף שווערער ארבעט, פון וועלכער מ׳האָט זיך שוין נישט אומגעקערט.

ווי אלע פרויען בין איך געשטאנען און געוויינט, צוזעענדיק ווי מען פירט אוועק אונדזערע מענער. כ׳האָב מיר געקלערט, אז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים און אָנגעהויבן זוכן עפּעס א צוגאנג דורך פּראָטעקציע — אָבער אומזיסט! מיין בעל-בית, א בערשאַדער ייד, איז געגאנגען מיט מיר ביינאכט ביז צו דער קאָמענדאטור. אונטער א בוים זענען מיר געשטאַנען און געוואַרט אפשר וועלן מיר עמיצן דערזען. נאָך א פּאָר שעה האָב איך דערזען מיין מאַן צוזאַמען מיט נאָך א יידן, וואָס די סאָלדאטן שטויסן זיי און שרייען: „אנטלויפט, מען זאָל אייך דאָ מער נישט זען״.

כ׳בין צוגעפאַלן צו מיין מאַן: „ווו איז דאָס קינד?״ האָט ער געזאָגט מיר זאָלן אוועק פון דאָרטן און דערנאָך ראַטעווען דעם זון. ערשט אינדערהיים האָט ער מיר דערציילט אז אונדזער זון, וואָס איז דעמאָלט אלט געווען 14 יאָר, האָט זיך געבעטן ביים אָפיציר אז זיין פאָטער איז א קראנקער, וועט ער, דער זון, גיין און ארבעטן פאַר צוויי. און אזוי האָט דער זון צוגעזאָגט דעם פאָטער אז ער וועט באצייטנס מאכן א פּליטה; זאָלן מיר די עלטערן זיין רואיק.

איך האָב אָבער געוווּסט אז אנטלויפן איז א גרויסע סכנה. ארום פינף פאַרטאָג, אינדרויסן נאָך האַלב-פינצטער, בין איך געלאָפן אין קאָמענדאטור; אלע זענען דאָרט געווען פאַרשפּאַרט אין א שטאַל. אן אָפיציר מיט סאָלדאטן האָבן זיך דאָרט געדרייט, פאַרטיק צו שיסן אויף יעדן וואָס וועט פּרווון אנטלויפן. מיט גרויס מי האָב איך ווי-ס׳נישט-איז דורכגעריסן צום קאָמאַנדיר. שווערע קלעפּ האָבן מיך באגלייט ביז צו אים. דער קאָמאַנדיר האָט זיך פאַרנומען מיט די רשימות פון די צוגעגרייטע צום ארויסשיקן. כ׳האָב מיך ביי אים געבעטן אז דאָס קינד איז קראנק און געבליבן דער איינציקער פון דער פאַמיליע.

א ווײַלע האָט ער אויף מיר בייז געקוקט, דערנאָך געזאָגט, אז אויב כ׳וועל ברענגען אן אנדערן אויף מיין זון׳ס פּלאַץ, וועט ער אים אָפּלאָזן. ווו געפינט מען אן אנדערן? מיט גרויס מי האָב איך צוזאַמענגענומען ביי מיינע פריינט 1500 מארק, איינגעפּאַקט אלץ וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט און ארויסגעלאָפן עס געבן מיין זון, אפשר וועט ער זיך קענען ראַטעווען. כ׳האָב אים שוין געטראָפן אויפן לאַסט-מאַשין — און מיינע ליידן זענען געווען אומבאשרייבלעך. פּלוצים האָט זיך גע-מאָלדן א בחור, וואָס איז געווען גרייט צו פאָרן פאַר געלט אױן פאַרבייטן מיין זון.

כ׳בין אוועק צום קאָמאַנדיר. האָט ער באטראַכט דעם בחור און געזאָגט: „גוט, זיי וועלן ביידע גיין״. כ׳בין צוגעפאַלן צו זיינע פיס מיט א יאָמער: „ביסט אפשר אויך א פאָטער פון קינדער; האָב רחמנות, גיב מיר צוריק מיין איינציקן זון״.

די ארומיקע זענען געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. א ווײַלע וואָס האָט געדויערט אן אייביקייט. ענדליך האָט ער געזאָגט: „גיב אלץ וואָס דו האָסט, און נעם אים צו און אנטלויפט ביידע!״

אזוי האָב איך געראַטעוועט מיין זון פון א זיכערן טויט.

אסתר רעכטער

צוריק אהיים

אין די קנאפּע 3 יאָר וואָס מיר זענען געווען אין דעם גיהינום טראַנסניסטריע האָט אויף קיין איין טאָג ניט אויפגעהערט נאָגן די בענקשאפט נאָך דער היימשטאָט בריטשאַן, ווו מיר האָבן אונדזערע אַלע יאָרן פאַרבראַכט, און פון וועלכער מיר זענען אזוי אכזריותדיק אָפּגעריסן געוואָרן דורך אונדזער בלוטיקן שונא.

ווען מיר זענען באפרייט געוואָרן, האָט ממש די ערד אונטער אונדז געברענט מיטן ווילן צוריק אהיים. נאָר די רוסישע מאכט האָט ניט דערלויבט תיכף צוריקצו-פאָרן, מיט דער טענה אז די וועגן זענען פארנומען מיט איבערפירן מיליטער, און עס פעלט זיכערקייט אויף די וועגן. מיר אָבער האָבן ניט געקענט איבערטראָגן דאָס ווארטן; ממש מיט סכנות נפשות האָבן מיר זיך דורכגעריסן דורך אלע שטערונגען און צוריק אינדערהיים...

אָבער ווו בריטשאַן? וואָס בריטשאַן? שטיקלעך געוועזענע גאסן, פאַר-ברענטע שטיבער, אין סאמע צענטר ווו ס'זענען געווען שווארצמאנס און שפּיזעלס קלייטן — א גרויסער פלאץ באדעקט מיט קוילן און פארברענטע שטיקלעך אייזן. פון די געציילטע געבליבענע הייזער קוקן אויף אונדז מיט שרעק פינצטערע לעכער, וואָס זענען אמאָל טירן און פענצטער געווען, און דערמאנען ווו מיר זענען אין דער וועלט. כאָטש זעץ זיך אויף דער ערד באוויינען דעם חורבן...

און דאָס קבלת-פּנים פון די שכנים?... ברוגז'ע און אנטוישטע; זיי האָבן זיך גאָרניט גערעכט אז מיר וועלן צוריקקומען. און בעיקר, די מורא פאר דין-וחשבון. טאָמער דארפן זיי צוריקגעבן דאָס גערויבטע. און באמת, אייניקע האָבן אָנגעהויבן אומקערן זאכן, וואָס יידן לעבן-געבליבענע האָבן זיי אריינגעטראָגן אין טאָג פון גרוש. ס'האָט אָבער לאנג ניט געדויערט, ביז זיי האָבן זיך איבערצייגט אז די מורא איז אן אומזיסטיקע. ווייל אין פאלן וואָס מ'האָט דערקענט זאכן און זיך געווענדעט צו דער מאכט, האָט זי זיך מיט גרויס גנעדיקייט באצויגן צו די רויבער, און ווען אזעלכע ענייַנים זענען געקומען פארן געריכט, האָט דער שופט געפּסקנט אז זיי האָבן זוכה געווען פון הפקר, און עס געהערט צו זיי.

אין משך פון אייניקע וואָכן האָבן זיך צונויפגעקליבן א טויזנט בריטשאנער לעבן-געבליבענע יידן (לויט דער רשימה וואָס כ'האָב געזען ביי משה קאָרנבלום, סעקרעטאר פון שטאָט-פארוואלטונג), בערך 10 פּראָצענט פון דער געוועזענער יידישער באפעלקערונג אין בריטשאַן. די צוריקגעקומענע, צוזאמען מיט די בוקאָווי-נער יידן, בערך א 3000, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון טראַנסניסטריע און זענען אויף א גאנץ יאָר פארשטעקט געוואָרן, ניט געהאט קיין דערלויבעניש צוריקצו-פאָרן אין זייערע היימען. האָבן פארפולט די איבערגעבליבענע, חרובע הייזער. (די בעסערע הייזער, וואָס די רומענער האָבן גענומען פאר זייערע אנשטאלטן, זענען אויך איצט געווען פארנומען דורך רעגירונגס-אנשטאלטן און זייערע אנגעשטעלטע). באלד האָט זיך אָנגעהויבן א יאָגעניש, א רייסעניש איבער א טישל, א בענקל, א צעבראָכן בעטל, וואָס די גויים האָבן איבערגעלאָזט אין די צערויבטע הייזער.

מ׳האָט ווי ס׳איז פאַרקלאַפּט די טירן און די פענצטער, צונויפגעדראַנגט זיך גאַנצע פאַמיליעס אין איין צימער; געשלעפּט ברעטער פון פּלויטן און צונויפגעשטעלט א געלעגער. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן ניט אָן מורא פאַר דער נייער מאַכט, וואָס האָט זיך שטרענג באַצויגן צו דער טעטיקייט פון די צוריקגעקומענע. איך מיט בוזי רויטער האָבן שיעור ניט באַצאָלט מיט אונדזער פרייהייט פאַר א בעטל, וואָס מיר האָבן גענומען אין א פאַרלאָזטער שטוב, ווען א נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. האָט געזאָגט אַז דאָס בעטל האָט ער פאַר זיך געלאָזט.

נאָכן כלומרשטן איינאָרדנען זיך האָט זיך אָנגעהויבן א נישטערן נאָך חיונה— צו דערהאַלטן דאָס לעבן. דערביי רוקט זיך צו דער ווינטער, די וווינונגען זענען לחלוטין ניט צוגעפּאַסט. אייניקע פון די אָרטיקע איינוווינער האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען רעגירונגס-שטעלעס, אָדער אַרבעט אין בעלי-מלאכה-קאָאָפּעראַטיוון. הגם די געהאַלטן האָבן ניט געקענט דעקן אפילו קיין 30 פּראָצענט פון די אָרימע באַדער-פעניש, אָבער דאָך — א פאַנצער פאַרן דלות. שווערער איז געווען פאַר די וואָס האָבן קיין אַרבעט ניט באַקומען — בפרט פאַר די בוקאָווינער, וואָס מ׳האָט אַלס פרעמדע צו קיין אַרבעט ניט צוגעלאָזט. האָט אָנגעהויבן בליען אַן אומלעגאַלער האַנדל. ביינאַכט אונטערגעקויפט וועמען מען דאַרף, פלעגן סוחרים גרייכן ביז צום דניעסטער, אויך קיין טשערנאָוויץ, און ברענגען סחורות, אין וועלכע ס׳איז געווען א מאַנגל, און די פויערן האָבן זיך אין זיי געגויטיקט. יעדער האָט גוט געוווּסט מיט וואָס דאָס שמעקט, און ס׳האָבן ניט געפעלט קיין פאַלן פון „אַריינפאַלן", אָבער בלית ברירה...

שווערע מאָמענטן האָבן מיר איבערגעלעבט, ווען די בוקאָווינער, וואָס צוליב זייער ספּעציפישער לאַגע איז זייער אָנטייל אין שוואַרצן האַנדל געווען באַזונדערס אָנגעזען. זיי האָבן אויך געשאַפן א לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט: האָבן אָרגאַניזירט אַן אייגענע פאַרוואַלטונג, געשאַפן הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע. וועגן זייער טעטיקייט האָבן אָנגעהויבן פליען ראַפּאָרטן אין די הויכע פענצטער. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און פונקט ראש-השנה איז אָנגעקומען א באַפעל פונם נאַטשאַל-ניק נ.ק.וו.ד. פון קעשענעוו, מ׳זאָל זיי אַלע צונויפנעמען און אַרויסשיקן קיין סיביר. ס׳איז צום פאַרשטיין וואָס פאַר א שרעק און בהלה די גזירה האָט אַרויסגערופן, אָבער זיי האָבן זיך ניט פאַרלוירן; האָבן צונויפגעזאַמלט א היבשן סכום און ווערטפולע זאַכן, זיך דערשלאָגן קיין קעשענעוו און אָפּגעשריגן דעם אומגליק.

אין דעמדאָזיקן שווערן געראַנגל פאַר עקזיסטענץ, אינעם פּחד פאַר דער מאַכט. פאַרן מאָרגן, האָבן דאָך אייניקע פון אונדז ניט פאַרגעסן אין גייסטיקע באַדערפענישן, אויף וויפיל ס׳איז מעגלעך געווען עפּעס צו טון. די בתי-מדרשים אין שטאָט האָבן מיר געטראָפן צעשטערט, נאָר די גרויסע שול אַליין, וואָס די רומענער האָבן פון איר געמאַכט א מאַגאַזין פון תבואה, איז גאַנץ געבליבן, ווי געוויינטלעך, אין א שענדליכן צושטאַנד. מיר האָבן באַדאַרפט טרייבן פון איר די חזירים, וואָס האָבן אין די גריבלעך פונעם צעבראָכענעם דיל ביסלעך תבואה גענישטערט. מיט דער הילף פון די בוקאָווינער יידן, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען א רב און א שוחט, האָט מען פאַריכט דעם אָרון-קודש, געמאַכט טירן.

אגב, זאָל דעמאַנט ווערן צום גוטן דער בריטשאַנער גלח, וואָס אין טאָג פונעם גרוש איז ער צוגעפאָרן צו דער שול, ארויסגענומען די ספרי-תורה און צו זיך אהיים געפירט. ער איז אָפּגעטרעטן צוזאַמען מיט די רומענער, און ביי אים אויפן בוידעם האָט מען געפונען די ספרים. צונויפגעזאַמעלט א ביסל ספרי-קודש וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די פאַרלאָזטע הייזער. אזוי האָט זיך אין דער שול קאָנצענטרירט דאָס ביסל יידישקייט. טעגלעך, באַזונדערס שבת און ימים-טובים, זענען פאָרגעקומען רעליגיעזע תפילות און טראַדיציאָנעלע מנהגים.

מיך פלעגט ציען צו זיין שבת און יו״ט אין שול צוזאַמען מיט יידן. אָבער וואָס האָב איך געקענט מאכן, אז איך בין געווען צוגעשמידט צו מיין ארבעטס-פלאַץ און מורא געהאַט פאַר א שווערער שטראָף. דעם גרעסטן פּיין האָב איך געפילט יום-כיפור, ווען איך בין באַזונדערס געווען אונטער דער השגחה פון מיין דירעקטאָר. אין דער צייט פון „יזכור״ האָב איך געבעטן א דערלויבעניש צו גיין געשעפטלעך אין גאָס-באַנק, און ניט רעכנענדיק זיך מיט דער סכנה, בין געגאַנגען גלייך אין שול. אָנגעווייטיקט, פול מיט צער פון דעם גאַנצן ארום, האָב ניט אויס-געהאַלטן, פאַרגעסן ווו איך בין, און באַלד נאָך יזכור ארויפגעגאַנגען אויפן באַלע-מער און באַוויינט די געפאַלענע, באַקלאָגט אונדזער לאַגע, געשלאָגן על-חטא וואָס מיר האָבן ניט פאַרגעזען, ניט געפאַלגט אונדזערע פירער און ניט עולה געווען באַצייטנס. איך האָב באַמערקט דאָס איבערקוקן זיך און די צעשראָקענע בליקן פונעם עולם, און נאָכדעם די גרויסע זאָרג פון מיינע נאָענטע, וואָס האָבן גע-פרעגט: „וואָס האָסטו געטון?״ אָבער ס׳האָט מיר געגליקט וואָס צווישן עולם איז ניט געווען עמיצער וואָס זאָל צוטראָגן...

אָט די גייסטיקע, מאָראַלישע ליידן און די שטענדיקע מורא פאַר פרעמדע און פאַר אייגענע זינד, פאַרענדיקן מיין לעבן אין טורמע אָדער פאַרשיקונג, האָבן ציגעאײלט מיין באַשלוס וואָס שנעלער פאַרענדיקן, ריזיקירן און אַנטלויפן וווהין ס׳וועט זיך לאָזן.

אזוי, בערך, איז געווען דער געדאַנקען-גאַנג פונעם גרויסן רוב צוריק-געקומענע. און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, ווען די בוקאָווינער האָבן באַקומען די ערלויבעניש אומקערן זיך אין זייערע היימען, האָבן פיל בריטשאַנער, אויך פון די וואָס האָבן שוין געוווינט אין טשערנאָוויץ, דורך אלערליי וועגן און מיטלען, מיט זיי מיטגעפאָרן.

מיט דעם אָפּפאָר פון די בוקאָווינער האָבן מיר צום איבריקן דערפילט ווי פוסט, ליידיק און וויסט ס׳איז אונדזער לעבן, ווי גרויס דער חורבן איז. די געציילטע אלטע לייט וואָס האָבן געקענט קומען אין שול, האָבן ניט געהאַט ווער ס׳זאָל פאַר זיי דאַווענען, ווער ס׳זאָל ליינען אין דער תורה. חיים-שמואל שוסטער האָט געטענה׳ט אז איידער א גאַנצע עדה יידן זאָל זינדיקן, נעמט ער אויף זיך אליין דעם חטא. ער האָט ארויסגענומען זיין שוסטעריש מעסער און געוואָרן

שוחט. ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל זאָרגן פאַר קהל-ענינים, ווייל יעדער איז געווען פאַרנומען אין דער אַרבעט צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, מיד פון אויפשטיין ביינאַכט כדי צו שטיין אין דער ריי נאָכן קלעפּיקן ברויט. דערשלאָגן פון שרעק, ניט וויסנדיק וואָס דער מאָרגן ברענגט.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס באַנייטע יידישע בריטשאַן אין יאָר 1945, ווען איך האָב עס פאַרלאָזט. דאָס האַרץ איז צעריסן געוואָרן, קוקנדיק אויף די אומגליקלעכע, וואָס קענען זיך פון אָרט ניט רירן. ווען מ'האָט זיך געשושקעט אַז איך קלויב זיך אָפּפאָרן, האָט משקה טראַכטנברויט מיר געזאָגט: „מיט אייך, שלמה, פאָרט אַוועק דער לעצטער ייד, וואָס קאָן אַ יידיש וואָרט, וואָס דערמאַנט אונדז נאָך אַז מיר זענען יידן".

מיט פאַרוויינטע אויגן, מיט טיפן ווייטיק אין האַרץ, האָב איך געזאָגט מיין שטילן „זיי געזונט" צו מיין טייער שטעטל; אין אַ רעגנדיקן אויפדערנאַכט האָב אויף אייביק פאַרלאָזט בריטשאַן, וווּ כ'האָב מיינע שענסטע און בעסטע יאָרן פאַרבראַכט.

נאָך מיין אָפּפאָרן איז די געשיכטע פון באַנייטן יידישן לעבן אין בריטשאַן געפלאָסן אין דער טרויעריקער ריכטונג, ווי מ'האָט געקאָנט פאָרויסזען.

לויט די דערציילונגען פון דינה — משה קאַרלאַנס פרוי — וואָס האָט פאַרלאָזט בריטשאַן אין יאָר 1956, האָבן יידן פאַרלאָזט די שטאָט אין אַ גיכן טעמפּאָ. ווער ס'האָט נאָר די מינדסטע מעגליכקייט געהאַט איז געלאָפן קיין טשערנאָוויץ, מיט דער האָפענונג — פון דאָרט ווייטער... געבליבן זענען געציילטע, די וואָס האָבן קיינע מינימאַלע, פיזישע אָדער מאַטעריעלע, מעגלעכקייטן נישט געהאַט זיך צו רירן פון אָרט, דערשלאָגענע אָרעמע מענטשן, אָן שום אויסזיכטן און האָפענונג. נאָר ווי אומיסטן געבליבענע צוצוזען דעם פולקאָממען חורבן פון דער שטאָט.

ווער זענען זיי? בעלי-מלאכות, אייניקע רעגירונגס-אָנגעשטעלטע. די איבעריקע — אַלטע צעבראָכענע מענטשן. וואָס בינדט זיי צוזאַמען אַלס יידן? דאָס קומען אַמאָל צו אַ מנין. הירש סטעלמאַך, וואָס וווינט אויפן פּלאַץ וואָס מ'האָט אַמאָל גערופן „ניינטע גובערניע", מ'זאָל דאַווענען אין יום-כּיפּור אין זיין הויז. וואַרט מען אויף מיטאָק צייט, ווען מען באַפרייט די אָנגעשטעלטע: כאַפּן זיך אַ פּאָר אַריין בשתיקה, זענען משלים דעם מנין און מען זאָגט יזכור. אַז ס'ווערט ביי וועמען געבוירן אַ זון, און ער וויל אים מל זיין, ברענגט מען אַ מוהל פון יעדינעץ, און דער ברית ווערט דורכגעפירט שטיל, פאַר מורא.

באַזונדער רירענדיק איז איר דערציילונג וועגן צעשטערן ביזן גרונט די גרויסע שול. די שיינע שול, וואָס איז נשמהדיק פאַרבונדן אין זכרון פון יעדן בריטשאַנער ייד, וואָס איז אַפילו אין די יאָרן פון די רשעי-עולם, פון די נאַציס

געשאנעוועט געוואָרן, איז אויף א גרויזאמען אופן צעוואָרפן געוואָרן נאָך דער בלומרשטער באפרייאונג.


ווען מען האָט געבראכט צו דער צעשטערונג גוייִשע ארבעטער, האבן זיי זיך זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט. האָט אויף זיך די הייליקע מיסיע גענומען אפרים זאלצמאנס (חזן) איידעם. ער האָט געבראכט ארבעטער פון ווייט. ווען דער בולדאָזער האָט זיך איינגעשניטן אין די גראָבע ווענט פון דער שול, האָט זיך דער רעש ווי א לאנגער דונער געהערט איבער דער גאנצער שטאָט. יידן האָבן



נטיעות ביער קדושי בסרביה ליד שלט קהילת בריצ׳ני
עומדים (משמאל לימין): נ. ד. רכטר, ז. רבינוביץ, ש. חוריש, גב א. רכטר,
צ. בראונשטיין, גב׳ ר. רבינוביץ, ז. שניידר, מ. אמיץ, ב״צ רבינוביץ.

שטיל באוויינט דעם חורבן, און גויים זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אומעטום קוקן אויפן בייז-ווונדער. דערנאָך האָבן זיי דערציילט, אז ביים רייסן די ווענט האָבן זיי געהערט געשרייען און יללות קומען פון דער שול.

דער איינציקער שטומער עדות פון אמאָליקן יידישן בריטשאן, דאָס הייליקע אָרט, איז הפקר געוואָרן; עס שטייט אָן א פלויט און אָן השגחה, און ווערט פון טאָג צו טאָג רואינירט.



שלט ביער קדושי בסרביה ועליו ציון 2 גנים שניטעו בחורשת בריצ׳ני:
1. על שם העסקנים הציונים של בריטשאן שניספו בידי הנאצים הארורים.
2. על שם ילדי בריצ׳ני (לזכר רוזה חוויס־חוריש ז"ל).

און די ווייניקע יידן וואָס שארן זיך פון צייט צו צייט דורך די טויטע פארגליווערטע גאסן זענען די לעבעדיקע מצבות פונעם געוועזענעם יידישן בריטשאן.

ש. ווייסבערג

ו.

בריטשאן פון אמאל

ס׳איז געווען אמאל א שטעטל...

(בריטשאנער שטייגער)

ס׳איז געווען אמאָל און ס׳איז נאָך היינט דאָ דאָס שטעטעלע בריטשאַן, אָבער פון איצטיקן בריטשאַן איז שוין ניטאָ וואָס צו דערציילן: ,,אל תסתכל בקנקן״ — זאָגט א תלמודיש שפּירכוואָרט — ,,אלא במה שיש בו״; קוקט ניט אויף דעם קריגעלע נאָר אין וואָס ס׳אנטהאלט... בריטשאַן פון יעצט — פאַרמאָגט מער ניט די בריטשאַנער, און אָן זיי — איז עס ניט בריטשאַן.

דעם אָנדענק פון בריטשאַן פון א מאָל ווידמע איך מיינע זכרונות, אלס א דענקמאָל און מצבה פאר די ברידער און שוועסטער, פריינד און קרובים, חברים און גוטע באקאנטע, וואָס דער נאצישער שונא, ימח שמו, האָט אויסגע-מוטשעט און פארניכטעט אָן רחמנות. יהא זכרם ברוך לנצח!

אין צענטער פון כאָטינער קרייז — צווישן פּרוט און דניעסטר וואָס זענען געווען די גרענעצן מיט רומעניע און רוסלאנד, ארומגערינגלט מיט וועלדער, טייכער פּליסיקע, גערטנער און טאלעקעס, אין דער שכנות פון דערפער באזעצטע מיט וואלאכן און רוטענער (גויים האָבן מיר זיי גערופן), איז געלעגן מיין שטעטעלע בריטשאַן.

איך ווייס ניט צי האָט עס עמיצער באשריבן אָדער באזונגען, אָדער ווי ס׳איז פארשריבן די גרינדונג אירע, כאָטש אין אייניקע געאָגראפישע לערן-ביכער ווערט בריטשאַן דערמאנט צוזאמען מיט דעם טייכל לאפּאטניק וואָס שלענגלט זיך לעבן איר. גאנץ מעגלעך אז די זקנים פון שטעטל האָבן געוווּסט פונעם אָנפאנג אירן, אָדער האָבן געקענט אירע בויער און גרינדער; צום גרויסן באדויערן זענען זיי ניטאָ מער צווישן די לעבעדיקע און ס׳ניטאָ וועמען צו פרעגן.

מיינע זכרונות נעמען ארום קרוב צו 25 יאָר, פון מיין פריע קינדער-יאָרן, ביז מיין אָפּרייזן — ניט פיל ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין איר אויסערליכן אויסזע; דאָ צי דאָרט איז צוגעקומען א שטיבל, אָדער מ׳האָט אויסגעפוצט דעם פאסאד, און ניט זעלטן שוין פאר נויט, כדי אויסצומיידן אן איינפאל אָדער גאָר נאָך א שרפה. אין אלגעמיין איז געבליבן די שטאָט ווי כ׳געדענק זי זייט כ׳בין צום שכל געקומען, און נאָך היינט דערמאָן איך זיך אין איר מיט חרדת קודש, און וועק אויף די יוגנטלעכע גאָלדענע יאָרן.

אָפּן פאר ווינטן פון אלע פיר זייטן איז געווען בריטשאַן, און דריי בריקן האָבן זי פארבונדן מיט דער נאָענטער און ווייטער סביבה.

די רימאקאוויצער בריק — דורך וועלכער מיט יאָרן צוריק פלעגט מען פאָרן צו דער באַן סטאַנציע, א מהלך פון 20 ק״מ, דורך די דערפער רימאקאוויץ, איוואשקעוויץ און ראמאנקאוויץ; שפּעטער צו האָט מען דערנענטערט דעם וואקזאל, און די באַן איז געווען נאָר 2 שעה רייזע פון בריטשאַן. דעם טראַקט האָט געפירט די חברה בעלי-עגלות מיט איינגעריכטעטע פאַעטאַנען, געשפּאַנט מיט 3—4 פערד, וואָס האָבן אריינגענומען 7—8 פּאַסאַזשירן מיט זייער געפּעק. קלינגט מיר נאָך היינט-צו-טאָג אין די אויערן דאָס קול פון די גלעקער אין די רואיקע זומערנעכט, וואָס האָבן מבשר געווען דאָס אָנקומען פון אורחים און צוריקקערן זיך פון אייגענע; ניט איינמאָל האָט דער גלעקער-קלאַנג געניצט אלס צייטווייזער. דער וועג האָט זיך געצויגן צווישן פעלדער און וועלדער, וועַן זומער-צייט האָבן פערד אויפגעהויבן א געדיכטן שטויב, און ווינטער — פלעגן זיי פארגרעזנעט ווערן אין דער טיפער בלאָטע. יאָרנלאַנג האָט דער טראַקט אונדז פארבינדן מיט די שטעט — קעשענעוו, אָדעס, מאהילעוו און קאַמעניעץ-פּאַדאָלסק, אין דער צייט פון צארישן רוסלאַנד (ביז 1916-17), און מיט טשערנאָוויץ, בוקאַרעשט און יאַס — אין די יאָרן ווען ס׳האָבן דאָ געהערשט די רומענער.

דרום-זייט — די ליפקאַנער בריק, וואָס האָט אונדז פארקניפּט מיט ליפקאַן, נאַוואָסעליץ; צייט דער מלחמה פון 1914-17 האָט מען אויסגעפלאַסטערט א שטראַס, וואָס האָט דורך אָטאָמאָביל-פארקער פארבונדן מיט טשערנאָוויץ. פון דער זייט האָט אויך געפירט דער וועג צו דער סאַנקאַאוצער מיל, און די „גוראַלניע״ — די בראַנפן-פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ארויספלוס-פּונקט פון דאַדעלעס טייך; אקעגן איר — א באַוואַלדערט בערגל און א פיינע פּאַנאָראַמע פונעם טאָל — (די „גאַרקע״), וואָס האָט זיך געשלענגלט צופיסנס דאָס טייכעלע. אהער פלעגן פארבלאָנדזן ראמאנטישע פּאָרלעך, און דאָרט פלעג די רומענישע מאכט איינריכטן דעם נאַציאָנאַלן רומענישן יום-טוב — 10-טן מאַי.

פון מזרח זייט — די יעדינעצער בריק, וואָס האָט געפירט צום שטעטל מיטן זעלבן נאָמען, און אויך קיין סעקוראַן און צום בית-עולם. צו די צוויי שטעטלעך האָט פונקציאָנירט ספּעציעלע קורסירפארט פון יידישע בעלי-עגלות: מרדכי קאַנדרי — קיין יעדעניץ, און קיין סעקוראַן — דער באַוווּסטער יעקיל בעל-עגלה, וועלכער האָט זיך באַליבט געמאכט מיט זיינע קלוגע ווערטלעך, וויצן און שטיפיקע מעשיות; ארויספאָרנדיק פון בריטשאַן, פלעג ער זיך איבערזעצן מיטן פּנים צו די „פּאַרשוינען״, לאָזן די פערד קלעטערן אליין אויפן וועג, און מיט א פריילעכן שמועס, איבער פּאָליטיק, קהילה-ענינים, פּאַסירונגען און קוריאָזן, פלעג ער קונציק און מיט פיל קליגשאַפט פארנעמען די „פּאַרשוינען״, אזוי אז זיי האָבן ניט געשפּירט ווי דער וועג איז פאַריבער.

אין די פריערדיקע יאָרן פלעגן די סוחרים פאָרן מיט דעם וועג צו דער באַן קיין

אָקניצע, און ער איז געווען אין א געוויסער מאָס בחזקת סכנה, ווייל ס׳פלעגן זיין אויך רויבער־אָנפאלן. מיט איינריכטן די סטאנציע אין וואסקאוץ — האָט דער וועג גענוצט נאָר פאר די 2 שכנותדיקע שטעטלעך און פאר דעם בית־עלמין.

אונטער דער יעדינעצער בריק האָט געפליסן דאָס טייכל וואָס האָט גע־בראכט די וואסערן צו דאדעלעס טייך, און א גאנץ יאָר האָט עס געפליסט שטיל און רואיק, נאָר פרילינג, נאָך די אָפטע שטארקע רעגנס און דאָס צעלאָזן פונעם שניי — פלעג דאָס וואסער זיין שטורמיש, דאָס טייכל האָט זיך צעגאָסן און געוואָרן א ברויזנדיקער שטראָם, וואָס האָט זיך געהויבן, ארויס פון די ברעגעס און געשטעלט אין סכנה די דערבייאיקע הייזער וואָס זענען געשטאנען אויף א געוויסער הויך ביי זיינע ברעגעס, און ניט ווייניק שאָדן אָנגעטון.

אין מערב־זייט זענען געווען 2 ארייַנפאָרן אין שטאָט אריין: פון דער קרייז־שטאָט כאָטין און די ארומיקע דערפער, ווי אויך צום שפאצירן אין די ארומיקע וועלדער.

דידאָזיקע זייט פון שטאָט איז געווען העכער, און דער סקאָס איז געווען אַ שארפער אין דער גאנצער לענג פון דער הויפט־גאס, ביז אזש צו דער יעדינעצער בריק.

אין גאס זענען געשטאנען די פיינסטע הייזער, באזונדערס אין דער אויבערשטער טייל; דאַ האָט מען אויסגעבויט אייניקע מויערן וואָס האָבן געפאסט אפילו פאר א גרויסער שטאָט; דאָ האָט זיך געפונען אויך די פאָסט־געביידע, פון וועלכן ס׳איז געקומען דער נאָמען פון דער גאס — „פאטשטאווקע״. די רומענער האָבן גערופן די גאס אויפן נאָמען פון מלך פערדינאנד — דער פאָטער פון קעניג קארל, אָבער די איינוווינער האָבן אנדערש ניט געוווסט ווי די „פאטשטאווע״ גאס; די מערבדיקע העלפט פון איר פלעג נוצן פארן שבת־פארנאכטיקן שפאציר דעמלט פלעג זי זיין פארפילט מיט אויסגעפוצטע יוגנט און דערוואקסענע. אזוי אז ס׳איז געווען ענג צום דורכגיין. די קריסטן פלעגן אלע זונטיק־טעג שפאצירן אין דער געגנטייל, אויף דעם צווייטן טראָטואר.

די דריי הויפט־גאסן — די „פאטשטאווע״, רימאקאוויצער און בוקאָווינער — זענען פון ביידע זייטן געווען אויסגעפלאסטערט מיט שטיינער־טראָטוארן. כ׳געדענק נאָך אין די יאָרן פון פארן ערשטן וועלט־קריג, זענען די גאסן טיילווייז געווען מיט הילצערנע טראָטוארן, און טיילווייז אָן טראָטוארן. ביסלעכווייז האָט מען אויסגעלעגט פלאטן פון גראפיט־שטיין; נאָר אין דער מזרח־טייל, וואָס פירט צו דער יעדינעצער בריק, זענען פארבליבן די הילצערנע סטעזשקעס — יאָרן־לאנג.

דער שטראס איז געווען געפלאסטערט פון קאלעך־שטיינער; אָבער די שווערע וואָגנס פלעגן זיי צערייבן און מאכן גריבער, וואָס פלעגן אין די ווינטער־רעגנס זונקען און אָנגעפילט ווערן מיט בלאָטע. דעם שטראס פלעג מען פון צייט צו צייט ריכטן, אָבער פון די גריבער איז מען ניט פטור געוואָרן, און זיי זענען געווען א טייל פון דער בריטשאנער „פאנאָראמע״.

כ׳געדענק נאָך א צייט ווען די גאס איז אויף איר גאנצער לענג געווען געגרעזט מיט הילצערנע סליפּעקלעך, געפּארבט שווארץ-ווייס, כדי צו שטערן די וואַגנס ארויפצופאָרן אויף די טראָטוארן; זיי זענען אָבער מיט דער צייט פאר-שווונדן געוואָרן כמעט גענצלעך, און בלויז ביי דער גרויסער אפּטייק פון פאמיליע פיינבערג, זענען זיי לאנג פארבליבן און באַריס האָט זיך מיט זיי געצאַצקעט, געריכטעט און געפּארבט.

די איבעריקע גאסן זענען מערסטייל געווען אָן טראָטוארן, אָדער מיט טיילווייז שיטער-געלייגטע ברעטער, 40 ס״מ די ברייט. (באַלניטשנע גאַס, בערל-יוסף-איציקס און די כאטינער).

זומער האָט מען אויסגעקערט די שטויביקע גאסן, מיטן שמוץ פארפילט אלערליי גריבער, אָדער ארויסגעשלעפּט ארויס דער שטאָט; אין די רעגן-טעג פלעגן די פורן אריינברענגען בלאָטע, באַזונדערס אין די יריד-טעג (אלע דינסטיק); אָנפאנג פרילינג האָט די מאכט געפּאָדערט צונויפשארן די בלאָטעס און זיי ארויספירן ווייט פון תחום היישוב; דאָס האָט געהאָלפן צוב שנעלן אויסטרוקענען.

מיט דריי טאָלעקעס זענען מיר געבענטשט געווען, אלע מיט גראָז פאר-וואקסן א קיילעכדיקן זומער; זיי האָבן געדינט אלס פּאשע פאר דער טשערעדע בהמות און צום שפּאצירן אין די שבתדיקע נאָכמיטאָג-שטונדן. אויף יענער זייט טייכל און אויף די ברעגעס פון דאדעלעס ברייטן, שפּיגלדיקן טייך, האָט זיך צעשפּרייט די בריק טאָלעקע; איז געווען די גרעסטע און האָט פארנומען א גאַר גרויסן שטח, צווישן וואסער און די בערגלעך אין מזרח-זייט פון שטעטל. אויך די בערג זענען געווען באדעקט מיטן גרינעם, נאטירלעכן קילים. באזונדערס האָט דער ישוב אויסגענוצט דעם „פּאטשטאווע״ בארג, וואָס האָט באצויבערט מיטן נאטור-אויסזען, מיט זיין פיינער און פרישער לופט; און קינדער פלעגן זער ליב האָבן דאָרט זיך שפּילן, זיך אראָפּקייקלען פון אים. ווינטער האָט די יוגנט געכאפּט דאָ א געשמאקן גליטש, מיט שליטעלעך און קאניקעס. אייניקע האָבן די טאָלעקע דערפאר גערופן די בארג-טאָלעקע.

אויף די בערגלעך האָט אממעסטן געפּאשעט די שטאָט טשערעדע, קי מיט קעלבער, ציגן און פערד. צום לאנדשאפט האָט פיל צוגעגעבן דאדעלעס טייך, וואָס האָט אין די הייסע זומער טעג געצויגן צו זיך שווימערס. אויפן טייך האָט מען געזאָגט, אז יעדעם יאָר פאָדערט ער א קרבן, באזונדערס אין די „ניין-טעג״ (חודש אָב); און אינאמתן — האָבן אין אים געפונען דעם טויט ניט ווייניק יוגנטלעכע, גוטע שווימער.

דער טייך איז געווען א קינסטלעכער, ווייל אין דער געגנט פון דער גוראלניע האָט מען אים פארשפּארט מיט א סטאַוו, וואָס האָט רעגולירט זיין וואסער-שפע; זיין שטח האָט דער פריץ פארדונגען א גרופּע יידישע פישערס, וואָס האָט צוגע-שטעלט יעדן ערב-שבת און יום-טוב, קארפּן פאר דער יידישער באפעלקערונג.

די צווייטע לויט דער גרויס איז געווען די „פּאזשאַרנע" טאַלעקע, ווייל דער געזעלשאַפטלעכער פייער-לעשער אַנשטאַלט איז געשטאַנען אין דרום-זייט ווינקל. אין מיינע קינדער-יאָרן האָבן אים געגרויזט די תבואה פעלדער, וואָס האָבן זי צעשיידט מיט אַ שאַנץ (קאַנאַווע), אויפגעהויבן אין איין זייט. נאָך דעם וואָס דער שטעטישער בוי-שטח האָט זיך פאַרגרעסערט (דער אַזויגערופענער „בייער פּלאַן") — האָבן די פעלדער זיך צוריק-געצויגן ווייט-ווייט, אַז דאָס אויג האָט זיי קוים געכאַפּט. שבתים און ימים-טובים האָט אַהערצו געשטראָמט שפּאַצירנדיקער עולם; ניט ווייט איז אויך געווען אַ שטח פאַרן בהמות-פּאַרק; מיט דער צייט האָט מען אים דערווייטערט צו מערב-זייט.

די דריטע — די „קלויסטער טאַלעקע", אַרומגעצוימט מיטן קלויסטער, מיט גויישע שטיבלעך און פּלויטן און מיטן צווינטער, און דורכגעשניטן מיט אַ פעלד-וועג וואָס האָט געגרענעצט מיט אַ לאַנגער שורה שטאַלצע אַקאַציע-בוימער; אין דער מיט פון דער שורה — איז געווען אַ ברונעם. די סביבה איז דאָ געווען אומהיימלעך; פלעגן טאַקע די שפּאַצירנדיקע זיין ווייניק, אָבער גענצלעך פאַרלאָזט איז זי ניט געווען. דאָ האָט מען אָפּגעקילט די הייסע קערפּערס און אַריינגעזאַפּט פרישע, לויטערע לופט אין די יונגע יידישע לונגען.

בריטשאַן איז געבענטשט געווען מיט צוויי שפּיטאָלן: דער רעגירונגס-שפּיטאָל און דער יידישער. דער רעגירונגס-אַנשטאַלט, איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פריער פון דער רוסישער און נאָך 1918 — פון דער רומענישער רעגירונג. די געביידעס — הויכע, פעסט געבויט, ווייס אויסגעקאַלעכט, אַלע אַרומגערינגלט מיט הויכע גרינעביימער און בלומען; די אינעווייניקסטע איינריכטונגען: אַ קאָרידאָר-סיסטעם, די צימערן — ברייטע, ווייס-אויסגעפּאַרבטע, מיט גרויסע פענצטער דורך וועלכע ס'האָט אַריינגעשטראָמט פיל ליכט און לופט. אַלץ האָט געמאַכט זייער אַ פיינעם איינדרוק, אַ בארואיקנדיקע ווירקונג און אַ יראת-הכבוד פאַרן אַנשטאַלט; באַזונדערס האָט אויף די קראַנקע געווירקט דער דאָקטאָר טוניק, וואָס מען האָט אין אונדזער שטאָדט געהאַלטן פאַר אַ זייער גוטן פאַכמאַן און וואָס האָט באַוויזן אַן איידעלע באַציאונג צו אַלעמען, סיי יידן, סיי קריסטן. אין אַלגעמיין האָט געהערשט אַ גייסט פון דער קריסטלעכער השפּעה אין אַלע ווינקעלעך, אויך אין פּערסאָנאַל, דאָך איז ניט געווען קיין שלעכטע באַציאונג צו יידן.

דער יידישער שפּיטאָל האָט זיך געפונען פון צפון-זייט אין טייל פון יידישן ישוב; אים האָט אויסגעהאַלטן די יידישע קהילה און טיילווייז פון געלטער וואָס האָבן זיך באַקומען צו דעם צוועק פון בריטשאַנער אין אויסלאַנד. אמערסטנס פלעגן קומען אַהער קראַנקע וואָס האָבן צוליב כשרות ניט געוואָלט גיין אין גויישן שפּיטאָל. אויך דאָ זענען געווען גוטע דאָקטוירים: הויכמאַן, שוואַרצמאַן, שור, גלייזער, טראַכטנבערויט, גרופּנמאַכר א.א.

דאַנעבן איז געווען דער פּאַרק פון שפּיטאָל, ווו די קראַנקע האָבן געקענט

רוען אין שאָטן פון געדיכטע בוימער. פון צייט צו צייט האָט דער שפּיטאָל זיך אָנגעשלאָגן אין עקאָנאָמישע שוועריקייטן, וואָס פלעגן ברענגען אָדער צום איבער-רייס פון מעדיצינישער הילף, אָדער צום פאַרקלענערן די צאָל בעטלעך. ארום 1923-24 האָט א געזעלשאפטלעכער קאָמיטעט מיט דער שטיצע פון דער יידישער קהילה געעפנט דעם פּארק פארן גאנצן ישוב, איינגעריכטעט פאר שפּאצירן, אונ-טערהאלטונגען א.א.וו.

די פרייוויליגע לעשער-קאָמאנדע („וואלנאיא דרוזשינא") איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אנשטאלטן; אויך אויף איר זענען איבערגעלאָפן פארשידענע עטאפּן. לויט די מיטלען וואָס זענען געשטאנען צו איר פארפיגונג און לויט די טוערס וואָס זענען געשטאנען אין איר שפּיץ.

געדענק איך גוט די יאָרן 1912—1922, ווען די יוגנטלעכע פון יענער צייט האָבן זיך איינגעשריבן מאסנווייז אין די שורות פון פייער-לעשער, וואָס האָט זיך אנטוויקלט, און א געוויסע צייט געשטאנען אויף א הויכער מדרגה. מ׳האָט איינגעפירט א אוניפאָרם, באשטעלט גלאנציקע מעשענע קאסקעס, העק און האמערס, באקומען אייניקע נייע לעש-מאשינען, לייטערס, וואסער-טאנקען א.א.וו. אן אינסטרוקטאָר האָט געלערנט פעלד-איבונגען, פּראקטיק און טעאָריע פון פייערלעשן; אויך האָט מען געפּרווט שאפן א מוזיק-סעקציע און ס׳איז געווען חי — געלעבט!

דער גרויסער גלאָק וואָס האָט זיך געפונען אויפן דאך פון אפטייק-געביידע. האָט מען איבערגעפירט אויפן בנין פון די פייערלעשערס (שפּעטער האט מען דעם גלאק אויפגעהאנגען אויף א הויכן סלופּ אין צענטער פון שטאָט). אין שפּיץ פון דער קאָמאנדע איז געשטאנען ה׳ יחיאל סעגאל, וואָס האָט יאָרנלאנג געדינט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דעם אנשטאלט. ער איז געווען זער אקטיוו, איינגעריכטעט אייניקע דעמאָנסטראציע-מארשן און איבונגען; ס׳האָט געקלאפּט דער לעבעדיקער דופק פונעם אנשטאלט, וואָס האָט צוגעצויגן דעם אינטערעס פון דער שטאָט און פון דער יוגנט.

אויך זיין זון משה, וואָס איז אונטערגעוואקסן, האָט אים פיל מיטגעהאָלפן. זיי ביידע זענען געבליבן טריי דעם אנשטאלט אויך אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער איז געוואָרן אָפּגעשוואכט, פארלאָזן און פארגעסן.

אין די יאָרן 1924-26 האָט מען אויף דער אבארע — דעם ארומגעצוימטן שטח פון פאזשארנע — איינגעריכטעט א גרויסארטיקן שפּאציר-פּארק, מיט געפלאנצטע בוימלעך, בלומען און גרינס, בענק, שאטן-ווינקלעך און ספּעציעלע גערטנער האָבן אים געפלעגט.

האָט אויסגעבראָכן א שריפה, פלעג דער גלאָק מיט מעטאל-קלאנג אָנמעלדן, און די הילף איז תיכף געקומען. די סכנה האָט שטענדיק געהאנגען איבערן קאָפּ, ווייל די דעכער זענען מערסטנס געווען הילצערנע, שינדלענע, אָדער שטרויענע. דעם פייער-גלאָק האָבן אקאָמפּאנירט אָפט די קלויסטער-גלעקער און די פייער-

לעשער-קאמאנדע זענען באהילפיק געווארן דורך די וואסער-פירערס, צוזאמען מיט דער באפעלקערונג, און האָבן באערשט די פייער צונגען און געראטעוועט פארמעגן פון די פלאמען.

דער דאדאלעס טייך איז ניט געווען דאָס איינציקע פלאץ צו באָדן זיך אין פליסנדיק וואסער. דאָס טייכל פאלאטניק, וואָס האָט זיך געשלענגלט אין דער מזרח-זייט פון ישוב, צופיסנס פון די בערגלעך אויפן וועג קיין יעדינעץ און סעקוריאן, האָט געשטאמט פון עט ווייט-ווייט און זיך גענערט פון די וואסער-קוואלן פון די בערג-צופיסענס. זיין שלענגלען זיך איז געווען קאפריז און זיגזאגיש. ניט ווייט פון דער שטאָט האָט דאָס וואסער געשטראָמט אויף א הארטן שטיינער באָדן, פול מיט גריבער, וואָס האָבן געשאפן א מין סאָרט ביטלעך; אין די הייסע זומער-נאָכמיטיקן האָבן אהערצו געשטראָמט יוגנטלעכע פוןביידע געשלעכטן, מיטליעריקע און אויך זקנים און זקנות. יעדער מין האָט אָקופירט א טעריטאָריע פאר זיין געשלעכט, און אזוי האָט מען געפרישט דעם קערפער, געצוואגן און געפליסקעט זיך אינעם שטראָמענדיקן וואסער מיט גרויס הנאה.

די מערהייט גאסן זענען געווען גלייכע, מער אָדער ווייניקער פלאנירט, אפילו אין די אונטערגעסלעך און די מאהאלאס. אמת, אייניקע גאסן האָבן זיך אויסגעצויגן ווי א לאנגער שיר-המעלות, אָבער בדרך כלל, האָט זיך עס געלאָזט פלאנירן גרויסשטעטיק, לויט דער ליניע, און פארטיילן אין קווארטאלן, ווען נאָר עס געפינען זיך פלאן-אינזשינערן, און באזונדערס די געהעריקע געלט-מיטלען; בריטשאן האָט געקענט פארוואנדלט ווערן אין א מאָדערנע, פיין געריכטעטע און באקוועם-געבויטע שטאָט.

די הייזער זענען געווען געבויט סתם אָן א סיסטעם און אָן אן אייגנארטיקן סטיל; מיט דער צייט זענען פארשוואונדן געוואָרן די שטרויענע דעכער, וואָס איך געדענק נאָך דאָ און דאָרט, און זייער פלאץ האָבן פארנומען שינדלענע, סיראזיט, אָדער געפארבטע בלעך-דעכער. נאָר די קריסטלעכע הייזער אין די עק-ווינקלען זענען נאָך געווען געדעקט מיט שטרוי.

די מערסטנס הייזער — איינשטאָקיקע, מיט א שיף דאך און מיט רינוועס פאר די רעגן-וואסערן. אזוי פלעג מען אויפשטעלן הייזער, אָן צו באראָטן זיך מיט קיין ספעציעלן אינזשינער און אָן באזונדערן פלאן: מען האָט געראָפן א שכן אָדער א באקאנטן, וואָס האָט זיך כלומרשט אויספארשטאנען אין בוי-ענינים, זיך מיט אים דורכגערעדט, באשטעלט בוי-מייסטערס און מאטעריאל — און אין א קורצער צייט האָט אויסגעוואקסן דאָס הויז.

די שטיבער האט מען געבויעט פון רויע, אויף דער זון-געטריקנטע ליימענע אָדער ערדיקע ציגל, אָדער פון א רעשאטקע סליפּעס, צווישן וועלכע מ'האָט אָנגעפלאָכטן פריטיעס (צווייגן) און „אָנגעוואָרפן" מיט רויער ערד, אָדער פייכטן ליים געמישט מיט גנאָי, וואָס מען פלעג קנייטן אינמיטן גאס, מיט די נאקעטע פיס, אָדער מיט דער הילף פון א פערד. נאָר די מער פארמעגלעכע האָבן



ראמאקאוויצער גאס


זיך דערלויבט צו בויען זייערע הייזער פון געברענטע ציגל, וואָס האָבן פיל פארטייערט די געביידע. דערפאר טאקע האָבן זיך עס געקענט דערלויבן נאָר יחידים. פון אינעווייניק און פון דרויסן האָט מען ארויפגעלייגט א שטוקאטורקע אָדער גלאטיק „אויסגעשמירט" די ווענט, און זיי אויסגעווייסט.

כדי צו געבן א פיינעם אויסזע האָט מען איינִיקע שטיבער געבויט הויך מיט טרעפּ צום פראָנט און מיט א גאניק; אזוי זענען געשטאנען ביינאנד הויכע, שיין געפּוצטע הייזער, און דאנעבן, פוןביידע זייטן אָדער קעגנאיבער, קליינע, און נידעריקע, פארעלטערטע הייזקעס, וואָס האָבן שוין לאנג פארלוירן זייער ערשטן אויסזע. דווקא אין סאמע רוישיקן צענטער, ווו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די מערסטע קראָמען (א טייל פון דער הויפּט-גאס און די בוקאָווינער און ראמאקא-וויצער גאסן) זענען נאָך געשטאנען באראקן פון האָלץ ברעטלעך, דאכט זיך — מיטן ווינט אוועקצובלאָזן... מיטן פייער זענען טאקע פיל פון זיי אוועקגעגאנגען און דערפאר האָבן זיך נעבן זיי געפונען א סך צווייִשטאָקיקע הייזער, פיין געבויטע, אויסגעפּארבטע און מיט אייזערנע גאנעקלעך און ריק-פענצטער. אין דעם טייל פון שטאָט זענען די הייזער געשטאנען גאנץ ענג, איינס לעבן אנדערן, אָן שום

רווח צווישן זיי, צענדליקער הייזער אונטער איין דאך. לופט, זונען־שיין און ליכט האָבן אייניקע פון זיי געקראָגן דורך די „הימל־פענסטער"...

כמעט ביי יעדן הויז האָט זיך געפונען א קעלער, אין וועלכן מ׳פלעגט אראָפּקלאָטערן פון דער גאס, דורך די צוויי שיבע־טויערן אויף אויסגעלעגטע טרעפּ אָדער לייטערס. דער קעלער איז געווען טיף געגראָבן אין דער ערד, און צוליב דעם האָט זיך אין אים געהאלטן א נידעריקע טעמפּעראטור און עטוואס פייכטקייט. האָט ער דערפאר געהאלטן פריש די עסנווארג־פּראָדוקטן (גרינווארג, פיש און פלייש, מילעכיקס אד״ג) ; אין אייניקע ערטער האָט מען איינגעריכטעט אייז־קעלערס („ליאדאווניעס"), אין וועלכע מ׳האָט אין די ווינטער־פרעסט צונויפגעפירט גרויסע אייז־בלאָקן, אויסגעהאקטע פונעם טייך, באדעקט זיי מיט רויען שטרוי, פארבויט פון אויוון מיט א געדיכטן שטרוי־דאך. דאָס אייז פלעג זיך אזוי ארום האלטן ביז עט שפּעט אין זומער און מ׳האָט עס צעטיילט אין די אנשטאלטן : שפּיטאָלן, סעלצער־זאוואדן א. א.

בייביידע זייטן טראָטואר האָבן הויך געשטעקט די לאמטערנס און יעדע 100 מעטער — די טעלעגראף־און־טעלעפאָן־דרעגנגער. די צענטראלע טעלעפאָן־סטאנציע איז געווען אין דער פּאָסט געביידע ; פונדאנעט האָבן זיך געצויגן די



הרחוב הראשי במרכז העיר — רחוב הפוסטה. פאטשטאווע גאס — אין צענטר

דראָטן פון טעלעפאָן-טעלעגראַף צווישן די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך; אין פּריוואַטע הייזער האָט מען אין יענער צייט ניט געקלערט פון אַזעלכע לוקסוסן. ערשט שפּעטער האָבן צוויי שותפים — בן-ציון קויפמאַן און יוסף קויפמאַן — אַריינגעצויגן טעלעפאָן. האָבן יידן טאַקע געהאַט וואָס צו לאַכן און וויצלען זיך אויף זייער חשבון...

ארום 1922 האָבן זיך באַוויזן הויכע, ברייטע און שטאַרקע סלופּעס, שטאָלצע מיט אָפּגעשוואַרצטע דיאָגעט-פּיס, און אויף וועלכע מ׳האָט אָנגעהויבן צו ציִען מעשענע, גראָבע דראָטן. דער סוד האָט זיך שנעל אַנטפּלעקט: מען גייט איינריכטן אין שטאָט אַן עלעקטרישע סטאַנציע.

און טאַקע אינגיכן זענען די גאַסן באַלויכטן געוואָרן מיט עלעקטריש ליכט, און די קעראָסין-לאָמפּן זענען אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן. אַזוי האָט מען אויך באַלויכטן אייניקע שוי-פענצטער, וואָס האָבן רעקלאַמירט די שיינע סחורות-אַרטיקלען און די ציוויליזאַציע האָט אונדז געבראַכט — אַ נייעם קינאָ-אַנשטאַלט. די צענטראַלע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דעם גוט-באַוווסטן באַבאַנטשיק-הויף, דורך איינעם פּרימציס, וואָס האָט געשטאַמט פון מאַהילעוו-פּאָדאָלסק. עטלעכע יאָר האָבן נאָך די קעראָסין-לאָמפּן געשיינט צוזאַמען מיטן עלעקטרישן ליכט, ביסלעכווייז אָבער האָבן די דראָט-ליניעס זיך צעשפּרייט אויך אין די זייטיקע געסלעך, און די מאָדערניזאַציע האָט זיך געשפּירט אין אַלע ווינקעלעך.

אָבער אַ וואַסער-לייטונג האָט נאָך ניט געפונען דעם וועג אין די שטיבער אַריין.

די וואַסער-קוועלן זענען געווען די ברונעמס, צעוואָרפן אין פאַרשידענע פּונקטן פון שטאָט, און פון זיי האָט מען אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן דאָס וואַסער געשעפּט. חוץ די מינימאַלע נויטן, האָט חברה וואַסערפירערס פאַרזאָרגט די שטאָט מיט פריש קוואַל-וואַסער, געשעפּט פונעם איזוואַר און צעפירט אין פעסער אויף צוויי-רעדער-וואָגנס, געשלעפּטע פון אַ פערד. אַלס איינצעלהייט-מאָס האָבן געדינט די הילצערנע קאַנען און באַצאָלט זענען די וואַסערפירער געווען לויט דער וואָך אָדער חודש. חוץ דעם האָט מען באַדאַרפט צומאָל צוקויפן וואַסער, לויט דער פאָדערונג פון דערווירטשאַפט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך זיך דערמאָנען וויאַזוי מ׳האָט געגראָבן אַ קערניצע. ס׳איז געווען פון די אַרבעטן וואָס יידן האָבן זיי ניט געטון, כאָטש דער אונטערנעמער האָט געקאָנט זיין אויך אַ ייד. דאָ האָט זיך געפאָדערט אַ שטאַרקער קערפּער, פעסטע פּלייצעס, אויסגעאַרבעטע מוסקולאַטור, כדי צו גראָבן אין דעם שווערן אָדער נאַסן ליים-באָדן, וואָס מ׳האָט דערנאָך געשעפּט אין גרויסע ציבערס פון דעם גרוב און אַרויסגעשיט, אַרום דעם לאָך פון דעם וואָס געדאַרפט זיין דער ברונעם. די טיפקייט האָט באַלאַנגט פון דעם ווו מ׳האָט די וואַסער-קוועלעס דערגרייכט. געקענט אַמאָל גרייכן צו גוטע עטלעכע צענדליק מעטער די טיף, און אַפילו אַריבער די דריי ציפערן נאָכאַנאַנד.

די דרענאזש פון די איבריקעווירטשאפט-וואסער האָט ווייניק פאראינטע-רעסירט ווּעמען ס'ניט איז. כדי דערווייטערן די ניט נויטיקע וואסער-מענגע אין א געוויינלעכן מאַנטיק אָדער מיטוואָך — האָט מען גאנץ ערנסט און אייגפאך ארויסגעגאָסן אויף דער גאס, און די זון און דער ווינט האָבן עס אויסגעטרוקענט. אין רעגן-טעג אָדער ווינטער-צייט, איז עס אין אלגעמיין ניט געווען קיין פּראָבלעם: די גרויסע וואסערן אָדער שנייען האָבן אלץ פארשלעפּט אזש ביזן ים.

מחמת די באפעלקערונג איז געווען א שטעטישע, האָט זי זיך ווייניק וואָס באשעפטיקט מיט גרינוואַרק, בלומען, ביימער און אנדערע פלאנצונגען. אָפּגע-ריקט פון די מסחר-קוואַרטאלן, אָבער אויך אין די רואיקע טיילן פון שטאָט, האָט זעלטן ווו א בוים אָדער א קוסט באפוצט דעם פאסאד פון בנין; אמערסטן האָט דער בוים געוואקסן פון זיך, ווי גאָט האָט אים באשאפן... גלייך אָדער קרום — קיינעם האָט דאָס ניט געקימערט און קיינער האָט אים ניט געפלעגט; ביימעלעך זענען געווען אָדער בלומען זער ווייניקע, אויך אָן פלאן או קענטעניש, חוץ פון אייניקע הייף (די אלטע זאל, הערש בעדריק א.א.וו.).

פון מיינע קינדער-יאָרן געדענק איך, אז לעבן הויז פון חיים צוקער, איז געווען א שטח אין דריי-עקיקער פאָרם, ארומגעגרייזט מיט א הילצערן גרין געפארבט פלויטל. דער שטח איז געווען גרין פון גראָז און ביימעלעך און אינמיטן איז געווען אויפגעשטעלט א מין דענקמאָל מיט א שילד, אויף וועלכן ס'איז געווען אן אויפשריפט אין רוסיש.

בלויז אין א פּאָר זייטיקע גאסן פון צווייטן ראנג, ווי די שפּיטאָל- אָדער כאטינער גאס, איז דאָס אויסזען געווען בעסער. דאָ האָבן אייניקע הייזער געהאט ביימער, קוסטן, גרינס און בלומען, און אפילו א פּאָר פרוכטנביימער. דאקעגן — די קריסטלעכע טייל פון שטאָט איז געווען פול מיט סעדר און גערטנער, און אין דער זומער-צייט האָט געדינט אלס דאטשעס פאר דער יידישער באפעלקערונג.

יעדן דינסטיק פלעג פאָרקומען דער יריד; חוץ די קריסטלעכע יומי-דפגרא, און זונטיק-טעג, ווען די פויערן זענען געווען פריי פון פעלד- און גאָרטן-ארבעט, פלעגן זיי קומען אין שטאָט אריין מיט זייערע פּראָדוקטן (גרינוויג, אייער, מילך, בהמות, עופות א.א.וו.) צו פארקויפן און פארן געלט איינקויפן זייערע אלע באדערפענישן.

אין איינגעשפּאנטע וואָגנס קומען זיי מאסנווייז (און כמעט א יעדער גוי האָט שוין געהאט זיין באשטענדיק רו-פּלאץ), אויסגעשפּאנט די פערד און זיי געשטעלט מיטן קאָפּ צום וואָגן, ווו זיי האָבן געקענט עסן פונעם שטרוי און היי. די פויערים מיט זייערע פרויען און קינדער, פלעגן מיטברענגען זייערע פּראָדוקטן, און נאָכן פארקופן ארייגגיין אין א טראקטיר; דאָרט פלעגן זיי פארטרינקן א היפּשע טייל פונעם באקומענעם געלט.

אין די יריד-טעג זענען די גאסן געווען איבערפולט מיט וועגעלעך מיט בהמות, און די פויערן אין זייערע דאָרפישע קליידונגען, האָבן זיך ארומגעדרייט

צווישן די יידישע געשעפטן, געקויפט און זיך פיל געדונגען, געאמפּערט און געקריגט זיך, עקשנותדיק געשטאַנען אויף א פּאָר קאָפּעקעס, געפּאַטשט האַנט אין האַנט און לאַנגזאַם נאָכגעגעבן א דרייער נאָך א דרייער, ביז זיי האָבן איינגעקויפט דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעקליבן. דערביי האָבן זיי פיל מאָל אָנגעמאָסטן, זיך באַקוקט אין צוגעטראָגענעם שפיגל, זיך געדרייט אַרום און אַרום און אַלעמען געפרעגט מבינות אויפן אָנגעטוענעם בגד, הוט, שיך, אָדער אַנדער חפץ.

ניט ווייניק קריגערייען, געשרייען און אָפּטמאָל אויך געשלעגן, זענען פאָרגעקומען אין אַזא טאָג, באַזונדערס ווען די דאָרפסלייט האָבן געטרונקען אָן איבעריק ביסל בראָנפן און האָבן זיך צעאַמפּערט צווישן זיך צי מיטן טראַקטיר-שטשיק, אָדער סתם זיך געטשעפּעט צו א יידן און אויסגעגאָסן אויף אים דעם גוישן כעס.

חוץ דעם יריד אין שטאָט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט לעבן און מיטלען צום לעבן, איז אַרויס דער שטאָט פאָרגעקומען דער בהמות-מאַרק. פריער איז דער מאַרק געווען אויפן שטח צווישן דער פייערלעשער-טאַלעקע; מיט דער צייט איז דאָס פּלאַץ געוואָרן צו ענג און צו נאָענט צום ישוב — האָט מען אים איבערגע-פירט אין דער מערב-זייט פון שטאָט, אויפן וועג צום ראַסאַשאַנער וואַלד (דער וועג וואָס פירט צו דער קרייז-שטאָט — כאַטין).

וואָס פאַר א רעש איז דאָרט געווען! קולות פון מענטשן, קי און פערד, עופות און שאָף, — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין א געוואַלדיקן טומל; אין איין ווינקל האָט מען אויסגעפּרוווט די פערד, ווי זיי גייען און לויפן; דאָ האָט מען אויסגעטאַפּט די גענז און הינער; דאָרט האָט מען געריכט די רעדלעך און די וואָגנס, געדונגען זיך איבער די פּרייזן אויף קולי-קולות ביז מען האָט זיך פאַר-גלייכט, און נאָכן מאַכן דעם עסק, האָבן די צדדים, פאַרשטייט זיך, פאַרענדיקט אין טראַקטיר מיט א לחיים...

צי האָט מען געדאַרפט ספּעציעלע מאַגאַזינען אויף צו פאַרקויפן גרינצייג, פּרוכטן, פיש, א.א.וו. ? בריטשאַן האָט געקאָנט באַווייזן, אַז אויף העלצערנע צונויפ-געקלאַפּטע ברעטער, וואָס שטייען אויף צוויי הילצערנע פּרימיטיווע פיסלעך, קען מען די אַלע סחורות און פּראָדוקטן אַזוי גוט פאַרקויפן ווי אין די שענסטע איינגעריכטעטע מאַגאַזינען. די פויערטעס האָבן דאָס אויך ניט באַדאַרפט: זיי האָבן זייערע סחורות אויסגעלייגט אויף דער בלויזער ערד, אפילו ניט אונטער-געשפּרייט קיין וואַרעטקעלע פון הינטן, זיצנדיק אויפן ברעג פון טראָטואַר און פאַרקויפט אַלץ אויף דער מאָס אָדער אויף צאָל.

אויף די שטעלעכער האָט מען אַמווייניקסטנס געקאָנט אויפהענגען א פּאָר וואַגשאָלן צום וועגן די סחורה און געבן א ריכטיקע מאָס...

קיין גוטן נאָמען האָבן די זיצערס פון די שטעלן ניט געהאַט: מ׳האָט זיי געהאַלטן פאַר מבוזה-ניקעס און סקאַנדאַליסטן, אַז מען מוז זיך פון זיי היטן, ווי פאַר פייער... האָסטו פאַרטשעפּעט מיט זיי, נאָכפרעגנדיק דעם פּרייז, אָדער אָנרירנ-

דיק דעם פראָדוקט — האָסטו זיך שוין ניט געקאָנט אָפּטשעפּן. — קויפן האָסטו שוין געמוזט! און האָסטו געפרוווט אוועקגיין, קויפן ביי א שכן א זיצער — האָט מען דיך געקענט אָפּבאָדן פון קאָפּ ביז פיס מיט אלערליי צונעמען, פריטשעפּקעס און סתם בזיונות, סיידן ס׳האָט אויסגעפּעלט דער סאָרט וואָס דו באַדארפסט.

א געוויסער פאָרשריט זענען געווען א פּאָר שטעלן, פון וועלכע איין וואנט אָדער צוויי זענען געווען פארשטעלט מיט לאָדנס אָדער מיט זעק. איין חסרון נאָר פאר אחינו בני-ישראל, וואָס בשכנות זענען אויך געווען די שטעלן פון די חזיר-ניקעס, און זייערע ריחות האָבן זיך געטראָגן גאנץ ווייט.

די שטעלן זענען געווען אויסגעבויט אין עק פון דער טארהאוויצע און האָבן דאָרט צעטיילט די שטרעקע כמעט אויף צוויי גאסן. וואָס האָט באטייט די „טארהאוויצע?" דאָ איז געווען פול א טראקטיר לעבן א טראקטיר, און אלע זענען געווען בשעת די ירידים פארפולט מיט דאָרפסלייט. דער פּארקער איז געווען אן אומגעהויערער: דאָ זענען געשטאנען די שטעלן מיט גאלאנטעריי און ביליקע זאכן: קעמעלעך, שפּיגעלעך, שפּילקעס און פינגערלעך, ניי-געצייג, קרעלן, אלערליי פּוצעריי, ביליקע שפּילצייג, בראסלעטן, קייטעלעך און הויפּטזעכלעך — תשמישי-קדושה, ד. ה. צלמלעך און איקאנעס.

פון איין זייט האָט זיך געצויגן א שורה הילצערנע באראקן — קלייטלעך מיט וויכטיקע באדערפענישן: זאלץ און טרוקענע פיש, פארבן און געשפּאן-טיילן, שטריק און זעק, וואקס און אלערליי שווארצע שמירעכץ, דזשעגעכץ פאר די רעדלעך, טאבאק און שוועבעלעך, זייף און אַרבעט-כלים: קאסעס, ווילעס, סערפּן, שארף-שטיינער א.א. נויטיקע זאכן פארן פּויער.

אינעם מזרח-דרום חלק האָט זיך אָפּט איינגעריכטעט די קארוסל- אָדער אקראָבאטן-פאָרשטעלונגען, און לעבן זיי שטעלן מיט צוקערלעך. אין די איבריקע טיילן איז די טארהאוויצע געשטאנען א פּוסטע און געוואַרט אויף די פרעלעכע מארק-טעג.

א מארק-טאָג האָט אריינגעבראכט לעבן און צום לעבן, ד.ה. מיטלען צו חיונה אויף דער גאנצער וואָך, אָדער ביז צום קומענדיקן יריד.

די מאגאזינען פון תבואה האָבן זיך אמערסטן קאָנצענטרירט אין דער געגנט פון יעדינעצער בריק און אין משך פון יאָרן האָבן זיי זיך אריבערגעצויגן אויך אין דער צווייטער זייט פון בריק, אויפן וועג קיין סעקוריאן; פון דאנען האָבן די תבואה סוחרים געשיקט „וואגאָנען" מיט קערנער און אויך פאר שאפן אייל-קערנער פאר די בוימל-פאבריקן. מ׳האָט צוגעשטעלט טראנספּאָרטן איבער דער גרעניץ און ניט ווייניקע זענען געשיקט געוואָרן קיין ארץ-ישראל.

א ספּעציעל פּלאץ האָט די יידישע געמיינדע אָפּגעטיילט פאר די קצבים, צום פארקויפן פליישׂ פון כשרער שחיטה: רינדער-פליישׂ און שאָפן-פליישׂ, עוף, ד.ה. פליישׂ פון הינער, גענדז, קאטשקעס און הינדיקעס — פלעגט יעדע בעל-בית׳טע איינקויפן לעבעדיקע ביי די פּויערטעס און קוילן ביי א שוחט, נאָכדעם

וואָס מ׳האָט געקויפט א קוויטל אויף צו שחטן. דער אָפּצאָל איז געגאַנגען אין דער טאקסע, וואָס האָט אויסגעהאלטן די שוחטים.

די יאטקעס זענען געשטאַנען אין צוויי קעגנאיבערדיקע שורות, געבויט פון הילצערנע ברעטער, אָפּגעפארבט שווארץ, און געשטאַנען הויך, אז מ׳האָט געמוזט ארויפקלעטערן אויף טרעפּ. אין דעם שטח פון אונטער די געביידעס האָבן זיך אויפגעהאלטן מחנות הינט, וואָס פלעגן זיך רייסן איבער א ביין און אָנמאכן א בהלה מיט זייער בילעריי. דאָס רינד-פלייש פלעג מען ברענגען פון דעם שטאָטישן שחיטה-הויז. שאָף און ציגן האָט מען געקוילעט אין די זייטיקע הויפן פון די שכנות-דיקע הייזער.

מיט פלייש-מסחר האָבן געהאנדלט עטלעכע געציילטע משפּחות — קצבים פון דור-דורות.

אויף צו קוילן עופות האָט יעדער שוחט ביי זיך געהאט א שחיטה הויז. די שוחטים וואָס איך געדענק: יחיאל שוחט (דער גרויסער) פון כאטינער גאס, יחיאל דער קליינער — אויף בערל-יוסף-יצחק׳ס גאס, שמואל — לעבן דער גאלאנסקע קלויז; לייביש — אקעגן יוסי-פּיניעס (זילבער), איצי — אויף דער רימאקאוויצער.

זייט איך געדענק זענען די רעגירונגס-אנשטאלטן געשטאַנען אינעם דרום-מזרח ווינקל פון דער טאראהאוויצע; די געביידע, כאָטש זי איז ניט געווען קיין באזונדערע, ניט הויך, אָן ספּעציעלע איינריכטונגען — פלעג דאָך ארויפוואַרפן אויף מיר, ווי אויף אנדערע יידישע קינדער, א פּחד.

דאָ פלעגן פאָרקומען די געריכטן — סיי בירגערלעכע, סיי קרימינעלע, אָפטמאָל פלעגן מיר נאָכפאָלגן די פּאָליציאנטן, וואָס האָבן געפירט א גנב אין קייטלעך, אונטער א וואך פון ביקסן, צום שופט, אָדער צו פארשפּארן אין חד-גדיא... פון צייט צו צייט פלעגט מען אריבערברענגען אויף איבערנעכטיקן גזלנים און רוצחים, וואָס זענען געווען אונטערוועגס אין עטאפּ; דאָ האָט זיך שטענדיק געפונען א וואך פון פּאָליציי, א קארצער, אזשאנדארם-אָפּטיילונג — „אויף ניט צו באדארפן״... מיט יאָרן שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן בויען די נייע תפיסה, אין דער ליפּקאנער גאס, אנטקעגן דער גימנאזיע. אין די צייטן פון צאריסטישן רעזשים איז דער סטראזשניק (פּאליסמאן) געווען דער אלמעכטיקער, און דער אוריאדניק — א גאנצער בעל-בית פונעם שטעטל און אלע ארומיקע דערפער.

דער פּריסטאוו איז געווען צום מלך גלייך, און ער האָט עס געהערשט אויפן ברייטן שטייגער; העכער פון אים איז געווען דער איספּראווניק, אָבער ער איז געווען ווייט — אין דער אויעזד שטאָט. אונדז אָבער איז דער אוריאדניק מיטן פּריסטאוו געלעגן גוט אין די ביינער...

פארוויילונגס-פּלעצער זענען פריער געווען צוויי זאלן: דער אלטער זאל (אויף דער כאטינער גאס) און מאטיע קרעמער׳ס זאל. שפּעטער האָבן די ברידער הורביץ אויסגעבויט דעם דריטן לאָקאל. דער אלטער זאל איז געשטאַנען אין א

גרויסן הויף מיט פרוכטנביימער פארזעצט, אָבער זער נידעריק, און דער צוגאנג איז געווען ניט לייכט. די פענצטער — שמאָלע, גראד אונטער דער סטעליע, און דאָס ליכט האָט קוים אריינגעקוקט דערין.

די בינע א טונקעלע, כאָטש גענוג גרויס; דאָס מעבל — פשוטע לאנגע בענק, הארטע און ניט באקוועמע.

דאָס פובליקום איז ניט געווען צופרידן מיט די אָפּגעשטאנענע איינריכ-טונגען, און דער בעל-הבית אליין איז געווען א שווערער מענטש; ס'איז שווער געווען מיט אים דורכצוקומען; איז מיט דער צייט דער זאל געשטאנען פוסט.

דערפאר אָבער איז דער זאל פון ה' קרעמער געשטאנען אויף דער הויפט-גאס — אין סאמע צענטער. די איינריכטונגען זענען דאָ געווען צוועקמעסיקע, מיט א גאלעריע, בענקלעך אין די ערשטע 5 שורות, באלויכטן מיט לוקס-לאמפּן און שפּעטער מיט עלעקטריש ליכט; גרים-צימערן פאר מענער און פרויען באזונדער, ארויסגאנג-טירן אין פיר פארשידענע ריכטונגען, רעקוויזיט — מער אָדער ווייניקער צוגענגליכע. דער אייגענטימער מיט זיינע טעכטער — לייטישע, שטילע און רואיקע מענטשן.

דאָ פלגט מען פראווען חתונות, איינאָרדענען קולטורעלע, ספּאָרטיווע און ליטעראַרישע אָוונטן. טעאטער-פאָרשטעלונגען פון ליבהאבער אָדער אָנגעקומענע קינסטלער, ליטערארישע משפּטים, בעלער, פּאָליטישע ארויסטרעטונגען, ציוניסטישע אונטערנעמונגען און פארזאמלונגען פון פארשידענע אנשטאלטן.

מיט דעם אויפבוי פונעם דריטן זאל, וואָס איז געווען פיל גרעסער און איז אויך געשטאנען אויף דער הויפּט-גאס, איז לייכטער געוואָרן דאָס איינאָרדענען פון קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן לעבן אין שטאָט.

אנאָנסירן פלעגט מען מיט פלאקאטן, אָפישעס און מיט אויסשרייען אין די גאסן. ווער געדענקט ניט דעם שרייער יצחק לץ, מיט זיין קלינגנדיקער שטימע, וואָס האָט אריינגעדרונגען אפילו ווינטער דורך די טאָפּלטע פענצטער; אויך אנדע-רע שרייערס האָבן אנאָנסירט, אָבער די וויציקע אויסרופן און דאָס קול פון יצחק לץ, האָבן קאָנקורירט מיט אלע אנדערע.

די טויערן פון ציון האָבן זיך געעפנט אין דעם „שערי-ציון" — דער אָנ-שטאלט פון די ציונים אין בריטשאַן. געהייסן האָט עס א קלויז (א שול), אָבער דער עיקר איז עס געווען דער צענטער פון ציוניסטן; שבת און יום-טוב האָט מען דאָ געדאוונט. ארום 1924 איז מען אריין אינעם נייעם אייגענעם בנין פון שערי-ציון, א פיינע צווייִשטאָקיקע געביידע, וואָס האָט אין זיך אנטהאלטן די נייע תלמוד-תורה, שפּעטער אויך דעם לאָקאל פון ספּאָרט-אָרגאניזאציע „מכבי" און אנדער'ע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. פאר דעם — האָט מען געדאווענט אין איינעם פון די זאלן, קרעמער'ס; דערנאָך האָט מען געקויפט א דירה אויף דער שפּיטאָל-גאס און באשטעלט מעבל — בענק מיטן טישן וואָס האָבן געדינט אויך צו לערנען

פאר תלמידים, געפארבט טונקל-ברוין. א לאנגע צייט פלעגן זיך די מלבושים צוקלייבן צו די בענק און טישן. אין פלוש (ארייגאנג) האָבן זיך געפונען צוויי צימערלעך פארן שמש יחזקאל, און שפּעטער אברהם-לייב.

א סך יאָרן האָט געדאַוונט פארן עמוד יצחק פייטעלעס, מיט זיין שיין קלינגנדיקן קול און שיינעם נוסח. מערערע ציונים האָבן אָנגעהויבן באַזוכן די שבתים אין שערי-ציון, ווו עס זענען איינגעפירט געוואָרן מאָדערנע מנהגים פון פארטיילן עליות לויט אן אלף-בית רשימה, אָן קריגערייַ און פיינטלעכע קאָנקו-רענץ פאר א שלישי אָדער מפטיר; ס׳ניט געווען קיין מזרח וואנט; בכלל האָט מען קיין פלעצער ניט פארקויפט, און יעדער מתפלל האָט געקאָנט זיצן ווו אים איז געפעלן אָדער ווו ס׳איז געווען א פריי פלאץ. די תפילה א רואיקע, געלאסענע און אָן באזונדערע דערשיינונגען. די עליה צו דער תורה — לויט איינלאדונגען וואָס די מתפללים האָבן געקריגן פארטיילט פונעם גבאי, נאָך פארן אָנהויב פון דאַווענען, לויט א פריער באשטימטער אָרדענונג. קיין עליות האָט מען ניט פארקויפט, חוץ אין זעלטענע פאלן, און דאָס אויך לטובת ציוניסטישע אונטערנעמונגען אין ספּעציעלע פאלן.

ארום 1925 האָט מען ארויסגעגעבן דעם נייעם „שערי-ציון" און צוויי גרויסע צימערן פון צווייטן שטאָק פאר דער תלמוד-תורה. דער תפילה-זאל איז געווען פלאנירט מיט א פארנעם, גאַלעריעס, און האָט אָנגעהויבן דינען פאר די ציוניסטישע צוועקן אין שטאָט און פאר טעטיקייט פון די ציוניסטישע עסקנים.

אינגיכן האָבן זיך דאָ קאָנצענטרירט די געזעלשאפטלעכע-ציוניסטישע אינס-טיטוציעס, די יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס, די קרן-קימת און קרן-היסוד אקציעס און אנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס.

כ׳ווייס ניט צי איז ווער אומשטאנד זיך צו דערמאנען וועגן אלע פּרטים, גרויסע און קליינע, און זאָל אויך באזיצן די קונסט און מעגלעכקייט איבערצוגעבן און דערציילן אלץ ווי ס׳איז געווען, און ווי ער האָט דאָס באגרייפט צוריק מיט א פּאָר צענדליק יאָר, און דאָס אלץ אויפבוין אויפניי אין דער געהעריקער פאָרם.

אין מיינע שורות האָב איך געוואָלט זיך טיילן מיט לאנדסלייט וועגן פעריאָד 1910—1926. מיט אים איז פארקניפּט א שיינער טייל פון מיינע פערזענלעכע איבערלעבענישן, פון דער צייט וואָס האָט אָנגעפאנגען ערנסט דענקען און באגרייפן די דערשיינונגען פון נאָך די קינדער-יאָרן, פון מיין יוגנט ביז מיין פארלאָזן די געבורט-שטאָט, ווען איך בין געפאָרן זוכן תורה און א פאך, כדי זיך צוגרייטן צום לעבן אין ארץ-ישראל — לויט מיין שטרעבונג און דערציאונג אין הויז פון מיינע עלטערן.

מיכאל בן יחיאל טשערקים

בריטשאַן מיט א פופציק-זעכציק יאר צוריק

איידער איך גיי איבערגעבן מיינע זכרונות, איז כדאי צו באמערקן, אז אין אָקטאָבער 1906 האָבן מיר, ד.ה. אונדזער פאמיליע פארלאָזט בריטשאַן, בעסאראביע, און עמיגרירט קיין ארגענטינע, וווהין מיר זענען אָנגעקומען דעם 8-טן דעצעמבער. אזוי אז מיינע זכרונות קאָנען נאָר אָפּשפּיגלען א גאנץ ווייטן פעריאָד פון מיינע אדאָלעסענץ און יוגנט-יאָרן.

פון אלע שטעטלעך ארום, ווי יעדינעץ, ליפקאַן, סעקוראַן און אפילו כאטין, די קרייז-שטאָט (אויעזד) איז בריטשאַן געווען די מער פאָרגעשטריטענע. איז געווען א צענטער פון א פרוכטבארער זאָנע, מער פון אלעמען אין תבואה: גוטע ווייצן,



שלמה לרנר
(בן משה־שלמה שמחה־ס) ארגנטינה

גערשטנס, קאָרנס, סימניע, גרעטישקע, פאסאָליעס א.ד.ג. ארום בריטשאַן האָבן זיך יידן אויך אָפּגעגעבן מיט גאָרטנווארג, טאבאק-פלאנטאציעס, פרוכטן-סעדער וכדומה. בריטשאַן האָט געהאט ארום זיך א גרויסע סביבה פון 19 דערפער, מערסטנ-טייל וואלעכישע, וואָס האָבן געגעבן פרנסה ברווח די שטאָטישע איינוווינער. חוץ סוחרים פון תבואה איז אויך געווען א סך פאסעסאָרן, ד.ה. פארמעגלעכע יידן וואָס האָבן געהאלטן אין ארענדע פריצישע מאיאנטקעס. געוויינלעך, מיט אזא סביבה איז געווען אין שטעטל א גאנץ אָנגעזעענע קאָמערץ.

בריטשאַן האָט פארמאָגט א צוויי-קלאסיקע רוסישע רעגירונגס-שולע, צוויי פריוואטע רוסישע עלעמענטאר שולן, אָנגעפירט פון דיפּלאָמירטע יידישע לערער

(י. חאנציס און זוסיע לערנער), א סך פריוואטע לערערס, פיל חדרים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געציילט א גרויסע צאָל מאָדערנע, משכילישע, ווו מ׳האָט געלערנט, חוץ גמרא מיט תוספות אויך תנ״ך און דקדוק, וואָס פאר די אנדערע שטעטלעך איז נאָך געווען טריף-פסול.

בריטשאַן האָט געהאט צוויי גרויסע ביבליאָטעקן: איינע א העברעישע פון חברי מפיצי השכלה, אונטער דער אויפפאסונג פון באוווסטן משכיל, אברהמ׳לע קליינמאן און איינע א רוסישע, אונטער דער לייטונג פון פריילין קאטיא גינזבורג, א באוווסטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. א זעמסקי שפּיטאָל און אויך א יידישן מיט 15-12 בעטן; א פּאָר גמילות-חסדים קאסעס, געשטיצט פון דער יק״א. הכלל, בריטשאַן איז געווען אַן עיר ואם בישראל.

בריטשאַן האָט געהאט א יוגנט וואָס האָט געלערנט, „אויף קלאסן״, געשמאק עקסטערניטשייעט און געפּאָרן אין די גרויסע שטעט ווי קאמעניעץ-פאדאלק, אָדעס און אפילו קיעוו, געבן עקזאמענס אויף 4, 6 און אפילו 8 קלאסן גימנאזיע. קיין גרויסע גבירים, מאגנאטן האָט בריטשאַן ניט געהאט, חוץ דעם אלטן משה בערשטיין וואָס איז געווען א אייגנטימער פון דריי אימעניעס, צוויי מילן, איין גוראלניע מיט א רעקטיפיקאווענעם זאוואד (רעפינירן פאבריק פון בראַנפן) און זיין איידעם, הירשל שטיינבאָרג, וואָס האָט געהאלטן א באנק-געשעפט. אנדערע פארמעגלעכע פאמיליעס ווי די זילבערס, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט וואלד-געשעפט און די ברוידעס, די בני יוסף איציקס, און די זין און אייניקלעך פון אלטן בערשטיין האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פּאָסעסיעס; די בני דוד-לייבס, בעלי-טאקסעס.

קיין אינדוסטריעס איז נישט געווען אין שטעטל. איבעריקס אויב ס׳איז געווען א פּאָר היימישע אינדוסטריעס ווי: לעכטציער, וואטן-מאכערס, אלייענעס, גארבער, קירזשנערס וואָס האָבן אויסגעארבעט קוטשמעס און פעלצן פאר דער דאָרפישער באפעלקערונג, שוסטערייען וואָס האָבן געהאלטן ווארשטאטן, אויסאר-בעטנדיק שטיוול און טשאבאטעס, אָבער זיי האָבן נישט געטראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען פון פאבריקן, פאבריקאציע, אינדוסטריע.

בריטשאנער יידן זענען געווען א רירעוודיקער, קוועקזילבערדיקער עלעמענט, סיי אין תבואה-מסחר, פעל-מסחרים, דעפּאָזיטן פון אייער און פרוכטן וואָס צוליב דער נאָענטקייט פון דער רומענישער און עסטרייכישער גרעניצן פלעגן ארויסגע-שיקט ווערן גרויסע טראנספּאָרטן אויף יענער זייט גרענעץ.פארשטייט זיך, אז ס׳איז געווען קליינע מארק-הענדלער און גרויסע אויפקויפערס, הורט-סוחרים: מעקלערס מכל המינים פאר תבואה, פעל, פרוכטן, און אפילו פאר דינסטן און משרתים. יעדער גרעמיע האָט געהאט זיין געגנט: ארום דער יעדינצער, ליפקאנער און ראמיקאוויצער בריקן — תבואה-סוחרים מיט זייערע מאגאזינען; א שניידערישע גאס, א קירזשנערישע גאס א.א.וו.

יעדע געגנט האָט זיך געהאט איר אייגן שולעכל: א שניידעריש, קירזשנע-ריש, וואסערפירעריש. אין מיטן צענטער-שטאָט, אויף דער טארהאוויצע זענען

געווען די גרויסע שילן: די גרויסע שול — א הויכע, גרויסע געביידע, געבויט אין דער טיף כדי מקיים זיין דעם „ממעקים קראתיך ד׳״... אקעגן, די אלטע קלויז, רעכטס פון דער גרויסער שול — דאָס בית מדרש, אקעגן בית-מדרש — די סעלע-שער קלויז; ארויף צו דער כאטינער גאס — די סאטאנאווער קלויז; ארויף צו די בערשטיינס — די גאלאנסקי קלויז; די בערל-יוסף-איציקס קלויז און נאָך איינע צום יידישן שפיטאָל-צו א גרויסע קלויז, וואָס כ׳האָב שוין פארגעסן נאָך וועמען מ׳האָט איר גערופן. גאנצע 14 שילן זיינען געווען אין בריטשאן. יעדערע מיט איר בעל-תפילה. נאָר אין דער גרויסער שול האָט געדאוונט דער שטאָט-חזן, ה׳ משה אכלער — א מגושמדיק גרויסער ייד, וואָס האָט אמאָל געהאט א באס-שטימע, א גרויסער קענער פון מויזק און וואָס האָט געהאלטן א כאָר. אלע מיינע יאָרן געדענק איך דעם ר׳ משה אכלער (ווייל ער האָט שטארק געהאלטן פון דער אכילה).

דאָס איז געוויינלעך אן אלגעמיין בילד פון מיין געבורט-שטעטל בריטשאן. דאָרט בין איך געבוירן, זיך אנטוויקלט און פארבראכט מיינע קינדער, אדאָלעסענץ און בחור-יאָרן... נאָר מיט וואָס בריטשאן האָט זיך מער אויסגעצייכנט איז — מיט דער אנטוויקלונג און פארשפרייטונג פון פּאָליטישן ציוניזם. אין בריטשאן האָט שוין פון לאנג עקזיסטירט א אגודה פון אלטע חובבי ציון, פון וועלכע מיין פאָטער, ר׳ משה ל׳ערנער, שמואל שלמה שמחהס, איז נישט געווען איבעריק באגייסטערט.

א ייד א למדן, און א משכיל, אין די יונגע יאָרן זיך געגרייט אויף רב, געשווומען אין ים התלמוד, געווען קלאָר אין פוסקים, יורה דעה, יד החזקה, א סך געלערנט, זיך פארטיפט אין חקירה-ספרים, געקענט כמעט אויף אויסנווייניק מורה נבוכים להרמב״ם, מורה נבוכי הזמן לר׳ נחמן הכהן קראכמאל, דעם כוזרי און אנדערע השכלה-ספרים. פארשטייט זיך אז קיין רב האָט ער שוין נישט געקאָנט זיין... די דריי רבנים, ר׳ יודעלע ר׳ הערשעלע און ר׳ דניאל, האָבן זיך געהיט צו פסקנען א דין אין מיין פאָטערס אָנוועזנהייט... איך געדענק נישט אז עס זאָל האָבן געפעלט ביי אונדז אין שטוב די „הצפירה״, חוץ אנדערע העברעישע צייטונגען, ווי „המליץ״, „הזמן״, ווי אויך די מאָנאטלעכע אויסגאבן „השלוח״, „הדור״ א.ד.ג. בכלל, געדענק איך, אז אונדזער שטוב איז געווען א בית ועד לחכמים. איך געדענק די פרייטיק-צונאכטן אין ווינטער-צייט: אין שטוב איז ווארעם, א חיות. אויפן שבתדיקן טיש צווישן די בענטש-ליכט, א לאָמפּ, פאר׳זאָרגט מיט געגנוג בוימל, ס׳זאָל סטייען ביז שפּעט אין דער נאכט. עס קומען זיך צונויף מיין טאטנס מקורבים און אבי ז״ל איז זיי מכבד א מאָל מיט א אייגענעם ארטיקל און אמאָל מיט א וויכטיקן ארטיקל אין „השלוח״, „על פרשת דרכים״ א.ד.ג. און איך... בין א... מתאבק בעפר רגליהם של תלמידי חכמים״...

מיטן אויפקום פון פּאָליטישן ציוניזם רוט נישט אבי ז״ל און גיט זיך איבער בלב ונפש דעם גרויסן, ליכטיקן, הייליקן אידעאל. כ׳געדענק: באלד נאָך דעם ערשטן באזעלער קאָנגרעס, אסיען צייט, האָט מיך אבי ז״ל מיטגענומען אויף דער

ערשטער אסיפה, וואָס איז פאָרגעקומען ביי שלמה בערישעס אין שטוב, ווו עס איז געגרינדעט געוואָרן די „אגודה הציונית". פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אן אקטיווע טעטיקייט ביי אונדז אין שטאָט, וואָס האָט געדינט אלס צענטער פאר אלע אנדערע שטעטלעך פון ארום.

די „אגודה" האָט נישט דורכגעלאָזט קיין יום-טוב, קיין איין נאציאָנאלן פייערטאָג אז ס'זאָל נישט געהאלטן ווערן קיין רעדעס וועגן ציוניזם. אזוי געדענק איך אז שבועות איז אבי ז"ל ארויסגעטרעטן אין דער אלטער קלויז מיט א דרשה וואָס ער האָט א נאָמען געגעבן „וחד בחד כי סבוך ועביד קרבותא". פסח האָט די דרשה געהייסן „ארבע כוסות כבמחזה", און אזוי יעדער יום טוב מיט זיין טעמע. און א פובליקום האָט מיין פאָטער געהאט — נישט צו פארזינדיקן... אבי מ'האָט געוווסט אין שטאָט, אז משה לערנער וועט רעדן אין דער אָדער יענער שול, האָבן געצויגן בעלי-בתים פון אלע עקן שטאָט אים הערן.

א חוץ אבי ז"ל פלעגן אויך ארויסטרעטן מיט דרשות הרב יהודה בארשעווס-קי (קאזיאָני-ראבין), אברהמלע קליינמאן און דער פלאמפייערדיקער ציוניסט, הארציקער רעדנער משה'לע ראָזענבלאט, דאָס איז געווען א אמת איבערגעגעבענער בלב ונפש דעם ציוניסטישן אידעאל, אליין א גרויסער קענער פון תנ"ך און בעל דקדוק, א גאָלדענע העברעישע שפראך, סופר ומשורר, וואָס קיין זאך איז פאר אים נישט געווען שווער צו טאָן פארן ציוניזם. גרויס עגמת-נפש האָבן פארשאפן די ציונים די אלטפרענקישע יידן, חסידים פון פארשידענע רביים, ווי סאדעגערער, סאָטאָנעווער, באיאנער, זינקעווער א.ד.ג. מיט זיי איז טאָג ווי נאכט געווען צוזאמענ-שטויסן, וויכוחים.

איך געדענק: איינמאָל אין א שבת בייטאָג אין סעלעשטשער קלויז, אין אָנגעפאלן אויף אבי ז"ל א פארברענטער חסיד, א פינצטערער פאנאטיקער: „כופר בעיקר, עוכר ישראל" א.ד.ג. אויף צוריקוועגס אהיים איז אונדז גראָד אויסגעקומען צו מאכן דעם זעלבן וועג. דער חסיד איז געגאנגען פאָרויס און מיר הינטער אים. איך בין געווען זייער אויפגערעגט און רוף זיך אָן צו אבי ז"ל: אָט נעם איך א שטיין און ווארף אים אין קאָפּ אריין... ניין, מיין קינד, זאָגט מיר מיין פאָטער, מ'טאָר נישט... דער ייד איז א פאנאטיקער און מיינט עס ערנסט... ער גלויבט אז ער איז מקדש שם שמים... אבי ז"ל האָט געהאט טאָלעראנץ...

ווען ציונים פון די נאָענטע שטעטלעך האָבן געוואָלט מעורר זיי זייערע עדות, פלעגט מען זיך ווענדן צו אבי ז"ל און מ'פלעגט אים שיקן אָפּאָטאָן ער זאָל קומען אויף שבת און פאר זיי, פאר די ציונים פון די שטעטלעך, איז דאָס געווען א גרויסער יום טוב.

אין יאָר 1902 איז פאָרגעקומען דער אלרוסישער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין מינסק (אגב, דער ערשטער און לעצטער, ווייל נאָכדעם איז דער ציוניזם פארווערט געוואָרן). אבי ז"ל און אברהמ'לע קליינמאן זענען געווען דירעקטע דעלעגאטן דאָרטן האָט זיך אבי ז"ל באקאנט פערזענלעך מיט די גרעסטע פני

פון רוסישן ציוניזם. באזונדער האָט ער זיך באפריינדעט מיט הרב פישמאן (דע- מאָלט מארקאָלעשטער רב און צוקונפטיקער שר הדתות, הרב יהודה לייב מימון), מיט וועלכן ער האָט זיך שפּעטער איבערגעשריבן און אראָפּגעבראכט קיין בריטשאן אויף סוכות. איינגעשטאנען איז הרב פישמאן ביי אבא׳לע ברוידע אין זיין גאָרטן- שטוב.

יאָרן זענען געגאנגען. די רעוואָלוציע אין רוסלאנד איז געוואָרן שארפער און די קאָנטר-רעוואָלוציע — שטארקער... די שווארץ מאה האָט געארבעט אויף אלע כלים. דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט אָנגעזאָגט נייע רדיפות אויף יידן... כ׳געדענק דעם שבועות נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם. די אגודה הציונית האָט צעשטעלט רעדנער אין אלע קלויזן, אויפפּאָדערנדיק צו אָרגאניזירן זיך אין זעלבסטשוץ (סאמאבאָראנא). די עלטערע ציונים זיינען געגאנגען אין די גרויסע שילן און אונדז יונגווארג האָט מען געשיקט אין די בעלי-מלאכה׳שע קלויזן. איך בין געגאנגען אין קירזשנערישן קלייזל, און מיין פאָטער ע״ה האָט גערעדט און בערל יוסף איציקס קלויז (אקעגן איז געווען אונדזער שטוב). אָבער ביי אונדז אין בריטשאן איז קיין פּאָגראָם נישט געווען; דאָס שטעטל איז געווען גוט אָרגאניזירט.

אין אָקטאָבער 1905 בין איך געשטאנען צום פּריזיוו. צוריקקומענדיק האָבן מיר געטראָפן דעם דעקרעט פון 17-טן אָקטאָבער, פּראָקלאמירנדיק די „קאָנסטיטו- ציע״. אלע גוטע זאכן זיינען אויסגערעכנט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע: א דעפּוטאטן און סענאט קאמערן, רעליגיעזע פרייהייט, אלגעמיינע וואלן און אנדערע גוטע, פיינע זאכענישן, נאָר צום סוף א עיקר שכחתי: דער צאר באהאלט פאר זיך דאָס רעכט פאנאנדערלאָזן די קאמערן, ווען זיי וועלן אים נישט געפעלן. ווי האָט געזאָגט אונדזער לייזער אבאלעס: פּאָניע מיט דער קאָנצעפּוציע, מיט דער גנבאָציע...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן. ס׳האָט קיין סך נישט געדויערט און דער צאר האָט באשטימט א דיקטאטאָר — גענעראל טרעפּאָוו, וועלכער האָט אויף די פרייהטס פּראָקלאָמעס געלאָזט קלייבן דריי ווערטער: פּאטראָנאָוו ניע זשאליעט — נישט זשאלעווען קיין קוילן... און דאָס ערשטע צו באווייזן די קראפט פון דער זעלבסט- הערשאפט איז געווען... פּאָגראָמען אויף יידן. מיין פאָטער ע״ה האָט זיך שטארק גענומען צום הארצן. ער האָט געהאלטן אז די רעוואָלוציע הויבט זיך ערשט אָן און פאר אונדז יידן וועט פון איר קיין ישועות ונחמות נישט ארויסקומען. און מען מוז עמיגרירן, אָבער וווהין? די עמיגראציע קיין פּאלעסטינע — איז פארשלאָסן. איבעריקנס, וואָס איז צו יענער צייט געווען אין ארץ? די פּאָר קאָלאָניעס האָבן זיך קוים געהאלטן אויף די פיס.

כדאי זיך אביסל אָפּשטעלן אויף דער פּרערעוואָלוציע און רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד. שוין אין צייט פון דער רוסיש-יאפּאנישער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע פרייהייטס באוועגונג. די זעלבסטהערשאפט האָט נאָכגעלאָזן אביסל די

לייצעס; רעגירונגס קאבינעטן האָבן זיך אָפּט געביטן און א פרייערער גייסט האָט זיך צעטראָגן איבער דער גרויסער רוסישער אימפּעריע. צייטונגען האָבן זיך גע-מערט אלע טאָג, עס האָט זיך געהערט א פריי וואָרט. איך געדענק, אז איך האָב זיך אבאָנירט אויף א טעגלעכער צייטונג אין פעטערבורג, מיטן נאָמען „קאָפּעיקא", וואָס איז געווען די ערשטע וואָס איז ארויס מיט שארפע דיבורים. אין א שיינעם טאָג, נאָך דער שלאכט פון צוסימא, ווו דער רוסישער פלאָט האָט געליטן א שענד-לעכע מפּלה, פּובליקירט די „קאָפּעיקא" א שארפן ארטיקל, ארומגענומען מיט א שווארצן ראם, אָפּזאָגנדיק רבנן קדיש נאָך דער צארישער זעלבסטהערשאפט. פארשטייט זיך, אז די צייטונג איז באלד פארמאכט געוואָרן. נאָר עס האָט נישט געדויערט קיין וואָך און עס איז מיר אָנגעקומען א נייע צייטונג, אונטער אן אנדער נאָמען, וואָס איז געווען נאָך שארפער.

ווען די ערשטע „דומא" איז צעלאָזט געוואָרן און 185 דעפּוטאטן האָבן זיך אריבערגעפּעקלט קיין פינלאנד, וויבאָרג, און ארויסגעלאָזט א צירקולאר פּשוט און פּראָסט, אז מ'זאָל ניט צאָלן קיין שטייערן, ניט געבן קיין סאָלדאטן, באָיקאָטירן די רעגירונג... האָבן איך באקומען א העקטאָגראפישן צירקולאר און איך האָב שוין צונויפגענומען מיין חברה, ערגעץ אין דער קירזשנערישער גאס, און פאר זיי געלייענט און מסביר געווען זיין אינהאלט.

איינמאָל אין א פרייטיק בייטאָג קומט צו אונדז פּיניעלע קריינדלס, א מוכר תבואהניק ביי דער יעדינעצער בריק, און פרעגט זיך ביי מיין מאמען ע"ה אויף מיר. באלד בין איך טאקע אָנגעקומען פון גאס. וואָס איז, ר' פּיניע? — פרעג איך — און ער דערציילט מיר אזא געשיכטע: מיטן עטאפּ האָט מען געבראכט איינעם א בחור, זיינעם א ווייטן קרוב, א שוחטס א זון, וואָס איז אוועק אין דער ליטע לערנען אין א ישיבה און וואָס איז דאָרט, רחמנא ליצלן, אראָפּ פון גלייכן וועג און איז געוואָרן א ציציליסט... אריינפאָרנדיק אין שטעטל דורך דער ליפקאָנער בריק און וויסנדיק, אז ער האָט אים אלס קרוב, האָט דער בחור אריינגעוואָרפן א צעטעלע וואָס הארצי אדוואָקאטס קינדער האָבן אויפגעהויבן און דאָס אים איבערגעגעבן. איז ער געקומען צו מיר איך זאָל זען עפּעס אויפטאָן. ער האָט אים שוין געזען, איז פארשפּארט אין „חד גדיא", אין וואָלאָסט. דער בחור איז שטארק אָפּגעצערט, נאקעס און באָרוועס, אויסגעמאטערט פון לאנגע חדשים טורמע און לאנגע עטאפּן. ער, פּיניעלע, האָט אים שוין געזען, ווייל דער סטאָראָזש איז זיינער אן אלטער באקאנטער און ווען ער האָט שוין אפילו מטמא געווען מיט א פּאָר גריוועניקעס...

— גוט, ר' פּיני — זאָג איך אים — ניט געזאָרגט... אלץ וואָס איר דארפט פון זיינעם וועגן, קומט צו מיר. נאָר הזהר והזהר... ס'שמעקט מיט קראמאָלא...

— וואָס מיינסטו, שלמהלע, איך בין אזא נאר? פארלאָז דיך אויף מיר — ענטפערט פּיניעלע! און ס'איז באלד געשאפן געוואָרן א פּאָר רובל. מיין פאָטער ע"ה האָט ניט גערוט. די מאמע ע"ה האָט שוין פארזאָרגט פּיניעלן מיט א פּאָר

ווארעמע אונטערוועש, א ווארעמע באראשקענע שאַפּקע, וואָס איך האָב שוין ניט גענוצט, א פּאלטאָ אד״גל. דאָס גאנצע שטעטל האָט געקאָכט.

איך קום איינמאָל א היים און טרעף מיין געוועזענעם לערער יוסף האנציס סודעט זיך מיט מיין טאטן און איך הער ווי אבי ז״ל זאָגט: „איך ווייס ניט ווי איך וואָלט עס אויסגעהאלטן ווען, חלילה, ס„טרעפט אזא פאל מיין שלמהן״... און מיר האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט! ווען מ׳האָט אים געפירט קיין כאָטין אין טורמע, זיינען צוויי רייטער איבערגעפאלן דעם עטאַפּ און אים באפרייט...

איינמאָל קום איך אהיים גאָר שפּעט ביינאכט, נאָך 12, און טרעף דעם טאטן וואכנדיק. וואָס עפּעס אזוי שפּעט ניט שלאָפן? — גאָרניט, זאָגט ער. אָבער די מאמע האָט מיר שוין אויפן צווייטן טאָג דערציילט, אז ער קען ניט איינשלאָפן ווען איך בין אין שטוב ניטאָ... און ווידער, איינמאָל אין א שבת פארנאכט, כ׳קום אהיים פון גאס און... מיין פאָטער ליגט צו בעט. ניט זיין טבע. שטענדיק פלעגט ער גיין דאווגען מנחה. איבער׳אשט פרעג איך: וואָס איז געשען? דער טאטע ענטפערט: גאָר ניט, עפּעס ניט מיט אלעמען. די מאמע גיט מיר שוין א ווונק, רופט מיך אוועק און דערציילט מיר, מיט טרערן אין די אויגן: האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן ווי שטענדיק און פּלוצים האָט ער זיך א וואָרף געטאָן פון שלאָף און אראָפּגעפאלן פון בעט... זי האָט באלד געשיקט רופן דר. הויכמאן, וואָס חוץ דאָקטער איז ער געווען א פערזענלעכער פריינט פון אבי ז״ל און דר. הויכמאן האָט דיאגנאָסטיקירט: נערוון. ר׳ משה, האָט ער געזאָגט, איר נעמט זיך צופיל צום הארצן... איר דארפט אוועק פון דעם ארץ הדמים...

אָט די אלע עפּיזאָדן האָבן שטארק געווירקט אויף מיין פאָטערס געזונט און מיר האָבן באשלאָסן צו עמיגרירן. אָבער ניט אזוי גיך און ניט אזוי גרינג טוט זיך ווי עס רעדט זיך. די פּאָליטישע סיטואַציע האָט זיך דערווייל פארערגערט. א כוואליע פון פּאָגראָמען האָט פארפלייצט א סך יידישע ישובים. בריטשאן איז געווען אָרגאניזירט אין זעלבסטשוץ. א גאנצן ווינטער האָבן זיך צענדליקער יונגעלייט ניט אויסגעטאָן און, ווי געזאָגט, ביי אונדז איז קיין פּאָגראָם ניט געווען.

ביי אונדזער פאמיל׳יע איז געשטאנען די פראגע עמיגראציע. די ערשטע פראגע איז געווען: וווהין? אין נאָרד-אמעריקע האָבן מיר געהאט א סך קרובים, אָבער מיר האָבן שוין צופיל געוווסט פון צפון אמעריקאנער גליקן מיט איר שוויץ סיסטעם. חוץ דעם באאיינפלוסט פון לאנג יאָריקע פּראָפּאגאנדע פון ה׳ נחום סאָקאָלאָוו אין דער „הצפירה״, האָט מיין פאָטער מער געצויגן צו עבודת האדמה... אין ארגענטינע איז שוין דעמאָלט געווען א גאנץ פארפונדעוועטע באראָן הירש קאָלאָניזאציע. מיר ווילן עמיגרירן אין דעם פרייעם לאנד, און דער פרייער רעפּובליק און ווילן ווערן ערד-ארבעטער...

דער צוזאמענשטעל פון אונדזער פאמיליע איז פּונקט אָנגעמאָסטן פאר דעם צוועק: מיין פאָטער קוים איבער די פערציקער, איך קוים א צוואנציקער, צוויי שוועסטער און נאָך צוויי ייִנגלעך פון 15 און 6 יאָר. הכלל, אז מיר קומען נאָר קיין

ארגענטינע און פארפאָרן אין א יידישער קאָלאָניע, כאפט מען אונדז באלד אויף און מ׳גיט אונדז א קאָלאָניע, ד.ה. א טשאקרע, און אבי ז״ל האָט אָנגעהויבן אקטיוו זיך אָפּגעבן מיטן ארויספאָר. זיך איבערגעשריבן מיט דער עמיגראציע ביוראָ פון דער ייקא אין פעטערבורג, געקריגן ענטפער מיט גענויע דעטאלן, איינגעגעבן אויף א גובערנאטאָר פּאס, כדי ארויסצופאָרן לעגאל און ניט דארפן דורכמאכן דעם חיבוט הקבר פון גנבנען די גרעניץ; זיך איבערגעשריבן מיט דער עמיגראציע ביורא אין אָדעס, וועמענס סעקרעטאר איז דעמאָלס געווען זלמן איציס, א אח לדעה. חוץ דעם האָט מען דאָך באדארפט פארקויפן די שטוב, אויספארקויפן די פון לאנגע יאָרן איינגעפונדעוועטע בעלי בתישקייט און בכלל זיך גרייטן צו דער רייזע.

אלץ איז פאוואָלינקע, אין משך פון זומער פארטיק געוואָרן. נאָר וואָס נענטער ס׳איז געקומען צום אָפּפאָר, אלץ שווערער איז געוואָרן זיך שיידן מיט משפחה מיטגלידער, פריינט און גוטע פריינט און ועל כולם מיט חברים לדעה. האָט דאָך אבי ז״ל דערצויגן א גאנצן דור, ניט נאָר פון שול עלטער, נאָר אויך פון יונגעלייט משכילים... שווער געווען זיך אָפּרייסן פון דעם מקור. דאָס גאנצע שטעטל האָט געקאָכט. דער אָפּפאָר איז געווען באשטימט אויף באלד נאָך סוכות. פון ראש השנה אָן האָט די שטוב ניט גערוט. א גאנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט זיינען געקומען מענטשן זיך געזעגענען. מיר זיינען פשוט פארמאטערט געוואָרן פון אויפנעמען יעדן איינעם, פון ניט דערשלאָפן. ציונים האָבן איינגעאָרדנט אן אָפּשייד-וועטשערע. דער שענסטער און בעסטער עלעמענט פון שטעטל איז געווען פארטראָטן אויף דעם באנקעט. ס׳האָט ניט געפעלט, פארשטייט זיך, קיין רעדעס און שירה בציבור. אויפן באנקעט איז באשלאָסן געוואָרן צו מאכן א פאָטאָגראפישע אויפנאמע פון אלע וואָס זיינען בייגעווען און אויפן צווייטן טאָג, זיינען זיך צונויפגעקומען אלע חברים, פריינט און קרובים צו שלום בארטפעלד אין גאָרטן-שטוב, ווו די פאָטאָגראפיע איז געמאכט געוואָרן. אָנבאָטנדיק די פאָטאָגראפיע אלס אָנדענק, אין נאָמען פון אלע חברים, האָט אברהמ׳ל גאָלדגעל אָנגעשריבן: „אח יקר! רחוקים אנחנו במקום, אבל קרובים אנו אליך ברוח. נשמתנו אחוזה דבוקה בך. והיתה הצלמניה למזכרת אהבת עולם לך אחינו, רוח אפינו, מר משה בר׳ יוסף לערנער. ובהביטך וראית את תואר פנינו וידעת כי אוהבים מוקירים לך. מוקטר מוגש לך מאת אחיך זוכרי שמך הטוב לעולם. בריטשאני, כ״ז תשרי תרס״ו לפ״ק.

16 פורלעך האָבן אונדז באגלייט צו דער באַן סטאנציע ראָמאנקאָוויצי דעם 3-טן אָקטאָבער, פון וואנען מיר זיינען אָפּגעפאָרן קיין אָדעס און פון דאָרט האָבן מיר דעם 13-טן פון זעלבן מאָנאט גענומען די שיף קיין ארגענטינע.

בוענאָס איירעס, 10-טן יוני 1956.

שלמה לערנער

צווישן די צוויי וועלט-מלחמות

דער אויסזע פון בריטשאַן

אדאנק איר צענטראַלער לאגע, האָט בריטשאַן אלעמאָל פארנומען א הויכע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע מדרגה אין דער אומגעגנט, ניט געקוקט דערויף וואָס אנדערע שטעטלעך האָבן זיך געפונען ביים ברעג פון א גרויסן טייך (דניעסטער אָדער פּרוט), אָדער ביי א אייזנבאַן-סטאַנציע. ס'איז אפילו דערלויבט געוואָרן צו באהויפּטן, אז פריער אָדער שפּעטער וועט בריטשאַן אוועקרויבן ביי דער שטאָט כאָטין די פּריווילעגיע פון א קרייז-שטאָט.

ס'פעלן גענויע דאָקומענטן וואָס זאָלן אויפקלערן די אנטשטייאונג און איינזעצונג פונעם שטעטל בריטשאַן, צוריק מיט עטלעכע הונדערט יאָר. מ'קען אָבער פעסטשטעלן אז די נויטווענדיקייט פון א אָפּרו-פּונקט אין דעם פארקער צווישן דנעסטר און פּרוט, אין די פארשידענע ריכטונגען, האָט דערפירט צו דער פיקסירונג און אנטוויקלונג פון א וויכטיקן באפעלקערונג-צענטער אינעם קרייץ-פּונקט ווו ס'געפינט זיך בריטשאַן.

וואָס איז נוגע דעם אויסוואל פון דער אייגנטלעכער שטעלע פארן שטעטל, איז צו באמערקן, אז ער האָט אנטשפּראָכן דעם מינימום פון שטאָט-בוי-פאָדע-רונגען: די נאָענטקייט פון פליסנדיק וואסער, וואָס איז אין דעם פאל א גרונט-ליגנדיקע באדינגונג; די עקזיסטענץ פון א כמעט פלאכן ברעג מיט א אומבא-גרענעצטער מעגלעכקייט פאר צעשפּרייטונג; גוטע טאָפּאָגראפישע שטריכן — ניט אינגאנצן פלאַך, אבער אויך ניט בארגיק — און דאס הייסט: לייכטער פארקער און קיין געפאר פון וואסער-סטאַגנאציע און פארפלייצונגען.

בנוגע דער סטרוקטור גופא פונעם שטעטל בריטשאַן, קאָן מען זאָגן אז זי ווארפט זיך ניט אונטער קיין איינער פון די קלאסישע סכעמען: ניט די „רעכט-עקיקע", ניט די „רינג"-סכעמע און אויך ניט די „שטערן"-סכעמע, כאָטש עפּעס איז פון יעדער איינער יאָ צו טרעפן, ספּעציעל פון דער שטערן-סכעמע.

דער שניט פון די גאסן איז אזוי ארום ניט סתם א אומרעגעלמעסיקער, נאָר, פארקערט, ס'איז אין אים דאָ א געוויסע סיסטעמאטיזירונג. פאר אלעמען זיינען פאראַן צוויי הויפּטגאסן, וואָס שניידן זיך רעכטעקיק און וואָס זיינען די אקסן פון די שטאָט: פון מזרח צו מערב — די פּאָטשטאָווע גאס, און פון צפון קיין דרום — די רימקאָוויצער-באָד גאס. די צוויי גאסן שניידן דורך די גאנצע שטאָט, צעטיילן זי אין 4 פערטלען, און גייען איבער, אויסער דער שטאָט, אויף די וועגן וואָס פירן צו די ארומיקע שטעטלעך און צו דער אויסערדיקער וועלט: די פּאָטשטאָווע-יעדיניצער גאס קיין יעדיניץ און סעקוראַן אין איין ריכטונג, און קיין כאָטין אין דער צווייטער; און די רימקאָוויצער-באָד גאס קיין וואסקאוץ (באַן-סטאַנציע), אין איין ריכטונג, און קיין ליפּקאַן, אין דער אנדערער. דער קרייצפּונקט פון אָט די

צוויי הויפטגאסן איז דער עקאָנאָמישער און פּארקער-צענטער פונעם שטעטל, דער פּולס פונעם ישוב.

פּאראלעל צו די צוויי הויפּטגאסן טרעפט מען גרויסע הינטערגאסן, וואָס פארלייכטערן דעם פּארקער ווען ער איז געפּרעסט אויף יענע הויפטגאסן. דאָס זיינען די כאָטינער און קאַוועלישע גאסן, פּאראלעל צו דער פּאָטשטאָווער גאס, און די שפּיטאל-גאס און די ליפּקאַן'ער-פּאראלעל צו דער רימקאַוויצער.

עס פעלן אויסדריקלעכע דיאגאָנאלע גאסן, אָבער אין א קליין שטעטל זיינען זיי ניט פון גרויסער נויטווענדיקייט, און אחוץ דעם זיינען פאראן די גרויסע פּלעצער („פּאָזשארנע" און „טארהאַוויצע"), וואָס דערלויבן א פרייען דיאגאָנאלן פּארקער.

וואָס איז שייך דער פאָרם פון די גאסן, מוז מען באהויפּטן אז זי איז אין אלגעמיין א גוטע און אנטשפּרעכט די טאָפּאָגראפישע כאראקטעריסטיקעס: זיי זיינען ניט קיין לאנגע, גראדליניקע, און אויך ניט קיין שלענגלדיקע, נאָר מילד געקרומטע. א דאנק דעם, ווי אויך א דאנק דער לייכטער בערגיקייט פון אייניקע שטעלן, זיינען די האָריזאָנטן באגרעניצטע און דער אויסזע א עסטעטישער.

די עטנישע זאָנירונג איז א בולטע: די יידישע באפעלקערונג אין צענטר און די קריסטלעכע (רוסישע) אויף דער פּעריפעריע, ווו ס'שפּרייטן זיך אויס די „מאהאלאס". מען דארף אָבער באמערקן אז די צעטיילונג איז ניט קיין סימעט-רישע: די מאהאלאס זיינען ניט איינהייטלעך, אין גרויס און אין וויכטיקייט, און ס'איז איבערהויפּט ניט פאראן קיין מאהאלאס אין א פּערטל פון דער פּעריפעריע (**פּערטל 1**). פון די איבעריקע דריי, פארמאָגט דאָס פּערטל 4 די גרעסטע און וויכטיקסטע מאהאלא.

הגם קיין שטרענגע „פּראָפעסיאָנעלע" זאָנירונג איז ניט פאראן, איז זי דאָך באמערקבאר אין קלאָרע שטריכן און פארמאָגט א געוויסן לאָגישן גרונט: דער אלגעמיינער הויפּט-קאָמערץ — אויף די צענטראלע טיילן פון פּאָטשטאָווער און פון דער רימקאָוויצער-באָד גאס, אלזאָ ארום דעם „פּערעקרעסט") (קרייצונג); **דער תבואה-האנדל — ביים אָנהויב פון דער פּאטשאווע גאס, לעבן דער יעדינעצער בריק**; איינפאָרן און אכסניה'ס — ארום דער טארהאוויצע, רעכטע זייט; שענקן — נאָענט צו דער טארהאוויצע, לינקע זייט; בעלי-מלאכות — אין די צווייטראנגיקע הינטערגאסן, ספּעציעל אין דעם פּערטל 2.

ס'איז צו זען אז די מאַהאַלאַס נעמען ניט קיין שום אָנטייל אינעם עקאָנאָמישן לעבן פונעם שטעטל.

די עפנטלעכע אנשטאלטן און פּלעצער — אדמיניסטראטיווע, רעליגיעזע, קולטורעלע און סאָציאלע — זיינען גוט פארטיילט, מיטן צוועק צו דינען ניט נאָר די פארשידענע געגענטן פון דער שטאָט נאָר אויך די פארשידענע סאָציאלע שיכטן און עטנישע גרופּעס פון דער באפעלקערונג.

אזוי איז צו באהויפּטן אז די אָפיציעלע רעגירונג-אָנשטאלטן, ווי אויך די ריין קריסלעכע, קאָנצענטרירן זיך אין דער הויפּט-מאַהאַלאַ פונעם פּערטל 4. דאָס

זיינען דער שפּיטאָל („באַלניצע"), די טורמע („חד-גדיא"), די 2-קלאַסיקע שולע („אוטשילישטשע"), די גימנאַזיע, דער קלויסטער און דער צווינטער; די איבעריקע אָפּיציעלע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן א שייכות צו קאָמערץ און איבערהויפּט צו דער ברייטער באַפעלקערונג, געפינען זיך אין יידישן תחום: פּאָסט, טעלעפאַנישע סטאַנציע, „וואָלאָסט" (שטייערן און יוסטיץ).

די ריין יידישע אינסטיטוציעס ווידער (קלויזן, בית-חולים, תלמוד-תורה, טעאַטער) געפינען זיך הויפּטזעכלעך אין צענטער פונעם שטעטל, אָבער אויך אין עטלעכע ווייטערע פונקטן פונעם יידישן ראַיאָן.

פרייע פּלעצער זיינען פאַראַן 4, גוט פּאַרטיילטע: צוויי מאַרק-פּלעצער „פּאָזשאַרנע" און פּערטל 1 און „טאַרהאַוויצע" אין פּערטל 3) און צוויי שפּאַציר-פּלעצער (פּאַזשאַרנע-טאָלעקע אין פּערטל 1 און קלויסטער-טאָלעקע אין פּערטל 4); אחוץ דעם איז פאַראַן א גאָר גרויסער פרייער פּלאַץ, אויף דער רעכטער זייט טייכל, שוין אַרויס דער שטאָט — דאָס איז די בריק-טאָלעקע — וואָס דינט הויפּטזעכלעך דער באַפעלקערונג פונעם נאָענטן עק שטאָט.

דער בית-עולם פאַרנעמט א גאָר באַזונדערע לאַגע: אויסער דער שטאָט, פון דער אַנדערער זייט טייכל, אויפן העכסטן שפּיץ באַרג. א שטאָט פון טויטע וואָס באַהערשט טאָפּאָגראַפיש די שטאָט פון די לעבעדיקע. אדאַנק דער ערהויבונג פון זיין שטעלע, קאָן מען אָנזען דעם בית-עולם פון גאָר פאַרשידענע ווינקלען פון דער שטאָט, און ספּעציעל אימפּאָנירנדיק איז ער אין די פאַרנאַכט-שעהן, פאַרן זונזעץ, ווען די זון-שטראַלן פון מערב שאַפן פייערדיקע רעפלעקסן אויף די שוואַרצע גראַניטיקע מצבות און מאַוזאָלייען אין מזרח.

קיין דענקמעלער זיינען נישטאָ. בלויז א קליינער היסטאָרישער געדענקשטיין („פּאַמיאַטניק") ביים אָנהויב פון דער פּאָטשטאָווע גאַס, ווו ס'איז וואַרשיינלעך געווען דער קערן פונעם שטעטל, און פון וואַנען ס'האָט זיך מיט דער צייט אויס-געשפּרייט אין דער אַלגעמיינער ריכטונג אויף מערב.

ריאָ-דע-זשאַנייראָ שלמה סערעבּרעניק

ווי אזוי האָבן יידן געלעבט ביי אונדז

ווי איז געווען דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון בריטשאַנער יידן?

ניט האָבנדיק קיין שום סטאַטיסטישע צאָלן בלייבט אונדז בלויז זיך צו פאַרלאָזן אויף השערות'דיקע אָפּשאַצונגען. ס'וועט אָבער, מיין איך, זיין גאַנץ נאָענט צו דערווירקלעכקייט. אויך מיר וועלן אָפּשאַצן, אז אן ערך פערציק פּראָצענט בריטשאַנער יידן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל, א דריטל בערך זענען געווען האַנטווערקער, און די איבעריקע זענען געווען פאַרשידענע פאַר-מיטלער, פריי-פּראָפעסיאָנאַלן, „כלי-קודש" (רבנים, שוחטים, מלמדים, שמשים,

נאמנים און אנדערע), סתם יידן אָן א באשטימטער פּרנסה און זיכערע קוועלן פון פּרנסה, און אזוינע וואָס האָבן קיין שום חיונה ניט געהאט.

ברישאַן האָט געגילט פאר א שטאָט פון פּרנסה. אין גרונט שיינט עס מיר צו זיין איבערטריבן, און ווען ס׳וואָלט מעגלעך געווען די זאך אונטערזוכן, וואָלט עס גאנץ אנדערש אויסגעזען. פארהעלטניסמעסיק אָבער, אין פארגלייך מיט אנדערע ענליכע פּלעצער, איז די לאגע פון בריטשאנער יידן געווען גאנץ גוט.

בריטשאַן האָט פארמאָגט א פּעריפעריע פון אן ערך צוואנציק גרויסע און רייכע דערפער, און פון זיי האָט זי געצויגן איר הויפּט-פּרנסה. די ארומיקע פּויערן פלעגן ברענגען אין שטאָט אריין זייער גאנצע פּראָדוקציע פון פעלד און פון גאָרטן: ווייץ, קאָרן, גערשטן, פרוכטן פארשידענע און כל המינים גרינוואַרג. חוץ דעם האָבן זיי געבראכט עופות און אייער און אויך בהמות צום פארקויף: קי, שאָף, פערד, חזירים און אנדערע. אויך די פּויערטעס פלעגן ברענגען זייערע היימישע האנדווערק, וואָס זיי האָבן באוויזן אויסצואַרבעטן אין די לאנגע, קאלטע ווינטער-נעכט, ווי האנטוכער, קילימעס, גראָבע לייווענטן אד״ג. דאָס האָבן זיי פארקויפט די שטאָטישע יידן, סיי סוחרים און סיי אנדערע צום אייגענעם געברויך, און פארן געלט איינגעקויפט טאקע דאָ אין שטאָט ביי די קרעמער און בעלי-מלאכות אלץ וואָס זיי האָבן באדארפט: שפּייז-מיטלען, קליידונג, שוכוואַרג, היטלען (קוטשמעס), כלים פארשידענע און ארבעטס-געצייג, און נאָך און נאָך. חוץ דעם פלעגן זיי דאָ ברענגען פארריכטן פארשידענע זאכן. די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פון די שטאָטישע יידן איז, אלזאָ, געווען ענג-פארבונדן און גענצלעך אָפּהענגיק פון דער לאגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די ארומיקע דאָרפישע פּויערן, און פון דעם איז אויך באיינפלוסט געווען זייער סאָציאַלע סטרוקטור.

ס׳האָט זיך אויסגעבילדעט א ספּעציעלער שיכט יידן — די אזוי-גערופנע תבואה-סוחרים, וואָס האָבן זיך באשעפטיקט מיט איינקויפן די תבואה ביי די פּויערן. אמערסטן זענען דאָס געווען קליין-הענדלער, באגרעניצטע אין געלד-מיטלען, וואָס האָבן די איינגעקויפטע תבואה שוין דעם זעלבן טאָג, אָדער באלד אויף צו מאָרגנס, איבערפארקויפט צו די גרעסערע סוחרים, באגנוגנדיק זיך מיט מינימאלע רווחים. בלויז ווייניקע פון זיי האָבן זיך געקענט דערלויבן צו האלטן די תבואה אין די מאגאזאנעס און ווארטן אויף בעסערע פּרייזן. זייערע הייזער זענען געשטאנען אין סאמע עק פון שטאָט — די גרעסטע טייל ביי דער יעדינעצער בריק, ווו זיי האָבן, יעדער ביי זיין הויז, אויפגעשטעלט מאגאזאנעס פאר דער תבואה. קיינער האָט אָבער ניט געווארט אז דער פּויער זאָל קומען צו אים. יעדער פלעג ארויסגיין אויף יענער זייט בריק אים דאָרט צו באגעגענען און שטילערהייט מתפּלל געווען אז ער זאָל זוכה זיין צו זיין דער ערשטער און ארייכאַפּן דעם גוי מיט זיין ביסל תבואה. האָט זיך נאָר באוויזן פונדערווייטנס א פּויערישע פור, האָבן זיך באלד א לאָז געטון צו אים א פּאָר צענדליק יידן. יעדער איינער שלעפּט דעם פּויער צו זיך; יעדער איינער שלאָגט אים פאָר א בעסערן פּרייז, אבי ער זאָל אים פארקויפן זיין תבואה. איינער רעדט מיטן פּויער, א צווייטער האלט די פערד און

לאָזט אים ניט פאָרן, א דריטער זיצט שוין אויפן וואָגן און טרייבט די פערד, זיי זאָלן דווקא יאָ פאָרן... פערצן יידן רייסן זיך איבער איין גוי, און יעדער זאָגט אים צו גאָלדענע גליקן, און דער גוי אליין שטייט א צעטומלטער און ווייסט ניט וואָס צו טון...

די קאָנקורענץ איז געווען גרויס און פון יאָר צו יאָר האָט זי זיך אלץ פארגרעסערט. מ׳האָט שוין אויפגעשטעלט מאגאזאנעס פון יענער זייט בריק, און וואָס אמאָל אלץ ווייטער. מ׳האָט אָנגעהויבן איינקויפן די תבואות נאָך אין פריען פרילינג, און געטיילט די פויערן א דערויף אויפן קינפטיקן אוראָזשאי (ערנטע). ס׳האָבן זיך, פארשטייט זיך, געפונען פויערן, וואָס האָבן דאָס געוווסט גאנץ גוט אויסצונוצן: זיי האָבן גענומען אוואנסן ביי איינעם און אויך ביי א צווייטן, און אז ס׳איז געקומען די צייט, האָבן זיי די תבואה פארקויפט גאָר א דריטן או גיי לאד מיך... ניט ווייניק יידיש געלט איז אזוי ארום געגאנגען לאיבוד, אָבער וואָס קען מען מאכן — מען מוז דאָך ווי ס׳ניט איז לעבן...

ס׳זענען אויך געווען ביי אונדז א היפשע צאָל גרעסערע סוחרים, וואָס פלעגן, מיט דער הילף פון פארמיטלער, איבערקויפן די אלע תבואות און אויך אָפּקויפן די ערנטע ביי די פּריצים פון די ארומיקע דערפער. די תבואות פלעגן זיי וואגאָנעס-וויַיז טיילוויַיז איבערשיקן אין די אינערלעכע גובערניעס און טיילוויַיז עקספּאָרטירן קיין אויסלאנד, קיין דייטשלאנד און עסטרייך.

ענלעך צו דעם איז אויך געווען דער אייער-און-עופות-האנדל, מיט וועלכן ס׳האָבן זיך באשעפטיקט ניט זער פיל. אויך דאָ זענען געווען יידן איינקויפערס פאר גרעסערע סוחרים, בלויז מיטן אונטערשיד, וואָס די לעצטע זענען אלע געווען ניט קיין אָרטיקע און די איינגעקויפטע עופות און אייער פלעגן נאָך דעם זעלבן טאָג ארויסגעשיקט ווערן קיין נאוואסעליץ, די גרעניץ-שטאָט מיט עסטרייך.

א גאנץ קליינע צאָל יידן האָבן זיך פארנומען מיט בהמות-האנדל, באזונדערס מיט אָקסן. חוץ פאך-קענטניש און געניטקייט האָט מען צום מסחר באדארפט גרעסערע געלד-סומעס, סיי מזומנע און סיי אין קרעדיט, צוליב די גרויסע אינוועסטיציעס און ווייל ס׳האָט זיך דערצו געפאָדערט אויסדויער. דערביי איז אויך די ריזיקא געווען א גאנץ גרויסע, אבער די פארדינסטן פונעם מסחר זענען, ווי ס׳שיינט, געווען אָנגעזעענע, ווייל די אלע סוחרים זענען תמיד געווען רייך. אויך דער מסחר איז געווען אויסגעשטאַלט בעיקר אויף עקספּאָרט קיין עסטרייך און קיין דייטשלאנד, אָבער אויך דער אינערלעכער רוסישער מארק האָט איינגעקויפט ניט ווייניק אָקסן אלס ארבעטס-בהמות און אויך פאר פלייש.

פון א גאנץ גרויסן פארנעם איז געווען דער מסחר מיט שאָף-פעלעכלעך — שמוישן, וואָס מ׳האָט באנוצט פאר היטלען (קוטשמעס) און פעלצן. נאָך ווייט פארן פרילינג האָבן די שמוישן-הענדלער, צווישן זיי אויך פארמעגלעכע בעלי-מלאכות, קירזשנער און קוטשמארעס, זיך ארויסגעלאָזט אין די נאָענטע און אויך ווייטערע דערפער און אָפּגעקויפט ביי די פּריצים און ביי די רייכערע פויערים, וואָס האָבן גרויסע טשערעדעס מיט שאָף, אלע לעמעלעך, וואָס וועלן שפּעטער

געבוירן ווערן — און ווען די צייט איז געקומען, האָבן זיי די לעמעלעך אָפּגענומען. דאָס פלייש האָבן געקויפט די קצבים, די פּשוטערע פעלעכלעך זענען אין א גרויסן טייל געגאנגען פאר אינערלעכן געברויך און די בעסערע זענען עקספּאָרטירט געוואָרן קיין אויסלאנד. דער מסחר האָט באדייטנד זיך פארגרעסערט נאָכן ערשטן קריג, אין דער צייט פון דער רומענישער אָקופּאציע, און האָט ארומגענומען פיל צענדליקער יידן, וואָס האָבן באקומען היפּשע פארדינסטן.

איינע פון די הויפּט-פרנסות איז געווען קרעמעריי, וואָס איז מייסטנס געווען אויסגעשטעלט אויף פּויערישער קונדשאפט. יעדן דינסטיק, ווען ס'איז געווען דער מארק-טאָג, און אין די טעג פון קריסטלעכע ימים-טובים, זענען די קראָמען געווען איבערפולט מיט קונים, פּויערים און פּויערטעס, וואָס זענען אומגעגאנגען פון קראָם צו קראָם און, נאָך פיל דינגעניש און האנד-פּאטשעניש, איינגעקויפט אלץ וואָס זיי האָבן געברויכט פון קליין ביז גרויס. שפּייז מיטלען, פארשידענע שטאָפן, פארטיקע הלבשה (טאנדייט), שוכווארג, קוטשמעס, גאלאנטעריע, כל המינים כלים, לאנדווירטשאפטלעכע און אנדערע ארבעט-געצייג און נאָך און נאָך. אויך די ווייגשענקער און כארטשעווניעס האָבן יענע טעג גוט געלעזט. דער סעזאָן האָט אָבער אָנגעצויגן בלויז א קורצע צייט — אין הערבסט און אין די ווינטער-חדשים. די איבעריקע מאָנאטן איז דער פארקויף געווען זער שוואך, די קראָמען האָבן כמעט געפּוסטעוועט, און די קרעמער פלעגן זיצן פאר די טירן און ארויסקוקן אויף א קונה.

אויך די גרעסטע טייל פון די בעלי-מלאכות האָבן געארבעט פארן געברויך פון די ארומיקע פּויערים. עס זענען, אמת, געווען ווייניקע שניידערס וואָס האָבן גענייט פאר די איינוווינער לויט באשטעלונג (די יידן האָבן קיין גרייטע הלבשה ניט געקויפט); די גרעסערע צאָל, אָבער, האבן גענייט פארטיקע און ביליקע הלבשה („טאנדייטניקעס"), וואָס פלעג מערסטנס צעשטעלט ווערן אין די קראמען. אבער עס זענען אויך געווען שניידער, וואס פלעגן אין די מארק-טעג ארויסשטעלן זייער הלבשה אויף שטעלעכלעך און זיי אליין פארקויפן, צומאל אויך אין די אייגענע הייזער. פּונקט ווי פיל קרעמער פלעגן זיי ארויספאָרן מיט זייער סחורה אין די ארומיקע דערפער: פארן ערשטן קריג פלעגן אייניקע גרייכן מיט זייערע סחורות אין די פאדאלישע שטעטלעך פון יענער זייט דניעסטר. און ניט נאָר די שניידערס — אזוי האָבן געטון אויך קיזשנערס, היטל-מאכערס (קוטשמארעס), שוסטערס און אנדערע בעלי-מלאכות. דאָס איז געווען א מין צוזאמנגוס פון מלאכה מיט מסחר.

די גרעניצן צווישן מלאכה און האנדל זענען כמעט גענצליך פארווישט געווען אויך ביי אנדערע בעלי מלאכות, וואָס פלעגן אויסארבעטן געברויכס-ארטיקלען און זיי אליין אויספארקויפן, ווי: סטאליארעס, בלעכערס, סטעלמאכעס, קאוואלעס, באדנערס און אנדערע. חוץ זיי איז, פארשטייט זיך, געווען א היפּשע צאָל ארבעטס-מענשן וואס האבן געצויגן זייער חיונה פון דער שטאָטישער,

יידישער באפעלקערונג, ווי קצבים, זייגער-מאכערס, כלי-זמרים, בעלי-עגלות, טרעגערס, פארבערס און אנדערע.

א קליינע צאָל יידן האבן זיך באשעפטיקט מיט לאנדווירטשאפט (פאסע-סיעס״). די ערד, גאנץ היפשע שטחים, האָבן זיי ארענדירט ביי די פריצים און זי איז באארבעט געווארן דורך פויערים פון דער נאָענטער סביבה. די פאסעסארס פלעגן מענסטן גוט פארדינען און האבן זיך גלעבט פארהעלטניסמעסיק גאנץ בהרחבה׳דיק. נאָכן ערשטן קריג, ביי דער רומענישער אָקופּאציע, ווען דאס צארישע געזעץ, וואס פארבאט יידן צו קויפן ערד, איז אָבגעשאפן געוואָרן, האבן אייניקע פאסעסארן, און אויך אנדערע, געקויפט אייגענע ערד.

אין בריטשאן איז געווען א באקאנטע פאמיליע — משה בערשטיין און זיינע זון — וואס האט נאך אין די צייטן פון צארישן רעזשים באקומען ספּעציעלע רעכט צו באזיצן אייגענעם באָדן. די פאמיליע איז געווען פון די רייכסטע אין בעסאראביע און האט פארמאָגט גרויסע שטחים ערד און א אייגענעם גוט, דאס דארף סאנקאוץ מיט א גוראלניע און א גרויסער מיל. נאך א גרויסע מיל האט אויפגעבויט אין דאָרף טשעפּלעאוץ א צווייטער בריטשאנער רייכער ייד, יוסף באבאנטשיק. די ביידע מילן זענען געווען פון די גרעסטע אין בעסאראביע און האבן געליפערט מעל ניט נאָר פאר בריטשאן און דער אומגעגנט, נאר אויך פאר פיל אנדערע שטעט אין בעסאראביע און אוקראינע.

זעלבסט-פארשטענדלעך אז די סאָציאלע לאגע איז ניט ביי אלעמען געווען גלייך, און ס׳האָבן זיך אויסגעבילדעט פארשידענע שטאנדן. צווישן די סוחרים און קרעמערס זענען געווען אזוינע, וואָס האָבן געפירט גרעסערע געשעפטן, און א ברייטער לעבן. דאקעגן זענען געווען א גרויסער צאָל, וואָס האָבן אלע זייערע יאָרן אָפּגעלעבט אין נויט און אין דחקות,דער מוח האָט זיי געטריקנט פון דאגות, און שטענדיק פלעגן זיי זיך אומיאָגן צו „כאפּן״ א גמילות-חסד אָדער אַן הלואה אויף פראָצענט, כדי זיך צוגרייטן צום קומענדיקן מארק-טאָג.

דאָס זעלבע ביי די בעלי-מלאכות: עס זענען געווען אזוינע וואָס האָבן זיך גאנץ גוט ארויפגעארבעט און דערגרייכט צו א גוטן שטאנד. זיי האָבן פאר-גרעסערט זייערע ווערקשטאטן, זיי האָבן געקענט איינקויפן די נויטיקע מאטעריאלן צו דער צייט און וויפיל זיי האָבן געוואָלט, און האָבן תמיד געהאט וואָס צו פאר-קויפן. די גרעסערע טייל, אָבער, האָט אומדערמידלעך און מיטן בלוטיקן שווייס געארבעט פארן שטיקל ברויט און עס שווער באקומען. און פיל פון זיי זענען זייער גאנץ לעבן פארבליבן אין אָרעמקייט און ניט געקענט דערנערן זייערע פאמיליעס.

עס זענען אויך געווען ניט ווייניק יידן וואָס האָבן אליין ניט געוווסט פון וואָס זיי לעבן. זיי האָבן ניט קיין שום בארוף און קיין באשטימטע באשעפטיקונג, און זייער פרנסה איז געווען א צופעליקע — פון וואָס ס׳מאכט זיך. זיי האָבן געלעבט פון „אפשר״: אפשר וועט זיך טרעפן א ג׳עקלעריי צי א שדכנות; אפשר וועט זיך מאכן אָפּצוקויפן א מציאה׳לע, אפשר וועט געלינגען זיך צוטשעפּן און

צושטיין פאר א שותף צו עמיצנס א מסחר און עס וועט עפּעס דערפון אַרױספאַלן... די יידן האָבן געלעבט מיט ארויסקוקען אויף נסים, און, ווי באקאנט, ניט אלע טאָג געשעט א נס. א סך פון זיי האָבן זיך דערפאר געװיטיקט אין שטיצע פון נאָענטע און ווייטערע קרובים און צומאָל — אויך פון קהל, אָפּגערעדט שוין פון די פּראָפעסיאָנעלע בעטלער...

איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס א סך האָבן געמוזט פארלאָזן זייער היים און זוכן זייער מזל אין די ווייטע לענדער, אין בראזיל צי אין אמעריקע. צום ערשטן האָבן אויסגעוואנדערט בלויז יינגערע בחורים. צי דערפאר וואָס די נויט האָט זיי געטריבן, צי ווייל ס׳איז זיי נמאס געוואָרן דאָס פּוסט-און-פּאסעווען, ניט האָבנדיק קיין אויסזיכטן ביי עפּעס וואָס זיך איינצואָרדנען. אייניקע האָבן זייער היים פארלאָזט כדי אויסצומיידן דאָס מיליטער-דינסט ביי „פאניען"; אנדערע — ווייל זיי האָבן זיך עפּעס פארשטעפּעט מיטן געזעץ און זיך פארזינדיקט פאר דער מאכט (אפשר דערפאר פלעג מען זאָגן: „אנטלאָפן קיין אמעריקע")...

ס׳איז אוועק א צייט און פון די בחורים פלעגן אָנקומען בריוו אז „מען מאכט א לעבן" און אז אמעריקע איז בכלל א גאָלדענע מדינה און מען קען דאָרט קומען צו גרויס רייכטום; גאָלד וואלגערט זיך אין די גאסן — כאָטש נעם און שאר עס מיט לאָפּעטעס... פון די בילדער וואָס זיי האָבן צוגעשיקט האָט מען טאקע געזען אז די בחורים זעען אויס זער שיין און צופרידן און זיי זענען פיין געקליידעט. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן צו קומען פון דאָרט טשעקן מיט דאָלארן און שטילערהייט האָט מען אָנגעהויבן טראכטן פון ארויספאָרן. און אז די צייט איז געקומען און דער זון האָט צוגעשיקט שיף-קארטעס פאר דער פאמיליע האָט מען זיי שטארק מקנא געווען, כאָטש זיי אליין האָבן ניט גערן עס דערציילט און ווייניק דערפון גערעדט.

בכלל פלעג מען עס האלטן בסוד און ניט דערציילן אז מען האלט אין פאָרן קיין אמעריקע. אלע פאָרברייטונגען זענען געמאכט געוואָרן ווי ווייט מעגלעך שטילערהייט. פארוואָס? דאכט זיך צוליב צוויי טעמים: ערשטנס האָט מען מורא געהאט פאר בייזע צינגער — די גרעגעץ פלעג מען „שווארצן" און ס׳איז גלייכער, אז וואָס ווייניקער מענטשן וויסן דערפון, שוואַרים האָט דאָך יעדער מענטש!... און צווייטנס האָט עס ביי די שטעטלישע יידן גלאט אויסגעזען ניט אנשטענדיק צו עמיגרירן. האָט מען דאָך שטענדיק געמאכט דעם אָנשטעל און פארדעקט די אמת׳ע לאגע, — ווי זאָגט מען דאָס: „א קניפּ אין באק — די פארב זאָל שטיין" — און דאָ גאָר מוז מען עמיגרירן.

איז טאקע אין אָנהויב די עמיגראציע געווען א קליינע און ערשט מיט דער צייט האָט זי זיך פארשטארקט און פארוואנדלט געוואָרן אין א ברייטן שטראָם. גאנצע פאמיליעס האָבן זיך אויפגעהויבן און איבערגעוואנדערט קיין אמעריקע. האָבן זיך ביי עמיצן די געשעפטן פארערגערט, צי ס׳איז גאָר פון אָנהויב געגאנגען ניט גוט; האָבן ביי וועמען אונטערגעוואקסן די טעכטער און ער איז ניט אומשטאנד געווען צוגרייטן פאר זיי נדן און אויסשטייער; האָט זיך איינעם צוגעגעסן דאָס זיצן ליידיק און ווארטן אויף בעסערע צייטן — איז אים געבליבן

איין אויסוועג צו עמיגרירן... פאַרן ערשטן קריג און א פּאָר יאָר נאָך אים האָט זיך די עמיגראַציע געצויגן קיין אמעריקע (פאראייניקטע שטאַטן) און — ווייניקער — קיין בראַזיל.

שפּעטער, ווען אמעריקע האָט אין א גרויסער מאָס באַגרעניצט דעם אריינ־קום פון עמיגראַנטן, און, אונטערן איינפלוס פון דעם פארשטאַרקטן ציוניסטישן רוף, האָט זיך אָנגעהויבן און אַלץ מער פארגרעסערט די עליה קיין ארץ־ישראל, באַזונדערס צווישן די יוגנטלעכע.

פון צייט צו צייט פלעגן אָנקומען שלעכטע יאָרן. איין מאָל — ווייל ס'איז געווען ווייניק רעגן, די פעלדער זענען ניט געראָטן און די פּויערן האָבן ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן און מיט וואָס צו קויפן. א צווייט מאָל איז דווקא געווען א גרויס גערעטעניש — די פּרייזן זענען אָבער שטאַרק געפאַלן און ס'איז ניט געווען קיין מאַרק. דאָ איז געווען צו א קאַלטער ווינטער אין דאָ — צו א נאַסער זומער... צומאָל האָבן אויך ווייטע געשעענישן, ערגיץ ווו אין אויסלאַנד, געווירקט אויפן מאַרק. סוחרים פלעגן דאָס רופן מיטן נאָמען „קריזיס". אַזוינע קריזיסן פלעגן זיך צומאָל אָפּט איבערחזרן און ווערן לאַנגדויערנדיקע. דעמאָלט איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטעטל דערשיטערט געוואָרן און די שפּורן האָבן זיך געמערקט גאַנץ לאַנגע צייטן.

נאָך דער אָקופּאַציע פון בעסאַראַביע דורך די רומענער איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין בריטשאַן, פּונקט ווי אין גאַנץ בעסאַראַביע, שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן.

בעסעראַביע איז, ווי באַקאַנט ,א לאַנדווירטשאַפטלעכער געביט און איר פּראָדוקציע פלעג געליפערט ווערן, חוץ קיין אייסלאַנד, אויך אין די אינערלעכע רוסישע גוברניעס. מיט אמאָל איז זי געוואָרן אָפּגעריסן פון אירע מאַרקן און איז געוואָרן א טייל פון רומעניע, וואָס איז אליין א רייך לאַנדווירטשאַפטלעך לאַנד. דאָס אליין איז גענוג געווען, אז די סטאַבילע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער געגענט זאָל דערשיטערט ווערן. דערצו האָט נאָך רומעניע אָנגעווענדעט א דער־דריקונג־פּאָליטיק קעגן דער גאַנצער בעסאַראַבער באַפעלקערונג און באַזונדערס קעגן די יידן. זי האָט אבסאָלוט זיך ניט גערעכנט מיט עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון בעסאַראַביע און איר ניט אָפּגעגעבן די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט. די רעזול־טאַטן דערפון האָבן זיך באַלד געלאָזט מערקן אויך ביי אונדז. עס האָט זיך אָנגע־הויבן א לאַנגזאַמער אָבער אונאויפהערלעכער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער ירידה און פון אַלגעמיינער פאַראָרעמטקייט, וואָס בלויז ווינציקע זענען פון איר ניט געטראָפן געוואָרן. פון יאָר צו יאָר זענען געפאַלן די הכנסות. די צאָל פון פרנסה־לאָזע איז געוואָרן גרעסער, און די נויט איז געוואַקסן, באַזונדערס אין די אָרעמע שיכטן.

ס'איז געקומען דערצו אז מ'האָט געמוזט עפענען נייע צדקה־אַנשטאַלטן, כדי עטוואָס צו פאַרלייכטערן די נויט. מ'האָט דאַן געגרינדעט דעם „ביקור חולים",

וואָס האָט געזאָלט פאַרזאָרגן די אָרעמע קראַנקע מיט מעדיקאַמענטן און מיט בעסער שפּייז (פאַר האָספּיטאַליזאַציע האָט געדינט דער יידישער שפּיטאָל), די חברה „מלביש ערומים״ — צו באַזאָרגן די נויטבאַדערפטיקע מיט עפּעס הלבשה און ס׳איז געעפנט געוואָרן די קאַנטינע, אין וועלכער מען האָט אַרויסגעטיילט מאָלצייטן גאַנץ אומזיסט פאַר אַריבער הונדערט קינדער פוןביידע תלמוד־תורות. ס׳איז קיין ספק ניט אַז די צאָל קינדער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין אַ מאָלצייט איז געווען פיל גרעסער, ווייל, ערשטנס, האָבן ניט אַלע קינדער — באַזונדערס מיידלעך — געלערנט אין די תלמוד־תורות, און צווייטנס, האָבן זיך דאָך געפונען ניט ווייניקע עלטערן, וואָס האָבן, אויס בושה, ניט דערלויבט זייערע קינדער צו געניסן פון דער קאַנטינע... פון אַ דאָקומענטלעכער רשימה וואָס **געפינט זיך**, איז צו זען, אַז אין יאָר 1937 האָט די קהילה פאַנאַנדערגעטיילט טיילווייזע הלבשה און שוכונג פאַר הונדערט אַכט און צוואַנציק(!) אָרעמע קינדער, און ווער ווייסט וויפל קינדער זענען אַרומגעגאַנגען נאַקעטע און באָרוועסע און האָבן צוליב פאַרשידענע טעמים גאָרניט באַקומען? די קהילה האָט טאַקע געמעלדעט, אַז זי קען ניט אָקעגנ־קומען אַלע פאָדערונגען.

קלאָר אַז די בריטשאַנער יידישע באַפעלקערונג האָט ניט געקענט אַליין לייסטן אַ מאָנאַטלעכע אויסגאַבע פון צענדליקער טויזנטער לייעס. מען דאַרף דערצו געדענקען אַז די נאָך פון פריער עקזיסטירנדיקע אַנשטאַלטן — דער שפּיטאָל, מושב זקנים, די נייע און אַלטע תלמוד־תורות און אַנדערע, האָבן איצט אויך געמוזט פאַרברייטערן זייער טעטיקייט. מ׳איז דעריבער געווען געצוווּנגען צו פאָדערן הילף פון בריטשאַנער רעליף אין אַמעריקע. אַפילו נאָכדעם וואָס די קהילה איז געגרינדעט געוואָרן, איז איר ניט געלונגען צו באַקומען די דערצו נויטיקע געלטמיטלען און געמוזט אָנקומען צו דער שטיצע פון אויבנדערמאָנטן רעליף.

פאַרן מיטל־קלאַס און די אַרבעטס־עלעמענטן זענען ניט ווייניק בייגעשטאַנען די עקאָנאָמיש־פינאַנציעלע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן לענגערע יאָרן פונקציאָנירט און דערלאַנגט זייער הילף — די באַנק און די קאָאָפּעראַטיווע ליי־און־שפּאָר־קאַסע. די באַנק האָבן באַדינט די כוחרים און די גרעסערע קרעמערס, די ליי־און־שפּאָר־קאַסע — דעם קליינהענדלער און די אַרבעטס־שיכטן. נאָך פאַרן ערשטן קריג האָבן די סוחרים מיט אייגענער איניציאַטיוו געגרינדעט זייער באַנק „פאַר געמיינזאַמען קרעדיט״, וואָס האָט זיך גוט אַנטוויקלט און האָט דערגרייכט די מעגלעכקייט צו פאַרטיילן קרעדיטן ביז צוויי טויזנט רובל — אַ גאַנץ היפּשע סומע אין יענע צייטן און לויטן מאַסשטאַב פון מסחר אין בריטשאַן. נאָכן קריג האָבן זיך געעפנט אַנדערע בענק — אָרטיקע און אָפּטיילונגען פון גרעסערע צענט־ראַלע בענק אין רומעניע. אויך זיי האָבן אויסגעפילט אַ וויכטיקע ראָל אין מסחר־לעבן פון שטאָט און פיל מיטגעהאָלפן די סוחרים מיט קורצטערמיניקע און לענגערע הלוואות.

די קאאפעראטיווע ליי-און-שפּאָר-קאסע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך פאַרן ערשטן קריג מיט דער הילף פון „יקא" און האָט שוין דאן געצעלט עטליכע הונדערט מיטגלידער. דער ערשטער לייטער איר איז געווען יצחק ווארטיקאָווס-קי, און ער האָט זער פיל געלייסטעט פאר איר שנעלער און גוטער אנטוויקלונג, אזוי אז גאָר אינגיכן האָט די קאסע געקענט אויסצאָלן קרעדיטן ביז דריי הונדערט רובל.

נאָכן קריג איז די קאסע פון ס'ניי אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פון „צענטראלן קאָאָפעראטיוון פארבאנד" אין קעשענעוו און מיט דער שטיצע פון „דזשאינט". די גרעסטע טייל פון דער יידישע באפעלקערונג איז אין איר געווען איינגעשלאָסן. די הילף וואָס די מיטגלידער האָבן באקומען פון איר איז ניט אָפּצושאצן. די הלוואות וואָס זי האָט פארטיילט זענען געווען זער וויכטיק פאר כמעט אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג: סיי פארן בעל מלאכה, סיי פארן קליינהענדלער, ביי פיל פון וועלכע די ל.א.ש. קאסע האָט געדינט אלס איינציקער מקור צו קריגן אן הלוואה. איז טאקע די קאסע געווען זער געשעצט ביי דער גאנצער באפעלקערונג און יעדער האָט זי באטראכט ווי א אייגענעם אנשטאלט.

דעריבער טאקע האָבן די יערליכע אלגעמיינע פארזאמלונגען פון דער ליי-און-שפּאָר-קאסע ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס, און זיי פלעגן דורכגעפירט ווערן זער לעבעדיק און צומאָל אפילו שטורמיש. הונדערטער מיטגלידער פלעגן קומען צו דער פארזאמלונג כדי אויסצוהערן און צו קריטיקירן דעם באריכט פון דער פארוואלטונג און, בעיקר, אויסצוויילן די נייע פארוואלטונג. די פאר-זאמלונגען פלעגן דויערן צוויי און צומאָל אויך דריי נעכט נאָכאנאנד. ווי געוועהנלעך האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי צדדים, וואָס האָבן געקעמפט צווישן זיך — דער אזויגערופענער בעל-הבית'ישער טייל פון איין זייט און די בעלי-מלאכות פון דער צווייטער זייט. יעדער צד האָט זיך באמיט צו פארשטארקן זיין איינפלוס אין דער קומענדיקער פארוואלטונג און דעריבער געשטרעבט צו א גרעסערער פאר-שטעהערשאפט אין איר.

שטורמיש פלעג אויך באהאנדעלט ווערן די פראגע ווי פונאנדערצוטיילן די רווחים פון דער קאסע. חוץ דעם זענען צו דער פארזאמלונג געקומען אלע די, וואָס האָבן זיך געפונען געקריוודעט פון דער פארוואלטונג און דאָרט געזען דעם פלאץ זיך מיט איר „אָפּצורעכענען". און ס'זענען געקומען גלאט שרייערס, קאָך-לעפל, און אזוינע וואָס גייען שטענדיק ארום פארביטערט אויף דער גאָרער וועלט און זוכן א געלעגנהייט אויסצולאָזן זייער כעס... איז טאקע געשטאנען אויף דער פארזאמלונג א רעש, א טומל, און ס'איז אָפט ניט מעגלעך געווען צו הערן וואָס עמיצער רעדט. ערשט ווען די שרייערס זענען שוין געווען הייזעריק און די הויפּט-קהלערס זענען שטארק אויסגעמוטשעט געוואָרן — ערשט דעמאָלט פלעג די פארזאמלונג זיך אין איילעניש פארענדיקן, און אירע בחפזונדיקע באשלוסן האָבן קיינעם נישט באפרידיקט. דער עולם פלעג זיך פונאנדערגיין מיט א פעסטן

באשלוס צו זאמלען כוחות צום ווייטערדיקן געראנגל אויף דער קומענדיקער יערליכער פארזאמלונג.

אזוי האָבן אונדזערע יידן געלעבט זייער טאָג-טעגלעך לעבן אין שטענדיקער זוכעניש און יאָגעניש, טאָג-איין טאָג-אויס געשלעפט דעם יאָך פון פרנסה, מער-ווייניקער צופרידן אין די ווייניקע צייטן פון שפע, און כמורנע-פארזאָרגט אין די מערערע צייטן פון דחקות. שטענדיק, אָבער, פול מיט בטחון או האָפענונג אז עס וועט נאָך דאָך זיין גוט.

יעקב עמיצור (שטיינהויז)

די אלגעמיינע פארזאמלונגען פון ליי-און-שפאר-קאסע

די צאָל מיטגלידער פון דער ליי-און-שפאָר-קאסע האָט ביים סוף דערגרייכט ביז 1,400. דאָס הייסט, אז כמעט אלע פארדינסטפעאיקע מענטשן פון מיטל-קלאס און בעלי-מלאכות זענען געווען איינגעשלאָסן אין דער קאסע, וואָס האָט זיי, מיט דער הילף פון בעסאראבער קאָאָפעראטיוון פארבאנד, אויסגעטיילט הלוואות אויף צו פירן און פארגרעסערן זייערע געשעפטן.

ס'איז דערפאר קיין חידוש ניט וואָס כמעט די גאנצע באפעלקערונג האָט זיך אזויווארעם באצויגן צו „אונדזער בענקל" און די יערליכע אלגעמיינע פארזאמלונגען האָבן ארויסגערופן אן אלגעמיינעם אינטערעס און האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א היפשע געשעעניש אין לעבן פון בריטשאנער געזעלשאפטליכקייט. ניט בלויז מען הערט דאָרט אויס דעם באריכט פון דער פארוואלטונג, נאָר מען קען אויך קריטיקירן איר טעטיקייט, ארויסשטעלן טענות, זאָגן א דעה, מיטווירקן אויף פארשידענע באשלוסן און, דער עיקר, אויסוועלן א נייער פארוואלטונג...

די פאָר טעג, וואָס די פארזאמלונג האָט געדויערט, איז די שטאָט געגאנגען אויף רעדלעך. צו די זיצונגען וואָס פלעגן פארקומען ביי מאטי קרעמער אין זאל, פלעגן קומען די גאנצע שטאָט, קינד און קייט, און מ'איז ניט מיד געוואָרן צו זיצן ביז אין די גאנץ שפעטע שעהן פון דער נאכט. די פארזאמלונגען זענען, בדרך כלל, ניט דורכגעגאנגען איבעריק שטיל, און די דעבאטעס זענען גאנץ אָפטמאָל געווען הייסע, צומאָל אפילו שטורמישע. באזונדערס געדענק איך צוויי שטורמישע פארזאמלונגען:

1. צום פינעף-יעריקן יובילֵיי פון דער קאָסע איז אויפגעבראכט געוואָרן א פאָרשלאג צו באערן דעם פארדינסטפולן פאָרזיצער פון דער קאסע, באָריס שולמאן, און אים איינשרייבן אין ספר-הזהב פון קרן-קימת. דאָ האָט אויסגעבראָכן א געוואלדיקער שטורם. די אנטיציוניסטן האָבן געמאכט אן אָבסטרוקציע. די פארזאמלונג האָט אויסגעזען ווי א ברויזענדיקער ים. מיט גרויס מי איז דאָך געלונגען דעם פאָרזיצער ברענגען דעם פאָרשלאג צום אָפשטימען, און ער איז מיט א גרויסער מערהייט אָנגענומען געוואָרן.

2. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען האָט דער פאָרשטייער פונעם קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד געמאָלדן, אַז לויט דער רעוויזיע פון דער בוכהאַלטעריע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בוכהאַלטער האָט ניט ריכטיק אָנגערעכנט די פּראָצענטן פון די אָפּשפּאָרער און זיי אויסגעצאָלט 2 פּראָצענט שטאָט 2½ פּראָצענט. לויט זיין מיינונג האָט עס דער בוכהאַלטער געטון כדי צו ווייזן גרעסערע רווחים פון דער קאַסע און דערמיט צו באַרעכטיקן זיין פאָדערונג אויף אַ גרעסערן געהאַלט. דער פאָרשטייער האָט פאָרגעשלאָגן פשוט אָפּצוזאָגן דעם בוכהאַלטער פון דער אַרבעט.

ס'איז ניט צו באַשרייבן די אויפרעגונג וואָס האָט מיטאַמאָל באַהערשט די פאַרזאַמלונג; מען האָט געפאָדערט טאַקע באַלד דורכפירן דעם פאָרשלאַג. בלויז געצעלטע מענטשן האָבן זיך געכאַפּט אַז דאָ האַנדלט זיך אין דיני נפשות, און אַז אַ גאַנצע פאַמיליע קען דורך דעם רואינירט ווערן. זיי האָבן געפרוווט באַרואיקן דעם אויפגעשטורמטן עולם, אָבער אָן דערפאָלג.

דעמאָלט האָט דער שרייבער פון די שורות, אַלץ פאָרזיצער פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, גענומען אויף זיך די געוואַגטע מיסיע צו פאַרטיידיקן דעם בוכהאַלטער. ער האָט ציטירט אויסצוגן פון פריערדיקע פּראָטאָקאָלן, ווו דער בוכהאַלטער ווערט געלויבט דורך די פאָרשטייער פון פאַרבאַנד פאַר זיין גוטער און איבערגעגעבענער אַרבעט. אויב ער איז איצט געשטרויכלט געוואָרן, איז נאָך ניט באַוויזן אַז ער האָט דאָס געטון מיט בייזע כוונות. ער האָט אַפּעלירט צום מענטשלעכן געוויסן און צום יידישן האַרץ און זיי געראָטן ניט צו זיין די תליינים פון אַ יידישער פאַמיליע.

די רייד האָבן געווירקט און די שטימונג האָט זיך לחלוטין געביטן. און ווען חיים שוואַרץ האָט ווידער געפרוווט אויפהויבן דעם עולם קעגן דעם בוכהאַלטער, האָט מען אים גלאַט ניט געלאָזט רעדן. דער בוכהאַלטער איז געבליבן ביי דער אַרבעט.

ש. וייסבערג

רבנים אין בריטשאַן

בריטשאַן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע רבנים, וואָס אַ סך גרעסערע שטעט האָבן זיך ניט געקענט מעסטן מיט זיי.

דער ערשטער רב, וואָס פון אים האָב איך געהערט פון פיל עלטערע יידן, איז געווען ר' ברוכ'ל ז"ל. חוץ אין תורה איז ער געווען אַ גרויסער חכם אין מילי דעלמא. מ'האָט אים דעריבער גערופן צו זיין אַ בורר אין די גרעסטע סכסוכים. אפילו קריסטן או פּריצים פלעגן גערן זיך פאַרלאָזן אויף זיין פסק-דין.

ווייל ער איז געווען קינדערלאָז, האָט ער נאָך פאַר זיין פּטירה אַראָפּגעבראַכט זיינעם אַ קרוב פון ניקאָלאַיעוו, ר' איציקל, ער זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. ר' איציקל ז"ל איז אויך געווען אַ גרויסער חריף. ער איז אָבער געווען ביי אונדז



חיים דעם סופר׳ס — הרב מילמאן
(ניו־יארק)

נאָר א קורצע צייט, און אויף זיין אָרט איז געקומען ר׳ דניאל פינקעלזאָן, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין קלוגשאפט און פיינע באנעמונג מיט מענטשן.

חוץ ר׳ ברוכ׳ל זענען דאן געווען ביי אונדז נאָך צוויי רבנים, ר׳ יענקעלע און ר׳ יהודה׳לע.

ר׳ יענקעלע (שטיינהויז) האָט געשמ׳ט פאר א גאון. אויף אים האָט מען געזאָגט אז ער קען גאנץ ש״ס ופוסקים אויף אויסנווייניק. דערצו איז ער געווען באַרימט מיט זיין גרויס צדקות, און דאָס פאָלק האָט אים באקרוינט מיט לעגענדעס.

ר׳ יהודה׳לע (ראבינאָוויטש) איז געווען א גרויסער למדן און א זעלטענער מתמיד. אויף אים מעג מען זאָגן אז ער איז געזעסן על התורה ועל העבודה. בייטאָג און ביינאכט האָט ער נאָר געלערנט. דערצו איז ער געווען זייער פרום און כמעט אינגאנצן אויסגעטון פון וועלטלעכע ענינים.

ווען ר׳ יהודה׳לע ז״ל איז נפטר געוואָרן, האָט דאָס פלאץ פארנומען זיין זון ר׳ שלום ראבינאָוויטש ז״ל, וואָס איז דאן געווען רב אין לעאווע, ביי-בעסאראביע. אויך ער האָט פיל געירשנט אין פרומקייט פון זיין פאָטער און איז געווען א גרויסע למדן.

נאָך ר׳ יענקעלעס פטירה איז אויף זיין פלאץ געקומען זיין אייניקל ר׳ הערשעלע.

ר׳ הערשעלע (שטיינהויז) ז״ל איז געווען א למדן פון א הויכער מדרגה

און א טיפער חקרן, וואָס האָט גוט געקענט די יידישע פילאָסאָפישע ווערק פון מיטל-אלטער, ווי רמב״ם, ר׳ יהודה הלוי און אנדערע. ער איז געווען פון אלטן שניט, אָבער האָט אויך אריינגעקוקט אין השכלה-ביכער, און די ביכער פון דער נייער העברעאישער ליטעראטור. נאָך זיין פטירה איז דאָס פּלאַץ געבליבן ליידיק. קיינעם פון זיינע זין האָט ניט געצויגן צום כסא הרבנות.

ר׳ דניאל פינקענזאנס פּלאַץ האָט פארנומען זיין איידעם, ר׳ דוד קאָפּליוואצ-קי פון קאפרעשט. ער איז געווען ביי אונדז זער א קורצע צייט, ווייל נאָך זיין פאַטערס פטירה האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין געבורט-שטאָט און דאָרט געוואָרן רב.

דעמאָלט האָט מען ביי אונדז אויפגענומען אלס רב ר׳ איציקל ביק פון מאהילעוו-פּאָדאָלסק. ר׳ איציקל איז געווען באקאנט אין דער גאנצער סביבה מיט זיין למדנות און מיט זיין פיקחות. דערצו איז ער אויך געווען א מענטש מיט מאָדערנע אנשויאונגען און האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט. ער האָט אינגיכן פארלאָזט אונדזער שטעטל, ווייל זיינע לאנדסלייט אין די פאראייניקטע שטאטן האָבן אים אהין ארויסגערופן.

נאָך לאנגע זוכענישן האָט דעם כסא-הרבנות אין בריטשאן באזעצט הרב יעקב-שמשון אפרתי ז״ל, וואָס איז אינגיכן באליבט געוואָרן אויף אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג, צוליב זיין איידעלער אויפירונג און זיין וואכזאמקייט צו קהל׳שע ענינים. ער איז אויך געווען טעטיק אין ציוניסטישער ארבעט און האָט געגרינדעט ביי אונדז די „מזרחי״ אָרגאניזאציע. אינעם גירוש איז ער מיט אנדערע קדושים טראַגיש אומגעקומען.

חיים מילמאן (ניו-יאָרק)

משה קיזשניר (משה ראצעס) ע״ה

איינער פון די ערלעכסטע פערזענלעכקייטן אין בריטשאן איז געווען ר׳ משה קיזשנער, וועלכן מ׳האָט גערופן משה ראצעס, אויפן נאָמען פון זיין שוויגער ראצע, א באוווסטע באבע (הייבאם) אין שטאָט.

ר׳ משה איז געווען מלא וגדוש אין תלמוד און אין פוסקים, און דער עיקר, א גרויסער בעל-תנ״ך און מדקדק; איינער פון די ערשטע משכילים אין אונדזער שטאָט, א מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן, מיט א שארפן מוח און א פענאָמענאלן זכרון. ער איז געווען באקאנט ניט נאָר אין בריטשאן, נאָר אויך אין פיל נאָענטע און ווייטערע שטעט, און ניט איינמאָל זענען צו אים געקומען פארשידענע מחברים צו בעטן ביי אים זיין הסכמה אויף זייערע ווערק, ווי דער שטייגער איז דאן געווען. איז קיין חידוש ניט, וואָס אלע אונדזערע משכילים האָבן זיך גערעכנט פאר זיינע תלמידים.

משה ראצעס האָט געהאט א גרויסע דירה אויף דער טארהאוויצע, א איינ-

פאר-הויז, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט זיין אשת-חיל רעכיל, א קלוגע, ארבעט-זאמע פרוי, וואָס האָט ניט גערוט פון פארטאָג אָן ביז אין דער זינקנדיקער נאכט. ר' משה אליין האָט זיך געהאט זיינע וויכטיקע ענינים: חוץ דעם וואָס ער איז געווען א מלמד, האָט ער זיך נאָך באשעפטיקט מיט בוררותן און מיט פּאָליטיק. זיין שטוב איז געווען אן אמתר בית-ועד לחכמים. ס'פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען די גאנצע „פני" פון דער משכילישער אינטעליגענץ. דאָרטן האָט מען געפירט דיסקוסיעס אויף פארשידענע ענינים, דאָרטן האָט מן באהאנדלט אלע וועלטלעכע און שטאָטישע פראגעס. ס'האָט זיך ניט אָפּגעטון קיין זאך אין שטאָט, אז ס'זאָל פריער ניט האָבן ארומגערעדט ביי אים אין שטוב. א ייד א שותק, א שווייגער, מיט גרויסע ברעמען, וואָס האָבן צוגעגעבן זיין פּנים א שטרענגען אויסזיי, מיט א שיטער בערדל, וואָס ער האָט געהאלטן אין איין צופּן. פלעגט ער אויפמערקזאם אויסהערן די וויכוחים און באטראכטן די ארומיקע מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן און ביים סוף ערשט א בלאָז געטאָן: „פּכע! האָט איר שוין, הייסט עס, אָפּגערעדט? נו, עס הויבט זיך גאָרניט אָן... איר ווייסט פּשוט ניט וואָס איר זאָגט!..." און מיט עטלעכע נעציילטע ווערטער אומגעוואָרפן אלע רייד און ראיות, וואָס זענען אויפגעבראכט געוואָרן, און ארויסזאָגן זיין מיינונג, וואָס איז אָפּטמאָל געווען גאנץ אייגנארטיק.

געשטאָרבן איז ר' משה פארהעלטניסמעסיק גאנץ יונג, קוים אריבער 55 יאָר. נאָך א שווערן בוררות, וואָס ער האָט געהאט, האָט ער געקריגן אין מוח א בלוט-שטורץ, און איז געבליבן פּאראליזירט און פארלוירן דאָס לשון. זיין זון, וואָלף, האָט געמוזט איבעררייסן זיין שטודיום אין אָדעס און אהיים קומען באדינען זיין קראנקען פאָטער, וואָס איז נאָך צוויי יאָר שווערע ליידן נפטר געוואָרן, 8 טעג אין שבט תרס"ה.

חיים מילמאַן

מיין יוגנט-חבר משה ראזענבלאט

אין אונדזער שטעטל בריטשאַן האָט מען גערעדט אין אלע ווינקלען וועגן א וואונדער-קינד משה'לי, אזוי האָט מען אים פארצויגן, מחמת ליבשאפט.

ווען ער איז אלט געווען 10 יאָר האָט ער שוין געקאָנט כמעט אויף אויסנ-ווייניק גאנץ תנ"ך, און עס איז ניט געווען איין שווער וואָרט פון תנ"ך, אז ער זאָל ניט וויסן ווי עס לעגט זיך אויס.

צו דרייצן יאָר האָט ער שוין געשריבן שירים אויף אלע ימים טובים, אין ימים נוראים מיט די ראשי החרוזים אויף זיין נאָמען און פאָטערס נאָמען „חזק". נאָכגעפאָלגט די אמאָליקע פייטנים.

ער האָט געלערנט גמרא און תוספות און אנדערע מפרשים ביי די בעסטע מלמדים און ביים שטאָט-רב ר' יהודה'לי ע"ה. די משכילים אין שטאָט, זעענדיק אין אים דעם גרויסן טאלאנט צום שרייבן שירים אין העברעאיש, האָבן צוגע-

רעדט דעם פֿאָטער יוסף נפתלי׳ס, ער זאָל געבן דעם זון צו די משכילישע מלמדים, וועלכע זענען געווען דעמאָלט אין בריטשאן, ווי ר׳ משה ראציס, ר׳ משה יעקב. און דער פֿאָטער האָט זיי געפאָלגט. און דעמאָלט הייבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין זיין לעבן.

ער האָט זיך פון זיי דערוווסט, אז עס עקסיסטירט, א חוץ גמרא ומפרשים, אויך השכלה ספרים און חקירה ספרים פון דער אלטער ליטעראטור, ווי דעם רמב״ם, עקידה, עיקרים, און אויך פון דער נייער ליטעראטור, ווי ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, וכדומה, און די קלאסיקער ווי מאפו, סמאָלענסקין, גאָרדאָן וכד׳. און ער איז פון זיי



הרב משה ראזענבלאט

פארכאפּט געוואָרן, געשלונגען די ספרים פון דער נייער ליטעראטור יומם ולילה. ער האָט געליינט די העברעאישע צייטונגען פון יענער צייט, „המליץ״ און „הצפירה״, פון וועלכע ער איז באלד געוואָרן זייער קאָרעספּאָנדענט און פלעגט זיי שיקן זיינע שירים און די נייעסן פון שטעטל, וועלכע מען פלעגט זיי באלד דרוקן.

ער איז געוואָרן א טרוימער און קעמפער פון א נייעם יידישן לעבן פון ליכט און ציוויליזאציע, און געשטרעבט אויסצוראָטן פאנאטיזם און געטאָ-לעבן, צו פארטרייבן פינסטערניש און איבערגלויבן. ער פלעגט ארויסטרעטן אָפן קעגן די חסידים און פאנאטיקער אין די שולן, און ער האָט זיך באנוצט מיט א גוטן כלי-זין. ער האָט איבערגעוויזן מיט מאמרי חז״ל, פון תלמוד און מדרשים, רמב״ם אבן-עזרא, אברבנאל, ר׳ סעדיה גאון א.א.וו., אז די השכלה איז א צווילינג-שוועסטער מיט יידישן גלויבן, אז די יידישע אמונה איז אזוי ווייט אמת און שטארק, אז מ׳האָט נישט מורא פאר פילאָסאָפיע און בילדונג. ער האָט זיך באנוצט מיט די ספרים

פון ר׳ יצחק בער לעווענזאָן „תעודה בישראל״, „בית יהודה״, „דברי שלום ואמת״, פון ר׳ נפתלי הערץ ווייזעל וכדומה, וועלכע משה׳לי האָט זיי כמעט געקאָנט אויסנווייניק.

ער איז געוואָרן איין עסקן און דער פירער פון דער יוגנט. אין דער צייט ווען אונדזערע משכילים פון שטעטל, ווי ר׳ משה ראצעס און אברהם קליינמאַן האָבן זיך גענומען פארשפרייטן השכלה, צווישן דער יוגנט, איז ער „משה׳לי״ געווען זייער רעכטע האנט, און האָט זיי פיל געהאָלפן אין זייער ארבעט.

ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער ארבעט מיט א ברען און ענטוזיאזם. ווען די אויבנדערמאנטע משכילים האָבן זיך פארטראכט צו גרינדן א העברעאישע ביבליאָטעק, כדי מען זאָל קענען געבן דער יוגנט די מעגליכקייט צו באקומען צום לייענען די אלע העברעאישע ספרים פון יענער צייט, האָבן זיי שוין פארשטאנען אז צו דער ארבעט מוזן זיי האָבן נישט קיין אנדערן ווי אונדזער משה׳לי. און אזוי איז עס טאקע געווען. זיי זענען געווען די איניציאטאָרס און דער מוציא מכוח אל הפועל איז געווען משה׳לי. מען האָט צונויפגענומען אלערליי העברעאישע ספרים פון די משכילים פון שטעטל און צונויפגעקויפט נייע פון די פארלאגן „תושיה״, „אחיאסף״ וכדומה. דער באוווסטער כלל-טוער און משכיל ר׳ אברהם קליינמאַן האָט אונדז געגעבן ביי זיך אין הויז א צימער פאר דעם צוועק און משה׳לי האָט אונדז אָרגאניזירט, אז יעדן טאָג, אין א געוויסער שעה זאל איין אנדערער פון אונדז זיצן דאָרט און בייטן די ספרים פאר די לייזערס. ער האָט געוואָרבן חותמים פאר די העברעאישע צייטונגען „הצפירה״, „המליץ״ און זשורנאלן ווי „השילוח״ וכדומה.

ער איז געוואָרן באוווסט מיט זיינע מעשים טובים אין אונדזער גאנצער געגנט פון בעסאראביע ווי אויך אין פּאָדאָליע.

אין יעדן שטעטל ווו ער איז געקומען האָט ער געהייסן אויסצוזוכן די שארפזיניקע יינגלעך און אין זיי דערוועקן א חשק צו השכלה, אויך זיי באגייסטערן מיט זיין ענטוזיאזם. עס לעבן מיט אונדז דאָ אין אמעריקע לעבעדיקע עדות, גרויסע העברעאישע שריפטשטעלער וואָס וועלן עדות זאָגן, אז נאָר א דאנק משה׳לי זענען זיי געקומען צו דעם וואָס זיי זענען איצט.

ער האָט שוין אין דער יוגנט אָנגעהויבן שרייבן אין „המליץ״ און אין „הצפירה״. ער האָט געגרינדעט אין אונדזער שטעטל און אין די ארומיקע שטעטלעך די ערשטע אגודות „שפה ברורה״ און „דוברי עברית״.

ער האָט די שטיינער פון שטעטל געמאכט רעדן העברעאיש.

יעדן אָוונט, ווען ער האָט געזען א גרופע יונגעלייט שפּאצירן אין גאס און רעדן רוסיש, האָט ער באלד מאָביליזירט זיין ארמיי, די חברה „דוברי עברית״, צווישן וועלכע איך האָב אויך געהאט די ערע צו זיין, און איינגעשלאָסן א קייט פון אונדז, און מיר זיינען געגאנגען זייט ביי זייט מיט די רוסיש שפרעכענדיקע און האָבן גערעדט א לעבעדיקן העברעאיש, אזוי אז מען האָט זיי פארשריען. „אויף א יידישער גאס, זאָגט משה׳לי, דארף מען הערן נאָר העברעאיש ניט רוסיש״.

ער פלעגט ארומלויפן שבת אין די שולן און בתי מדרשים און האלטן רעדעס אין העברעאיש. ער האָט פיל געארבעט כדי עס זאָל עקסיסטירן דער „חדר מתוקן", ווי מען האָט געלערנט די לימודים אין דער העברעאישער שפראך, כאָטש ער האָט געהאט אויסצושטיין רדיפות פון די קעגנער.

הייגט זיינע עבודות צבוריות אין שטעטל לטובת די אָרימעלייט!

ס'איז ניט איבערצוגעבן זיין מסירת נפש און זיין ארומלויפן טאָג און נאכט צו העלפן יחידים, נויטבאדארפטיקע נסתרים.

אלע פאר פסח האָט ער אָרגאניזירט אלע יינגלעך און מיידלעך. מען פלעגט אליין באקן מצות פאר די אָרימע, וועלכע האָבן געקראָגן מצות צו ביליקע פרייזן און טיילווייז אומזיסט. משה'לי פלעג נעמען א פאָר חברים אוועקלאָזן צו די גבירים פון שטעטל און באקומען געלט אפילו ביי ניט אזוי מילדע. אייניקע האָבן אים געגעבן פאר רעספעקט, אייניקע פאר מורא, משה'לי האָט געסטראשעט, ער וועט זיי באשרייבן אין די צייטונגען.

אָט האָט אויסגעבראָכן די כאָלערע ר"ל. מענטשן זענען געפאלן ווי פליגן און די דאָקטוירים האָבן ארויסגעלאָזט א רוף: עס זאָל זיך אָפרופן וואלאנטערן צו ווערן סאניטארן, צו געבן די קראנקע מעדיצין, מאכן מאסאזשן. פארשטייט זיך, אז משה'לי איז געוועז פון די ערשטע, און האָט געארבעט טאָג ווי נאכט מיט אמתער מסירת נפש.

זיין פאָטער האָט זיך ארומגעקוקט ווי זיין זון איז פארנומען אין עבודות צבוריות, אזוי אז עס איז אים פארבליבן זער ווייניק צייט צום לערנען. האָט ער אים מיט געוואלט אָפּגעריסן פון דעם אלעמען און אים אריינגעשטופט אין דער אלטער קלויז ער זאָל דאָרטן לערנען גפ"ת.

גראד אין יענער צייט איז תמיד געזעסן און געלערנט אונדזער רב הגאון הר' יהודה'לי ז"ל. אז דער רב האָט אים דערזען האָט ער אים שוין נישט אָפּגעלאָזט און מיט אים געלערנט ש"ס ופוסקים און אים צוגעגרייט לכסא הרבנות.

און אין גאס האָט געדודערט:

„נישטאָ משה'לי! ער האָט געפעלט ביי יעדן טריט און שטריט. מען האָט טאקע פרובירט אים ארויסרייסן פון דער קלויז, אָבער זיין פאָטער האָט נישט צוגעלאָזט.

איין זאך איז געוועזן, די ארבעט פאר חיבת ציון, פאר וועלכער ער האָט געארבעט אפילו פון דער קלויז ארויס. ער האָט דעמאָלט שוין פארטיילט צירקולירן פון רבנו שמואל מאהילעווער ז"ל און זיין סעקרעטאר הרב יצחק ניסענבוים. ער איז געוועזן דער, וואָס האָט צונויפגעשטעלט צו די קערות ערב יוהכ"פ די צעטלען „לישוב ארץ ישראל", און א גאנצן טאָג ארומגעלאָפן פון שול צו צול און געארבעט אויף אלע כלים.

ער האָט משפיע געוועזן אויפן גביר פונעם שטעטל, הערשעלע שטיינבערג, צו ווערן דער „מורשה פון חובבי ציון", און נאָך אנדערע גבירים פון שטעטל זענען דורך משה'ליס השפעה צוגעצויגן געוואָרן צו דער אידע פון חיבת ציון.

ווען משה׳לי האָט זיך דערוווּסט פון דעם ספר „מדינת היהודים״, וואָס ד״ר הערצל האָט ארויסגעגעבן, און אז עס גרייט זיך דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באזל, האָבן שוין ניט זיין פאָטער און נישט זיין רבי הרב יהודה׳לי ז״ל נישט געקאָנט אים איינהאלטן.

ער האָט זיך מיט געוואלט ארויסגעריסן פון דער קלויז און פון די ד׳ אמות של הלכה, און האָט זיך אריינגעוואָרפן אין דער נאציאָנאלער ארבעט מיטן גאנצן ברען פון זיין נשמה. ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ניט געשלאָפן, ארומגעלאָפן אין די שולן און ניט מיד געוואָרן צו רעדן און אגיטירן. „קיין ייד״, האָט ער געשריגן, טאָר נישט פארבלייבן מחוץ למחנה הציונות״. ער אליין האָט געוואָלט זיך אוועקלאָזן צופוס קיין באזל. נאָר מיט שוועריקייטן האָט מען אים אָפּ-געהאלטן.

אָבער אונדזער שטעטל בריטשאן איז אדאנק אים געוואָרן דער מיטלפּונקט פון א סביבה ציונית (און ד״ר כהן-בערנשטיין, דער מורשה הציוני בקישינוב האָט מעיד געווען אז בריטשאן שטייגט איבער קישינוב און אנדערע גרויסע שטעט, מיטן פארקויף פון שקלים און אקציעס פון קאָלאָניאלבאנק, און מיט די אינטערע-סאנטע תשובות אויף זיינע צירקוליארן, וואָס ער פלעגט באקומען פון בריטשאן אין דעם „פאטשטאווי צענטער״.

ווען הערצל האָט גערעדט פון כיבוש הקהילות, האָט משה׳לי געוואָלט פארווירקלעכן אין לעבן און האָט מיטגעהאָלפן צו גרינדן די ציוניסטישע שול „שערי ציון״ אין בריטשאן, וועלכע האָט געדינט אלס צענטער פון ציוניזם, השכלה און כל עבודות צבוריות. און אזוי האָט משה׳לי, נאָך זייענדיק א יונגער בחור, מיט זיין אייזערנעם ווילן און מיט זיין גרויסער נשמה דורכגעפירט אלע אידעאלן אין שטעטל.

ווען בריטשאן איז שוין געוואָרן ענג פאר אים האָט ער געזוכט א ארבעטס-פעלד פאר זיין ציוניסטישער, נאציאנאליסטישער און העברעאישער טעטיקייט. האָט ער פארלאָזט בריטשאן און איז אוועקגעפאָרן קיין קיעוו.

ער איז אהין ארויסגערופן געוואָרן דורך דער רעקאָמענדאציע פון ד״ר כהן-בערנשטיין, און איז דאָרט געווארן די רעכטע האנט פון פראפעסאר מאנדעל-שטאם, וועלכער איז געווען דעמאָלט דער אלוועלטלעכער גזבר פון די שקלים און פון די אקציעס פון קאָלאָניאלבאנק.

ערשט דאן הייבט זיך אָן די טעטיקייט פון אונדזער משה׳לען אויף אלע נאציאָנאלע געביטן מיט ריזיקער אונערשעפּלעכער ענערגיע.

ער איז מיטגעפאָרן מיט פראָפעסאָר מאנדעלשטאם צו די קאָנגרעסן און קאָנפערענצן, און ער האָט, זייענדיק אין קיעוו, מער פון איין פערטל יאַרהונדערט, געשאפן געשיכטע.

אברהם גאָלדגעל

ערינערונגען

מיין געבורטס-שטאָט בריטשאַן האָט זיך געפונען אין צענטער פון דער בעסאראבישער מעסאפּאָטאמיע, לאַנג אויס צוויי טייכן: אין דרום — דער פּרוט און אין צפון — דער דניעסטר. אין מזרח פון בריטשאַן זענען געווען: סעקוריאַן, יעדינעץ, רישקאַן, אין מערב — ליפּקאַן, נאַוואסעליץ, כאטין. בריטשאַן — אין צענטער. אָט די אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן ניט געפירט קיין פּנקסים, און מען ווייסט עד היום נישט ווען ס'האָבן אהינצו איינגעוואנדערט די יידן וואָס זענען געווען איינגעזעסן און רעלאטיוו עקאָנאָמיש בעסער איינגעאָרדנט ווי די יידן אין פּאדאליע, וואָלין, ליטע און פּוילן.

בעסעראביע איז אמאָל געווען א טייל פון דער מאלדאווישער מלוכה; זי



ברוך הויכמאַן (ארגענטינא)

איז א סך יאָרן געווען אונטער דער טערקישער הערשאפט, און פאר מיינע צייטן — א רוסישע גובערניע. די כסדרדיקע מלחמות האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין סימנים פון יידישן לעבן אויף קיין שום געביט.

אין פארגלייך מיט די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך איז בריטשאַן געווען א פּראָגרעסיווע, קולטורעלע שטאָט. ס'איז געווען א היפּשע צאָל שטודירנדיקע יונגע לייט, וואָס האָבן אָנגעהויבן א וועלטלעכע טעטיקייט און געשטרעבט צו אָרגאניזירן א סיסטעמאטיש-דערציערישע נאציאָנאלע געזעלשאפטלעכקייט, אמת ניט אין קיין

גרויסן מאסשטאב — ס׳האָבן דערצו אויסגעפעלט די נויטיקע אינסטיטוציעס און מיטלען. ס׳איז שוין אָבער געווען א רייפער עלעמענט אויף אריינצוברענגען אין אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג די שפּראַצונגען פון יידישן רענעסאַנס. די השכלה באוועגונג פאַר אלוועלטלעכער אויסבילדונג פון די יידישע מאסן, דער ציוניזם, דער טעריטאָריאליזם און דער סאָציאליזם זענען גאנץ היימיש דעבאטירט געוואָרן און געשלאָגן טיפע וואָרצלען. כאָטש איך האָב פון דעם בלויז א בלאסן אָפּשיין, ווייל פערזענלעך האָב איך זיך אין זיי ניט באטייליקט.

איך בין געבוירן אין בריטשאן, אָבער מיינע עלטערן האָבן כמעט כסדר געוווינט אין א דאָרף, מחמת מיין פאָטער האָט זיך אלע זיינע יאָרן באשעפטיקט מיט אגריקולטור. אויך זיינע עלטערן און די גאנצע משפחה זענען געווען דאָרפס-יידן און געצויגן זייער פרנסה פון פעלדארבעט, גערטנער און גרינוואַרג, פּרוכטן, סעדער, פלאנטאציעס פון טאבאק און צוקער--בורעקעס. מערסטנס האָבן מיר געוווינט אין קאטיוזשאן, ניט ווייט פון סאנקאאוץ, וואָס איז געווען די גרעסטע פאסעסיע פון דעם יידישן גוט-באזיצער משה בערשטיין — אריבער צוויי טויזנט דעסיאטין לאנד מיט א גוט אינסטאלירטער עלעקטרישער מיל. דאָרט האָט געוווינט און פערזענלעך אדמיניסטרירט דעם מאיאנטעק זיין יונגסטער זון באָריס (ברוך) בערשטיין. ביי אים פלעגט מיין פאָטער אָפּדינגען צוואנציק דעשאטין לענג-אויס דעם טייך און זיי באארבעטן. די צארישע רעגירונג פלעגט אלע מאָל גוזר זיין און שטרענג אויסגעפירט צו פארטרייבן די יידן פון די דערפער, וואָס שטייען נאָענט ביי דער גרענעץ. קאטיוזשאן איז געשטאנען ניט ווייט פון דער עסטרייכי-שער און רומענישער גרענעץ, און מיינע עלטערן האָבן געמוזט ליקווידירן די ווירטשאפט און זיך באזעצן אין בריטשאן.

ווען מיר האָבן געוווינט אין דאָרף איז אונדזער שטוב געווען גוט איינגע-פונדעוועט און איינגעאָרדנט מיט אלדעס גוטס. די שטוב איז געווען א גרויסע, א באקוועמע מיט עטלעכע צימערן, א רחבות׳דיק הויף, א פּרוכטן-סאד, א גוטער שייער, א קעלער און פארשידענע איינריכטונגען פאר עופות און בהמות. עס זענען געווען וואָגנס צום פירן די פּרוכטן אין שטאָט אריין און פאר אייגענעם געברויך, עטליכע גוטע פערד, א פּאָר קי, ציגן, שאָף, הינער, גענדז, קאטשקעס, הינדיקעס און טויבן. אין גרויסן שייער האָבן זיך תמיד געפונען פארשידענע פּראָוויאנטן: ווייצנמעל, קאָרנמעל, קוקורוזמעל און פארשידענע גרויפּן. אין קעלער זענען געשטאנען גרויסע פעסער מיט איינגעזייערט קרויט, זויערע אוגערקעס, ארבוזעס, פעפערלעך און פאטלאזשאנעס; פעסער מיט געזיייערטע עפל, סלויעס מיט פארשי-דענע איינגעמאכצן פון ווייַנשל, קארשן, אגרעסן, מאלינעס און אנדערע פּרוכטן; געפּרעגעלטע פאווידלע און עפל, פון פלוימען, פון בארן א.א. חוץ דעם זענען געשטאנען קריגלען מיט מילעך, מיט סמעטענע, פּוטער, פארשידענע געפּרעסטע קעזן פון קי און פון שאָף: ברינדזע, קאשקעוואל און הורדע; א פעסעלע הערינג און געטרוקנטע פיש. ווינטער-צייט איז דער קעלער געווען פול מיט קאטראָפּל,

ציבעלעס, קנאָבל, בורעקעס און אנדערע פּראָדוקטן און עטליכע בוטילעס מיט ווינשניאק. אויפן בוידעם איז געשטאנען געפּרעגלט שמאלץ פון הינער און געגדז, און עס זענען געווען אויסגעהאָנגען געראויכערט פלייש, פאסטראמען, דארע געפילטע קישקעס.

אין קאטיוזשאַן האָבן געוווינט נאָך יידישע פאמיליעס. אייניקע האָבן געהאט פּרנסה פון קלייטלעך; אנדערע האָבן געדונגען וועלדער צום האקן און דאָס האָלץ פארקויפט אין שטאָט און אין די ארומיקע דערפער. איין ייד האָט אפילו געהאלטן א כשרע יאטקע. א שוחט איז אויך געווען אין דאָרף (אויך פאר די ארומיקע דערפער). שבת און יום-טוב איז געווען א מנין, און אלע יידן פלעגן גיין דאווענען פון איין עק דאָרף ביזן צווייטן. זומער אין די גרעסטע היצן און ווינטער אין די גרעסטע זאווערוכעס — קיינער האָט ניט געפעלט. פארן דאווענען און נאָכן דאווע-נען האט מען געמיטלעך געשמועסט וועגן פארשידענע היימישע און וועלטלעכע ענינים. גערעדט האט מען רואיק, שטיל, ערנסט און מיט גרויס דרך-ארץ.

מ׳האָט אין דאָרף געבראכט בשותפות א מלמד; כמעט שטענדיק אן עלטערן יידן, וואָס האָט געלערנט מיט די געציילטע קינדער. יעדער פאָטער פון קינדער האָט, חוצן שכר-לימוד, אויך אויסגעהאלטן דעם מלמד ביי זיך אין שטוב עטליכע וואָכן מיט פולע קעסט און וועש (די קינדער האָבן זיך דערפון ניט געפילט אזוי גליקלעך...). דאָס „חדר״ איז געשטאנען אין צענטער פון דאָרף, כדי עס זאָל זיין באקוועם פאר אלע קינדער צו קומען לערנען. די לימודים זענען ניט געווען קיין גאנץ הויכע און זענען באשטאנען פון חומש מיט רש״י, שרייבן יידיש און א ביסל חשבון. די קינדער האָבן, ווי געוויינלעך, ניט ארויסגעוויזן קיין איבעריק גרויסע ליבשאפט צום לערנען. זיי האָט עס גיכער געצויגן אינדרויסן צו דער זון, צו די ביימער, צום טייכל און צו בערג, וואָס רינגלען ארום דאָס דאָרף, און באזונדערס צו די ווינט-מילן, וואָס זענען געשטאנען אויפן בארג ביים ליפּקאנער וועג. אָט די ווינט-מילן מיט זייערע גרויסע ריזיקע פליגלען, וואָס האָבן זיך אזוי שיין געדרייט, האָבן קיינמאָל ניט אָנגעוווירן זייער צויבער אין אונדזער קינדערישער פאנטאזיע.

ברוך הויכמן

ארגענטינא

זכרונות פון בריטשאן

די שול

לויט מיין זיידע האָט מיר דערציילט, איז די בריטשאנער גרויסע שול געשטאנען שוין אין זיינע יאָרן אן ערך 150 יאָר (לויט אנדערע, מער-וויניקער זיכערע ידיעות, איז די שול אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר תקפ״ו — 1826 י.ע.). און דאָס איז א שול, פלעג ער צוגעבן, וואָס מעג שטיין אין אָדעס. זי איז געבויט פון שטיין גרויס און הויך. פאר דער שול, ביים ארייגאנג איז דאָ א גאנעק; דערנאָך קומט מען אריין אין פלוש, וואָס פון זיינע ביידע זייטן זענען דאָ צוויי שילעכלעך. מען גייט אראָפּ פינעף טרעפּ און מען קומט אריין אין גרויסן היכל. עס באַפאלט א באזונדערער יראת-הכבוד — די הויך, די גרויס, דער פארנעם!

דער קופאל איז געווען געמאָלט ווי דער הימל און ס׳זענען געווען איינגע-פאסט די לויכטנדיקע לבנה מיט פינקלנדיקע שטערן. ארום די ווענט — די מזלות. אויף דער לינקער וואנט ביים ארייגאנג האָט געהאנגען פאר אן ערוב א רונדע גרויסע מצה.

קינדער פלעגן זאָגן אז די ערשטע נאכט פסח קומען אהער די מתים און פּראווען דאָ דעם סדר. בכלל פלעגן קינדער אויסמיידן צו גיין ביינאכט נאָענט צו דער שול... ביי דער מערב-וואנט איז געווען א גאלעריע, צו וועלכער ס׳האָבן ארויסגעקוקט די פענצטער פון עזרת-נשים, און אין סאמע מיט פון שול איז גע-שטאנען דער גרויסער באלעמער.

דער זיידע מיינער פלעג אָבער אָפּט א קרעכץ טון: „דער ארון-קודש! אזא גרויסע שול דארף האָבן א שענערן און א גרעסערן ארון-קודש״. די צוויי פלעצער פון ביידע זייטן ארון-קודש זענען געווען רעזערווירט, איין זייט פארן רב ר׳ יודעלע ראבינאָוויטש, א ייד א זקן, א פאנאטיש-פרומער, א לערנער און א מתמיד. חוץ וואָס ס׳קער זיך אָן מיט גאָט איז אים גאָרניט אָנגעגאנגען, ניט די קהילה, ניט די אייגענע שטוב — ער האָט גלאט קיינעם ניט געזען... פון דער צווייטער זייט — פארן רב מטעם (קאזיאָנע ראבינער) ה׳ יודל באָרשטשעווסקי, וואָס איז געווען דער היפך פון ר׳ יודעלען. א קלוגער ייד אין הוויות-העולם מיט א ווארעם הארץ, מיט היפּשער יידישער און אלגעמיינער בילדונג. א באגאבטער רעדנער — האָט ער זייער פיל געזאָרגט און געטאָן פאר דער קהילה, געפרייט זיך מיט איר פרייד און געוויי-טיקט איר ווייטיק.

די מתפללים פון שול זענען מייסטנס באשטאנען פון בעלי-מלאכות. קיין רייכערע האָבן דאָרט כמעט ניט געדאוונט. דאָך האָט מען לאנגע יאָרן דאָרט אויסגעהאלטן א חזן ר׳ משה (קיעווסקי?) „אָכלער״ מיט א כאָר. דער חזן איז געווען א גרויסער מנגן, א תלמיד פון בארימטן חזן ניסי בעלזער. חוץ דעם פלעגן דאָרט דאווענען אָפּט דורכרייזנדיקע חזנים, אייניקע אפילו בארימטע.

כ׳געדענק ווען דער בארימטער חזן ר׳ ניסי בעלזער האָט מיט זיין כאָר פון עטליכע און דרייסיק משוררים געדאווגט ביי אונדז א שבת. ר׳ ניסי איז פארבעטן געוואָרן צום סאדיגורער רבין צו דאווענען דאָרט א שבת. דערוווסט זיך דערפון, האָט די בריטשאנער שול געזאָרגט דערפאר, אז ער זאָל אויפן וועג זיך פארהאלטן ביי אונדז אויף א שבת. געווען איז ר׳ ניסי א קליינטשקער, מיט א קליין ציגן-בערדל, אָנגעטון א שווארצע קאפאָטע, לאנג ביז צו דער ערד, און דערצו איז ער געווען א כבד-פה. די שול איז געווען געפאקט אויף סכנות נפשות. די היץ איז געווען גרויס, און יעדער איז געווען באדעקט מיט שווייס, אָבער קיינער האָט ניט פארלאָזט ביז צום ענדיקן דאָס דאווענען. א קלייניקייט ? — ניסי בעלזער דאווגט ! ס׳איז געווען ר׳ ניסיס לעצטער וועג. נאָך א פאָר שבתים דאווענען אין סאדיגורע, איז ער דאָרט נפטר געוואָרן.

די צייט פאר אן ארון-קודש איז אויך געקומען. אין איינעם א שמחת-תורה ביינאכט, בשעת די הקפות, ווען עולם איז געווען בגילופין און געטאנצט נאָך יעדער הקפה, האָט הרב באָרשטשעווסקי אויסגענוצט די געהויבענע שטימונג, איז ארויף אויפן באלעמער, האָט מיט פשוטע אָבער ווארעמע רייד גערופן די מתפללים אז אויף מאָרגן, ווען יעדער ייד פון קליין ביז גרויס איז עולה לתורה, זאָלן די נדרים גיין אויף אן ארון-קודש. עולם האָט עס ווארעם אונטערגעכאפט מיט פולער הסכמה. און ווירקלעך : מאָרגן ביים לייענען זענען אויפן באלעמער געזעסן הרב בארשט-שעווסקי און דער שטענדיקער גבאי פון דער שול חיים צימערמאן און יידן האָבן מנדר געווען מיט דער ברייטער האנט. ס׳האָט ניט לאנג געדויערט און די שול איז באצירט געוואָרן מיט א פרעכטיקן ארון-קודש אויף דער גאנצער הויך פון דער שול, באדעקט מיט בלויען עמאיל און מיט גאָלד באגילדעט. די שול בעלי-בתים — און ניט נאָר זיי — האָבן זער שטאָלצירט מיט זייער ארון-קודש : „אזוינס איז אפילו אין אָדעס נישטאָ !״...

דער רבי ר׳ זלמן ז״ל

אין איינעם פון די שילעכלעך, וואָס ביי די זייטן שול האָט געלערנט יעדן שבת פארן עולם דער רבי ר׳ זלמן רפאלוביץ ז״ל. גערופן האָט מען אים סתם דער רבי. געשטאמט האָט ער פון זער א יחוסדיקער פאמיליע און איז געווען א גרויסער למדן. ער האָט זיך אויסגעקליבן זיין פלאץ ניט דאָס בית-המדרש, ניט איינער פון די אנדערע קליינע קלויזן מיט די אזויגערופענע שיינע בעלי-בתים, נאָר דוקא דאָס קליינע שולעכל, ווו ס׳האָט געדאווגט דער פשוטער האָרעפאשנער עולם. פאר זיי פלעג ער לערנען יעדן שבת פאר מנחה. און די צאָל צוהערער איז געוואקסן. געווען איז ער א ליכטיקער פאָלקס-מענטש, א מורה-דרך, וואס האט זיך באצויגן צו יעדן מענטשן מיט גרויס ליבשאפט און פאר יעדן פארביטערטן שטענדיק געפונען א טרייסט-וואָרט.

זשידעס שלאגן

דעם לעצטן טאָג פּסח תרס״ג האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער פּאָגראָם אין קעשענעוו, וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט. ביי אונדז אין שטאָט, פּונקט ווי אין אנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך, איז דער טיפער שמערץ פון פּאָגראָם געווען באגלייט מיט פּחד, אז ביי אונדז זאָל, חלילה, אויך אזוינס נישט פּאסירן, און גאָר אינגיכן איז טאקע פאָרגעקומען א פאל, וואָס האָט געקענט ברענגען צו א גרויסן בלוט-באָד.

אין דער רימקאוויצער גאס איז געווען א בחור, יאָסעלע, וואָס האָט זיך געשמד׳ט. אין איינעם א יריד-טאָג, וואָס איז גראד אויסגעפאלן אין א קריסטלעכן חגא, איז דער משומד געקומען צוזאמען מיט זיין פּויערישער כלה און עטליכע מחותנים פון דאָרף, ארויסגעוואָרפן די מוטער פון שטיבל און זיך אליין באזעצט, מיט דער טענה, אז דאָס איז זיין ירושה פונעם פארשטאָרבענעם פאָטער.

שכנים האָבן עס ניט געקענט דערליידן און האָבן זיך אריינגעמישט. האָט אויסגעבראָכן א געשלעג, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געריסן כמעט אלע גויים, וואָס זענען געווען אויפן יריד, פון איין זייט, און כמעט אלע יידן, פון דער צווייטער זייט. די פּאָליציי איז געווען מאכטלאָז צו שטילן דאָס געשלעג. די גאנצע מענגע גויים און יידן האָט זיך גערוקט צום וואלאסט.


איינער א קאוואל-געזעל האָט ווי ס׳ניט פארשטעלט דעם וועג ביים דענקמאָל, און די מאסע האָט דעריבער אריינגעדרונגען אין דער קאוואלישער גאס. דאָ האָבן די גויים באקומען פון די קאוואליעס זער א „ווארעמען״ קבלת-פּנים. מיט אָנגעגליטע אייזנס האָבן די קאוואליעס זיך א וואָרף געטון אין געשלעג און באלד זענען פארוואונדעט געוואָרן א פּאָר גויים. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן מיט געשרייען: „די זשידעס שלאָגן!״ ס׳האָט קיין סך נישט געדויערט און אי שטאָט איז קיין איינער פון זיי ניט געבליבן.

מיט דער פּאָליציי, סיי פונעם קרייז, סיי די אָרטיקע, האָט מען זיך דערנאָך אן עצה געגעבן: מ׳איז אָפּגעקומען מיט געלט...

דער באזוך פון ד״ר הירשבערג

אין שטעטל רעש׳ט זיך: ד״ר הירשבערג איז געקומען פון אמעריקע, זיך זען מיט זיין אלטער מוטער, מיט זיין ברודער און זיינע אמאָליקע יוגנט-חברים.

ד״ר הירשבערג?! — ווער איז עס? ווייזט זיך ארויס אז דאָס איז שמואל ברינדזארס א ברודער. א סך געדענקען אים נאָך — ער איז אוועקגעפאָרן נאָך א קליין יינגל, און איצט — זע נאָר זע — א דאָקטער!.. א הויכער, א שענער, מיט גרויסע ברילן, און שבת גייט ער אין שול מיט א הויכן צילינדער — מאכט עס א רושם אויף די שטעטלישע, און ס׳איז דאָס פון וואָס צו רעדן. ער באווייזט א מעדיציניש בוך וואָס ר׳האָט פארפאסט און זיין בילד איז אָפּגעדרוקט נאָכן שער-בלעטל. און יידן, באזונדערס זיינע אמאָליקע חברים, שטאָלצירן ניט ווייניק.



ד"ר הירשבערג ז"ל

זיין ברודער שמואלברינדזאר האָט אים אין אָנהויב אויך פריינטלעך אויפ-
גענומען, כאָטש ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, וואָס הייסט: מען ברענגט
אויס אזויפיל געלט גלאַט אויף צו זען זיך ?!... אָבער שפּעטער מיט עטליכע טעג
האָבן זיך אָנגעהויבן רייסערייען צווישן די ברידער צוליב דער מוטער. דער
דאָקטאָר האָט געפאָדערט פון זיין ברודער ער זאָל זיך בעסער באַנעמען מיט איר
און זאָל זי ברייטער אויסהאלטן. האָט שמואל ברינדזאר מורא באקומען אז דער
ברודער מיינט צו באקומען זיין טייל ירושה — האָט ער אָנגעהויבן פארשפרייטן
קלאנגען, אז דער דאָקטאָר איז א משוגענער: ער האָט אליין געזען, ווי ער וואשט
יעדן אינדערפרי זיין קערפּער מיט קאלט וואסער, ער פּוצט זיך די ציין מיט עפּעס
א מין קאלעך, און בכלל זענען זיינע תנועות גאָרנישט פון קיין נאָרמאלן מענטשן...
ער האָט אים געקרוינט מיט א נאָמען „קאהוט" און אָנגעשטעלט קינדער זיי זאָלן
אים נאָכלויפן אין די גאסן און נאָכשרייען: „משוגענער דאָקטער!" „קאהוט!"
קינדער האָבן עס גערן געטון, און ווו נאָר דער דאָקטער האָט זיך באוויזן, האָט מען
אים באגלייט מיט געשרייען, מיט געלעכטערן און אים אפילו מיט שטיינער
באוואָרפן. פריריקע פריינד און חברים האָבן זיך פון אים דערווייטערט און באמיט

זיך — צו זייער שאנדע — אים אויסצומיידן, און ד״ר הירשבערג האָט געמוזט אינגיכן אנטלויפן פון בריטשאַן.

זאָל דערביי פארצייכנט ווערן אז ניט געקוקט דערויף, האָט דער נאָבעלער ד״ר הירשבערג אין זיין צוואה אָפגעזאָגט פינף טויזנט דאָלאר, א גמילות-חסדים-קאסע, פאר די בריטשאנער וואָס זענען דאָ אין ישראל.

פראפעסיאנעלער גוראנגעל

די רעוואָלוציאָנער באוועגונג אין רוסלאנד אין יאָר 1905 האָט איר אָפקלאנג געפונען אויך ביי אונדז. די יוגנט האָט אראָפגעוואָרפן די פאפירענע קראגנס און מאנישקעס מיט די קראוואטן און אָנגעטאָן שווארצע סאטין-העמדלעך (רובאשקעס) מיט רויטע שנורן. מיידלעך האָבן אָפגעשוירן די צעפּ און אָנגעהויבן טראָגן בלוזעס מיט שטיקלעך דעקאָלטע. די שטודירנדיקע יוגנט האָט זיך אריינגעוואָרפן מיט גרויס ברען אויפצוקלערן די ארבעט-מאסן וואָס באטייט סאָציאליזם און וואָס איז אזוינס מאר׳קסיזם ; געגרינדעט קרייזלעך און שטודירט מיט די שניידער-מיידלעך און שניידער-געזעלן בראָשורן פון פלעכאנאָוו, קאוטסקי, לאסאל און אנדערע.

ס׳האָבן אָפט באזוכט פרעמדע לעקטאָרס („אראטאָרס״), וואָס האָבן געליינט לעקציעס אויף פארשידענע טעמעס. פארטייען זענען פלוצלינג אויסגעוואקסן ווי שוואָמען נאָך א רעגן: ס.ד. (סאָציאל-דעמאָקראטן), ס.ר. (סאָציאל-רעוואָלוציאָנערן), בונד, ס.ס. (סאָציאליסטן-ציוניסטן), י.ס. (יידישע סאָציאליסטן), פּ.צ. פועלי-ציון). און יעדע פארטיי האָט געשיקט אירע אָראטאָרס. זיי זענען אמערסטן אויפגענומען געוואָרן פון דער זעלבער אודיטאָריע מיטן זעלבן ענטוזיאזם און געפּאטשט בראוואָ אין דער שטיל, כדי דער אוריאדניק זאָל ניט דערהערן. גאָר ווייניקע זענען מסוגל געווען צו באנעמען די טונטערשידן צווישן די פארטייען.

ס׳איז געגרינדעט געוואָרן א ליין-זאל, וווּ מ׳האָט געקענט לייענען פארשידענע סאָציאליסטישע אויסגאבעס, צייטונגען און זשורנאלן אין רוסיש און אין יידיש, לעגאלע און אומלעגאלע. א סך האָט דערצו מיטגעווירקט א סטודענט, אלעקסאנדער, וואָס איז פון ערגעץ ווו אראָפּגעקומען און זיך באשעפטיקט מיט פּריוואטלעקציעס. ער איז געווען א ס.ד. און בייגעהאָלפן אויסבילדן די שטארקע „איסקרא״ גרופּע, וואָס האָט אנטוויקלט א גאנץ היפּשע טעטיקייט. מ׳האָט אפילו א שאפירא-גראף פארשאפן און ארויסגעלאָזט אייגענע פּראָקלאמאציעס.

דער אוריאדניק האָט אָנגעהויבן נאָכשמעקן און מ׳האָט געמוזט צושליסן דעם ליין-זאל. דעם שאפּיראגראף האָט מען מיר איבערגעגעבן און איך האָב אים באהאלטן אויפן בוידעם פון אונדזער שטוב. מ׳האָט געמוזט שטרענגער היטן קאָנספּיראציע. אז ס׳איז געקומען א לעקטאָר, האָט מען געמאכט א פארזאמלונג (א „מאסאווקע״ — האָט מען דאָס גערופן) ערגעץ ווייט אין וואלד, אָדער אין פעלד צווישן די קוקורוזעס, און ווינטער — אין פארוואָרפענע שטיבער אין אן אונטערגאס. די לער-קרייזלעך האָט מען באגרענעצט אין צאָל צוהערער.

דער קאַפּ פון דער באוועגונג איז געווען די אקושערן קאטיע גינצבורג. ארום איר האָט זיך קאָנצענטרירט די מער באוווסטזיניקע און די סאמע טעטיקסטע יוגנט, סיי פון די שילער, סיי פון די ארבעטער. די ארבעט האָט זיך פארצווייגט און מ׳איז צוגעטרעטן צו אָרגאניזירן די ארבעטער אויף פּראָפעסיאָנעלע יסודות. בריטשאַן איז אפשר געווען דאָס איינציקע שטעטל אין דער גאנצער געגנט וואָס האָט פארמאָגט א גוט אָרגאניזירטע פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג און אפילו אן ארבעטער-ראט לויטן מוסטער פון פעטערבורג.

באזונדערס שטארק איז געווען דער פּראָפעסיאָנעלער פאריין פון די פריקאשטשעקעס. מיט דער באשטעטיקונג פון ארבעטער-ראט האָט דער פאריין געוואגט און געשטעלט א פאָדערונג פון א צוועלף-שעה׳דיקן ארבעטס-טאָג, פון אכט אין דער פרי ביז אכט אויף דער נאכט. די פאָדערונג האָט אויסגעזען גאנץ לעכערלעך אין די אויגן פון אלע איינוווינער און פון די קרעמערס בפרט. אזוינס איז דאָך נאָך ניט געהערט געוואָרן, און ס׳לעגט זיך גלאט ניט אויפן שכל, אז מ׳זאָל די קראָמען עפענען ערשט אכט א זייגער און פארמאכן זיי שוין אכט א זייגער.. אָבער דער פאריין האָט עס אָנגענומען גאנץ ערנסט און האָט געצווינגען די קרעמערס צו שליסן די געשעפטן צו דער צייט.

דאָס האָט ארויסגערופן שארפע קריגערייען און געבראכט אפילו צו געשלעגן. די בעלי בתים האָבן דאָס ניט געקענט פארליידן און האָבן דערקלערט א „לאָקאאוט״; דאָס הייסט, זיי האָבן פשוט אָנגעטריבן זייערע אָנגעשטעלטע. דערויף האָט דער סאָוויעט דערקלערט, צוליב סאָלידאריטעט, א איין-טאָגיקן אלגעמיינעם שטרייק, וואָס איז שטרענג און פּינקטלעך אויסגעפירט געוואָרן. צו קיין פראקטישע און פאר די ארבעטער גינסטיקע רעזולטאטן איז עס אָבער ניט געקומען.

די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פון יאָר 1905 איז, ווי באוווסט, דורכגעפאלן. זי האָט אָבער געלאָזט אירע שפורן אויף א גאנץ לאנגער צייט. זי האָט פיל מיט-געווירקט צו פארשטארקן און פארטיפן דעם באוווסטזיין פון גרעסערע יוגנטלעכע שיכטן און צווישן א היפשער טייל פון די ארבעטער.

אגודת דוברי עברית

צוויי יידן, דוד-שמואל קאצאפניק׳ס און מאטי קריינדלס, האָבן אראָפּגע-בראכט צוויי איידעמס, דער ערשטער — דוד לערנער, און דער צווייטער — יהושע קהת. א דריטער ייד, יהודה׳ל סטאָליאַר, האָט אראָפּגעבראכט א שנור פון זוואניעץ. די דריי האבן געמאכט א רושם אין שטעטל מיט זייער קענען העברעאיש. דאָס האָט געבראכט דערצו אז ביי יוסף שטיינהויז, הערשל דעם רב״ס זון, איז געבוירן געוואָרן דער געדאנק אויסצונוצן די נייע קרעפטן און גרינדן אן „אגודת דוברי עברית״, און ער האָט עס טאקע באלד געטון.

די ערשטע אסיפה איז פאָרגעקומען ביי מיין פאָטער אין שטוב. ווי געווינ-

לעך, איז צום אלעם ערשטן אויסגעקליבן געוואָרן א ועד. איך האָב גענומען אויף זיך צו מאכן א שטעמפל „אגודת דוברי עברית, בריטשאני״, און אויך זאמלען צייטשריפטן פאר דער אגודה. די ערשטע פּאַר העפטן „השלוח״ האָב איך באקומען פון שליאמע בערישעס (ווײַנשטיין).

דעם קומענדיקן שבת, ביי דער אסיפה, ווען מיר זענען צוגעטרעטן צו פּראַקטישער ארבעט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין די ערשטע שוועריקייטן: ס׳האָבן אונדז געפעלט ווערטער. ווי אזוי, למשל, באגריסט מען זיך? ווי זאָגט מען „גוט-מאָרגן״, „גוט-שבת״? און קיינער פון אונדז האָט ניט געוווּסט... איז געבליבן זיך צו ווענדן צום רב ר׳ הערשעלע ז״ל און אים פרעגן. איך מיט זיין זון יוסף זענען דערצו באפולמעכטיקט געוואָרן. דער רב ר׳ הערשעלע האָט אונדז גאנץ פריינדלעך דערקלערט אז גוט-מאָרגן דארף מען זאָגן צפרא-טבא, גוטן אָוונט — ערבא טבא, גוט-שבת — שבתא טבא, און סתם גאָט-העלף — יומא טבא. היינט זעט עס אויס א ביסל משונה; צו יענער צייט — צוריק מיט קנאפּע זעכציק יאָר — איז עס געווען כמעט אן אנדעקונג פאר אונדז.

די אגודה האָט ניט לאנג אָנגעהאלטן. צוליב פארשידענע טעמים האָט זי שטיל אויסגעהויכט די נשמה.

דוד בעזנאסי

מעות חיטים

אַרום חנוכה האָבן שוין בעלי-בתים אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט מעות חיטים צו יענער צייט פלעג אראָפּקומען קיין בריטשאן דער רבי ר׳ ישראל׳ניו מעזשבישער, אן אוראייניקל פון בעל שם ז״ל. דער מנהג איז געווען אז ער פלעגט בענטשן א גילדן רענדל (15 רובל) און דאָס אוועקשענקן דער קהילה. מען פלעגט עס אויס-שפּילן, און יונגוואַרג האָט שוין געהאט איין ארבעט צו צעטיילן (פארקויפן) די גורל-צעטלען: דער ריוח האָט געדינט אלץ התחלה פאר מעות חיטים. חוץ דעם פלעגן בעלי בתים שאפן א קאָמיסיע צו זאמלען פאר דעם זעלבן צוועק.

עס דערמאָנט זיך אן עפּיזאָד וואָס איז זער כאראקטעריסטיש און עס איז כדאי צו דערציילן.

צווישן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע איז געווען ד״ר פיינבערג. זער א טייערער ייד, כאָטש אביסל אסימילירט. ער האָט פארוואלטעט מיטן יידישן שפּיטאָל. ער איז געווען א גוטער ציוניסט, איז אפילו געווען דעלעגאט אויף דעם צווייטן אָדער דריטן באזעלער קאָנגרעס.

א גוטער מעדיצינער וואָס האָט געשמ׳ט מיט זיין פּראַקטיק, האָט ער דאָך נישט געקענט קריגן קיין שטעלע אין א זעמסקי שפּיטאָל, ווייל ער איז געווען א ייד. א גוטע בריאה בטבע, א גאָלדן הארץ, נאָר א קפּדן. מאכט זיך א מעשה:

ווען ד״ר פיינבערג האָט באדארפט ארויספאָרן אין דער שטאָט זאמלען פאר מעות חיטים האָט אים יוסי פיניעס געליגן דעם שליטן מיטן קוטשער חיים זאוועררוכא, א קליין איינגעדארט יידל, וואָס איז געווען א שמייסער ביי די רייכערע בעלי-עגלות און איז נתעלה געוואָרן צו ווערן א קוטשער ביי יוסי פיניעס.

חיים זאוועררוכע איז געווען א גרויסער אביון און א מטופל מיט א גרויסער פאמיליע, און דערצו א גרויסער כעסן (דערפון זיין צונאָמען זאוועררוכע). אז חיים איז בייז געוואָרן פלעג ער זיך זידלען כאחד הריקים. ארויספאָרענדיק מיט ד״ר פיינבער׳ג אין א קאלטן פראָסטיקן טאָג, האָט זיך דער דאָקטאָר ערגעצווו גראדע פארזאָמט א לענגערע צייט. חיים זיצט אויף דער קעלניע א איבערגעפרוירענער, און עס זידט אין אים די רציחה.

אז ד״ר פיינבערג קומט ארויס, איז אים חיים מכבד מיט א פאָרציע זידלעריי. אויסגעגאָסן זיין גאנץ פינסטער הארץ. ד״ר פיינבערג, וו געזאָגט, אויך א כעסן אָן אויפגערעגטער, מאכט ניט קיין טענות, הייבט אויף די האנט און לאָזט אראָפּ חיים׳ן א הילכיקן פאטש...

חיים, פארשטייט זיך, האָט זיך צעוויינט און געפרעגט: „פאר וואָס שלאָגט איר מיך?״

ד״ר פיינבער׳ג האָט זיך געכאפּט, אז ער האָט אָפּגעטאָן גאָר ניט קיין שיין שטיקל ארבעט, און טאקע באלד געקריגן מיטלייד צום אָרעמען שמייסער.

„חיים, ס׳טוט דיר ווײ, חיים?״ זאָגט דער דאָקטאָר.

חיים קריגט מוט און שיט אויס זיין בינטל צרות:

אז ער איז א גרויסער אביון, האָט א שטוב מיט קליינע קינדער, און אזוי

„האָסט א שטיבל, חיים? פרעגט דער ד״ר פיינבערג.

„ווו האָב איך? קרענק האָב איך... איך וואלגער זיך ביי יענעם אין קאמערינע (אין שכנות) זאָגט חיים און וויינט.

„נו, גוט, חיים, זאָגט ד״ר פיינבערג, נא דיר איין הונדערטער און קויף דיר א שטיבעלע. זיי מיר מוחל, חיים. כ׳בין געווען אויפגערעגט, האָב איך געהויבן א האנט. זיי מיר מוחל, חיים.

און חיים זאוועררוכא האָט זיך געקויפט א קליין שטיבל מיט א שטרויענעם דאך, ניט ווייט פון ריטשקעלע, אונטער דער באָד, אקעגן דעם מצבה-שלעגער.

אָט דאָס זענען געווען אונדזערע יידן!

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש-יאפּאנישע מלחמה, סוף 1903, איז גערופן געוואָרן ד״ר פיינבערג צו מיליטערישער דינסט. זיין גרויס יידיש הארץ, וואָס האָט געעבלוטיקט פאר יעדן יידן בפרט און פאר כל-ישראל בכלל, האָט נישט אויסגעהאלטן, און אין כאטין ביי ד״ר קלאָפּשטאָק אין שטוב האָט ד״ר פיינבערג געטראָגן א הארץ-שלאג און אויפן אָרט געשטאָרבן. אגב, האָב איך זיך געטראָפן דאָ אין בוענאָס-איירעס מיט זיינעם א זון, וואָס איז אנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס.

און ווידער וועגן מעות חיטים. — די שטאָט האָט געוואקסן און מיט איר די קבצנים, און צווישן זיי געוויינטלעך גלאט שנאָרערס.

די זאמלונגען האָבן ניט גענוגט, און ס'איז אויפגעשוווּמען די נייטיקייט צו שאפן א מער זיכערן פאָנד פאר מעות חיטים. מיין פאָטער ע"ה און זיינע פריינט האָבן פארטראכט צו בויען אן אויוון (מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט צו זאָגן פאבריק), אויף צו באקן מאשין מצות.

אין שטאָט האָט מען דערציילט גליקן אז מאשין-מצות זענען אזוינס ווי אזעלכס. זענען בעסער, געשמאקער, היגיענישער און באטעמטער פון די געוויינט-לעכע מצות וואָס ווערן געוואַלגערט און געקנאַטן מיט דער האנט.

אָבער ווי מאכט מען עס ?

קודם כל איז נייטיק קאפיטאל אויף אויפצושטעלן א געביידע, אויסבויען א צוגעפאסטן אויוון, איינשטעלן מאשינען און אנדערע כלים. חוץ דעם דארף מען באטראכטן די ארבעטער-פראגע, וואָס איז זער וויכטיק און קאָמפליצירט.

אין בריטשאַן האָבן פון פאר פּורים אָן ביז סאמע ערב-פסח פונקציאָנירט 20—25 אויוונס, וואָס האָבן זיך ספעציעל אָפּגעגעבן מיט באקן מצות. ניט חלילה קיין בעקערס, בעלי מלאכות פון פאך, נאָר אָרעמע יידן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן א גאַנץ יאָר מיט אלערליי אנדערע פרנסות, האָט זיי אויף צו מאכן פסח ניט געסטאַיעט חוץ דעם דאַרף מען דאָך עפּעס אויך אנטאָן א קינד א פאר שיכעלעך, א מלבוש, איינקויפן א מאָל כלים פאר דער שטוב א.ד.ג.

איז שוין געווען אזוינע הייזער, וואָס האָבן געהאט ספעציעלע אויבנס דער מאן איז געווען א מומחה אין שיבן (איינזעצן און ארויסנעמען די מצות פון אויבן), דאָס ווייב אין קנייטן, די קינדער — ווער א וואַסער-יינגל, ווער א מצה-ריידלער, און מ'האָט געשמאק צוגעארבעט פיר וואָכן צייט. גוט פארשוואַרצט געוואָרן, אבי צורעכטמאכן אביסל די מערכה און פראַוון יום טוב מיט לייטן גלייך.

און ווו זענען ערגעץ די צענדליקער ווייבער, ווייבלעך און מיידלעך וואָס האָבן געוואַלגערט די מצות ? הכלל — א שווערע פּראָבלעם...

ס'האָט זיך געשאפן א קאָמיסיע פון געזעלשאפטלעכע עסקנים, וואָס האָבן גוט באטראכט און דורכשטודירט די אלע פּראָבלעמען, און סוף כל סוף איז פארטיג געוואָרן א פּלאַן.

די קאָמיסיע האָט געלאָזט רופן אלע יידן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט באקן מצות. מ'האָט זיי פאָרגעלייגט אז אלע ספעציאליסטן מיט זייער פּערסאָנאַל גייען אריין אין דער נייער מצה-בעקעריי. די מעלה: אויפן אָרט וואָס יעדער האָט געארבעט 12—14 שעה אין מעת-לעת גאנצע 4 וואָכן צייט, וועט ער נאָר ארבעטן 8 שעה אין טאָג און ס'וועט גאראנטירט די פּריריקע פארדינסטן. אָבער דערמיט איז מען נאָך נישט פארטיק געוואָרן. מ'האָט נאָך באדארפט לייזן די „לעגאַלע" פראגע, דאָס הייסט די פּרומאקעס זאָלן נישט האָבן קיין טענות, אז די מצות זענען נישט כשר חלילה.

מ'האָט באדארפט האָבן די הסכמה פון די רבנים. און דאָ האָבן זיך אוועקגע-שטעלט אונדזערע דריי רבנים, אז זיי קאָנען ניט געבן זייער הסכמה אויף מאשין-

מצות. וואָס איז די מעשה? אונדזערע רבנים האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אָנווערן זייערע פּרנסות פון הכנסות וואָס זיי פּלעגן קריגן פאַר כשרן די אויוונס.

מ׳האָט זיי פאַרזיכערט אַז פאַרקערט: אויפן אָרט פון 20—25 אויוונס וועלן זיי נאָר דאַרפן כשרן און משגיח זיין אויף איינאונאיינציקן אויוון, און וועלן קריגן די זעלביקע הכנסה ווי אַלע יאָרן.

אומזיסט די לאָגיק. זיי געבן ניט נאָך. אין שלחן ערוך זאָגט זיך גאָרנישט וועגן מאַשין-מצות...

הכלל מ׳האָט באַדאַרפט קריגן די הסכמה פון אַ גרויסן רב אַ באַוווּסטן בר סמכא, וואָס אונדזערע רבנים זאָלן מוזן אָנערקענען און אויך מסכים זיין. און ס׳איז אַוועק אַ רבנישע בריוו, רעדאַקטירט פון אבי ז״ל צו ר׳ אַלטער קאָנסטאַנטינער, אַ באַוווּסטע רבנישע פּערזענליכקייט אין הלכה, און עס איז באַלד געקומען אַן ענטפער אַז מאַשין-מצות זענען כשר למהדרין מן המהדרין.

האָבן שוין אונדזערע רבנים געמוזט מסכים זיין. און געלט? ווו נעמט מען קאַפּיטאַל?

אויף דערויף האָט זיך שוין געפונען אַ טייערער ייִד, ברוך מאַטלס. כדאַי זיך אַביסל מער אָפּשטעלן אויף דער פּערזאָן פון דעם ערלעכן איבערגעגעבענעם און טרייען עוסק בצרכי ציבור באמונה, ר׳ ברוך מאַטלס (זיין פאַמיליען-נאָמען געדענקט איך נישט). ער איז געווען אַ ייִד אַ תּלמיד חכם, אַ פיינער לענער, אַ קלוגער מיושבדיקער מענטש און דערצו אַ פּראַקטישער רייכער געשעפטסמאַן. געקליידעט האָט ער זיך דווקא ניט ווי אַ וועלטלעכער מאָדערנער ייִד, ווי ער איז בפירוש געווען.

ער שטייט מיר פאַר די אויגן מיט זיין ריסיאַווע בערדל, חלילה ניט אונטער-געשוירן, מיט אַ גרויסן טלית קטן, די ציציות אַרויסגעשטעקט פון אונטערן וואַרעמען קאַמזויל, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און לאַנגע געקרייזלטע פּאות. ניט געקוקט אויף דער הלבשה איז ער געווען דאָך אַ פיינער משכיל.

זיין גרויסע דירה איז געשטאַנען צווישן בערל ברוידעס און שלמה׳לי אַקסעלראַד׳ס דירות. אין דער יוגנט איז ער געווען אַ מלמד, האָט זיך דערנאָך גענומען צו מסחר, און דווקא נישט קיין געווענטלעכער אין אונדזערע קאַנטן.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַסטראַכאַן אויפן קאַספּישן ים, און פון דאָרט באַזאָרגט די גאַנצע געגנט מיט געזאַלצענע געטרוקנטע פיש, טראַן און אַנדערע פּראָדוקטן. זיין פּאַרוואַלטער איז געווען שמואל מינצע-לאַה׳ס, אַ טייערער ייִד, מיין פאָטערס אַ ידיד.

ברוך מאַטלס פלעג אַוועקפאָרן פון בריטשאַן באַלד נאָך פּסח און צוריקקומען ערשט אויף חנוכה.

ווי געזאָגט, איז ברוך מאַטלס געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער אין דער קאָמיסיע פון אויפשטעלן אַ נייעם אויוון צו באַקן די מאַשין-מצות.

דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען איינצוקויפן 600 זעקלעך מעל ביי באָריס בערנשטיין, גלויבנדיק אז פאר פסח וועט מעל שטייגן.

און ווירקלעך, יענץ יאָר איז ארויף מעל מיט א רובל אויף יעדעס זעקל.

קיין פאסענדע געביידע פאר דער געפּלאנטער פאבריק איז אין שטאָט ניט געווען, האָט מען באשלאָסן אויפצושטעלן א ספּעציעלע הילצערנע געביידע.

יוסי פיניעס האָט מנדב געווען דאָס גאנצע געהילץ פאר דער געביידע.

שלמה יאירס, אן ענערגישער תבואה-סוחר, האָט אויף זיך גענומען די אדמיניסטראַ-טיבע טייל פון גרויסן ווערק. א גאנצע פלעיאדע פון יינגערע און מיטליעריקע טרייע עסקנים, האָבן זיך ארייַנגעוואָרפן אין דער ארבעט. פארשייט זיך, שלא על מנת לקבל פרס.

פון דעמאָלט אָן האָט בריטשאַן געגאָסן פון מאשין-מצות אויף פסח. אָרעמעלייט זענען פארזאָרגט געוואָרן, ניט נאָר מיט מצות נאָר אויך מיט ארבע כוסות, אייער, שמאלץ, א.ד.ג.

די פאבריק האָט געגעבן אויף אלעמען.

שלמה לערנער

ארגענטינא

באמערקונג:

שרייבנדיק „אונדזערע רבנים האָבן פּשוט מורא געהאט אז זיי וועלן אָנווערן זייערע הכנסות", מאכט שלמה לערנער א גרויסן פעלער. מעגלעך אז די דעמלטיקע משכילים האָבן טאקע אזוי געמיינט, און אפשר האָבן זיי גלאט אזוי געזאָגט, כדי צו באקעמפן די רבנ'ים.

ווען איך בין אונטערגעוואקסן האָב איך געליינט די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ וואָס מיין פאָטער, ר' הערשעלי ז"ל, האָט געפירט מיט מערערע גרויסע רבנים אין רוסלאנד וועגן פיל ענינים, און צווישן אנדערע אויך וועגן מאשין-מצות, און דאָס בילד זעט אויס גאָר אנדערש.

אין בריטשאַן זענען דאַן געווען דריי רבנים: ר' יודעלע (ראבינאָוויטש), ר' דניאל (פינקעלזאָן) און מיין פאָטער ר' הערשעלע ז"ל. אין דער פראגע האָבן זיך די מיינונגען צווישן די דריי געטיילט, מיין פאָטער האָט נוטה געווען מתּיר צו זיין מאשין-מצות. ר' דניאל האָט געצווייפלט, און ר' יודעלע, וואָס איז בכלל געווען א מחמיר, האָט ממש מרעיש-עולמות געווען און בשום אופן ניט דערלאָזט מתיר צו זיין. על-כן האָט מען געמוזט זיך ווענדן צו גרויסע רבנ'ים (ניט נאָר צו ר' אלטער קאנסטאנטינער), כדי צו באקומען זייער הסכמה. ווער אָבער ס'האָט געקענט ר' יודעלען ווייסט ווי ווייט ער איז געווען פון עולם הגשמיות (מ'האָט געזאָגט אויף אים אז ער האָט קיין צורת מטבע ניט געקענט). און ווי גרויס איז די עוולה אים צוצושרייבן מחשבות וועגן הכנסות...

יעקב עמיצור

ז.

מעשים שהיו

נשף שהושבת

הימים הם ימי מלחמת העולם הראשונה, ימי קדרות מעיקה ודכאון מחפיר. הז'נדארמריה משתוללת: מחפשת, בולשת ומעלילה. כי מגבוה הרי יצאה העלילה הנמבזה, כי כל יהודי ברוסיה הוא בחזקת מרגל ועוסק בגילוי סודות המדינה לאויב. ואין יום שהז'אנדארמים לא יבקשו להם תואנות להתגולל על מישהו מתושבי העיר ולטפול עליו האשמות למיניהן. לילה אחד נתפסו עשרים ראשי-משפחה בערך, כבני ערובה והוגלו מהמקום.

על כך נוספה גם צרת המשתמטים מהצבא („ארנבות"), שלשם חיפוש אחריהם הגיעה לעיירה פלוגת ז'אנדארמים מיוחדת (על שם לבושם כונו בפי כל בשם „פעלצלעך". זו החלה מייד בפעולתה כדי לגלות את המשתמטים. כצעד ראשון הוכרז על עוצר-בית בשעות הערב והלילה, ואוי לו לאיש שהעז ויצא באותן השעות לפני פתח ביתו.

אך בני הנעורים לא נטו לקבל עליהם את הדין. בדרכים מדרכים שונות היו מערימים על הז'אנדרמריה ומפירים את תקנות העוצר. הם היו מוצאים להם שבילים נסתרים, עוברים בסמטאות נידחות ובחצרות אפלות, מטפסים על הקירות, מקפצים על הגדרות ו... נפגשים חבורות-חבורות ומבלים זמנם בנעימים. והמשתמטים — צמאי תנועה, כמהים למגע עם אנשים — אף הם הרהיבו עוז, ובחשכת הלילה היו יוצאים „לשאוף אויר צח ולראות פני אדם חי"...

אותו זמן בא לעירנו בחור צעיר למצוא לו בה מקלט עד יעבור זעם. מי הוא? למה איווה את עירנו למקום מושב לו? — דברים כגון אלה שלהם הם בבחינת סוד ואין נוהגים לשאול עליהם, ואפילו את מקום מגוריו בעיר לא נסינו לגלות. ורק זה נודע לנו מפיו, כי הוא שחקן, חבר לאחת הלהקות היהודיות הנודדות, שבימי המלחמה פסק קיומן לחלוטין מטעמים מובנים. לא עברו ימים מרובים ואותו בחור נקלט בחברתנו וכמעט שהיה לאחד מאתנו. אך נודע לנו כי אמצעיו הכספיים מוגבלים ביותר ושהוא נתון לחרפת רעב, החלטנו לערוך לו נשף קריאה ומשחק. וניגשנו במרץ לבצוע ההחלטה.

נשף-בימים ההם? כלום לא נסתתרה בינתם של היוזמים? וכי יש תקווה כלשהי שהדבר יצליח? חשדנותם של השלטונות כה גדולה, ויחסם לכל דבר יהודי, ובמיוחד למפעל תרבות יהודי, כה חמור, עד שאין להעלות על הדעת כי מישהו יטול על עצמו לטפל בקבלת רשיון לנשף יהודי פומבי. אך אפילו יימצא

האיש שיעז לבוא בדברים עם השלטונות בעניין זה, וייתכן שבעזרת „מתנת-יד" יעלה בידו לשדל את מי שצריך, והרשיון המבוקש יינתן — הרי יהיה בתנאי שהנשף ייערך ברוסית. ובשום פנים לא ביידיש, שכן חל עליה איסור חמור בכל רחבי רוסיה. ונוסף לזה הבחור דנן אינו „כשר" בתכלית ועליו להיזהר מ„עין רעה"... כל זה לא נעלם מעינינו; ידענו גם ידענו מה קשיים צפויים לנו וכמה מכשולים ותקלות נכונו לנו, אבל לא נרתענו.

החלטנו, אפוא, שהנשף לא יהיה פומבי. יגענו ומצאנו בית פרטי, ב״ת אחד החברים, משה קליבנר, שהוריו ניאותו — על אף הסיכון — להעמידו לרשותנו לעריכת הנשף. כרטיסים נמכרו, כמובן, מיד ליד ומתוך זהירות רבה וסודיות גמורה — והצלחת הנשף היתה כמונחת בכיסנו.

לשעה הקבועה התאסף הקהל וכבר עמדנו לפתוח את הנשף, והנה נפתחה הדלת והופיע י. א., יהודי מקורב לרשות ומפורסם כ„אוכל קורצא", ואתו נכנסו שלשה ז׳אנדארמים. הללו שמחו שמחה גלויה על המציאה הכשרה שנפלה לידיהם, מציאה שהיא שתיים: גם אסיפה בלתי חוקית וגם מספר משתמטים לא קטן.

קמה בהלה נוראה. רבים מהנאספים ניסו לברוח — מי דרך הדלת האחורית ומיד דרך החלון, מי שניסה להתחבא באחד החדרים הצדדיים ומי שרצה להתחמק מעיני הז׳נדארמים ופנה דווקא אל הדלת הראשית...

למזלנו היה הז׳אנדרמים וי. א. שתויים במדה גדושה. הצלחנו איך שהוא להפיס דעתם בסכום כסף לא קטן, והעניין טושטש.

והנשף? — הוא נתקיים כעבור שבועיים, לאחר שהרוחות נרגעו.

י. ע.

משפט לינץ׳

סתיו של 1917. ימי הזוהר של המהפכה עברו חלפו. שוב השתרר אי־שקט ברחוב, ובלב קיננה דאגה לעתיד. מצד אחד התקוממו גינראלים צאריים וניסו למגר את המהפיכה, ומצד שני הגבירו הבולשביקים לחצם על הממשלה הזמנית. החיילים שבחזית, עייפי מלחמה ואכולי געגועים לבית ולמשפחה, נלאו לחכות לשלום המקווה, וגדודים רבים נתפוררו מאליהם. חיילים עריקים שוטטו בדרכים ונשקם עמם. רפיון הידיים של השלטונות הורגש בכול, ואלמנטים מפוקפקים שונים הרימו ראש. בכמה ערים שברוסיה נערכו פוגרומים ביהודים. אימת פוגרום היתה מרחפת ותלויה גם על ראש יהודי בריצ׳אני.

בכפר הסמוך לעירנו, טאבאן, גדל בנו המאומץ של הפריץ, בעל האחוזה באקאל. הוא היה מפורסם בסביבתנו בחיי ההוללות שלו, ועוד יותר בשנאתו העזה ליהודים. כשפרצה המהפיכה נעלם הצעיר מן האופק ולא נודעו עקבותיו.

עתה חזר לכפרו בלי כל פחד וניהל בקרב האיכרים וגדודי-הצבא, שחנו בסמוך, הסתה בלתי מרוסנת נגד המהפיכה ונגד היהודים. עזר לו בכך קאסיאן, גנב ושיכור ידוע לשמצה בבריצ׳אני והסביבה. שבועות אחדים פעלו השניים והסיתו באין מפריע, עד אשר הצליחו לארגן מספר ניכר של איכרי הכפר, ועמם נתלוו גם מקצת מהחיילים. ערב אחד נכנסו העירה כדי לערוך פוגרום. מייד נשמעו הקריאות המפורסמות „הכו ביהודים — הצילו את רוסיה!״, יריות, ניפוץ שמשות, שבירת דלתות ושוד חנויות. הנוער היהודי יצא נגד הפורעים, הסובייט הזעיק את החיילים מהסביבה, שהיו נאמנים למהפיכה, והפוגרום דוכא בראשיתו. עוד באותו לילה נערכו חיפושים על ידי הסובייט, ובאקאל נתפס יחד עם שותפו קאסיאן. הם נכלאו באחד מחדרי הסובייט, וכמה בחורים הועמדו לשמור עליהם.

ההתרגשות בעיר היתה גדולה מאד. אנשים לא שכבו לישון, והרחובות המו כל אותו הלילה. למחרת בבוקר נתאסף המון רב של חיילים ותבעו מאת הסובייט כי הפורעים יימסרו לידיהם, והם יעשו בהם שפטים. אנשי הסובייט התנגדו לכך וניסו להשפיע על ההמונים ולהרגיעם, אך ללא הועיל, החיילים המשולהבים הסתערו על אנשי הסובייט, והללו היו נאלצים לסגת ולהימלט דרך הדלת האחורית. אז פרצו החיילים אל בית הסובייט, הוציאו את באקאל הצעיר ואת קאסיאן אל הרחוב, התנפלו עליהם במקלות ובקתות הרובים עד אשר נפלו חללים. רק אז נרגעו החיילים והתחילו מתפזרים.

כאן עלינו להזכיר את קאטיה גינצורג.

זו היתה אחת הדמויות המרכזיות שבעיר. לפי מקצועה היתה מיילדת מוסמכת. את כל זמנה הפנוי הקדישה לפעילות סוציאליסטית ומהפכנית וזכתה להיקרא בפי כל „סבתא של הריבולוציה בבריצ׳אני״. השפעתה על חוגי הנוער הלומד ועל המוני הפועלים היתה עצומה, ודבריה בהלכות הסוציאליזם נתקבלו על הכל ללא ערעור. כבר בראשית המאה הנוכחית החלה לארגן את הפועלים בעירנו, תחילה בחוגי-למוד והשכלה עצמית, ואחר-כך גם בתאים פרופסיונליים; בשנת 1905 אף הקימה מועצת-פועלים ואירגנה שביתה כללית חד-יומית ותהלוכה נגד השלטון הצארי. גם לאחר כשלון המהפיכה באותה שנה הוסיפה לפעול וקיימה רשת של חוגים חשאיים ללימוד בעיות הסוציאליזם ותנועת הפועלים. קנאית לדרכה ולוחמת אמיצה לדיעותיה, פעלה ללא רתיעה כדי להקנותן לחוגים נרחבים ביותר, והצלחותיה בכך היו ניכרות: כרוב הסוציאליסטים היהודים בני דורה היתה גם היא מתבוללת ולוחמת קיצונית בציונות על כל גילוייה.

לשיא פעילותה הגיעה קאטיה בשנת 1917 לאחר פרוץ המהפכה. היא הועמדה אז בראש הסובייט המקומי — „מועצת הפועלים, החיילים והאינטליגנציה בבריצ׳אני״, אשר התמודד לשפוך שלטונו על כל שטחי החיים החברתיים בעירנו המוניציפליים, הכלכליים והתרבותיים. אכן, אז כבר נתקלה בהתנגדותם הנמרצת של ארגוני הציונים החזקים, שהגבירו אף הם השפעתם על ההמונים.

כשכבשו הרומנים את ביסרביה שוב נתעורר עניין השניים שנפלו במשפט

לינץ׳. השלטונות הרומנים אסרו את קאטיה גינצבורג, והטילו עליה את האחריות למשפט-לינץ זה. היא נכלאה בבית-הסוהר שבחוטין והואשמה ברצח. מלכתחילה היה בדעתם של השלטונות במחוז לתת למשפטה של קאטיה כיוון פוליטי, אך משום-מה לא נעתר להם התובע הכללי, והוגש נגדה כתב אשמה פלילי.

17 חדשים היתה קאטיה עצורה בבית הסוהר ומחכה למשפט. אנשי העיר, חבריה וידידיה, עשו רבות והשתדלו בכל הדרכים אצל אנשי הרשות במחוז, כדי לבטל את המשפט או, לפחות, לשחררה בערבות ולא הצליחו. הדבר חרג גם מעבר לתחום המחוז: שאילתות נשאלו בפארלאמנט ובסינאט: סינאטורים התערבו והשתדלו במיניסטריון-המשפטים. אך דבר לא עזר.

להגנתה במשפט הועמדו סניגורים טובים, וביניהם הסיפר קונסטאנטין סטרה, עורך-דין ידוע-שם מבוקארשט וציר בפארלמנט, שהיה בימי נעוריו חבר-לדעה של קאטיה, ועתה התנדב ובא ללמד עליה סנגוריה. המשפט נמשך ארבעה ימים רצופים ונשמעו בו כשבעים עדים. ברם, המושבעים שהו בהתייעצותם דקות ספורות בלבד וזיכו את קאטיה.

אסתר עמיצור (שטיינהויז)

המשלחת הראשונה של קרן-היסוד


פעילותם הרבה של ציוני עירנו, ובמיוחד בשטח הקרנות הלאומיות, היתה ידועה וזכתה להערכתו של המרכז הציוני בקישינוב. ולא פחות מזה החשיבו שם את הלבביות שבה היו אנשי עירנו מקבלים את פני השליחים הציוניים. שליחים אלה ביקרו בה ברצון ורבים מהם אף נתקשרו קשרי ידידות עם ציוני עירנו.

עם בוא הידיעה על ביקורה הקרוב של משלחת קרן־היסוד הראשונה בעיר הוקם ועד לקבלת פניה ולארגון פעולתה המעשית. הדבר פורסם ברבים ובעיר החלה תכונה לקראת בוא האורחים.

גם אנו, חברי „המכבי", לא עמדנו מנגד וערכנו את שורותינו לקראת המאורע. התחלנו מתאמנים בתרגילי-סדר; הכינונו תלבושת אחידה — חולצות לבנות, מכנסיים כחול-כהה וחגורה תכלת-לבן; הותקן הדגל הלאומי: והרגשה של ערב־חג שרתה עלינו. גם נשף ספרותי־אמנותי הוכן.

בא היום. מבעוד בוקר הורגשה בעיר אווירה חגיגית, הנוער, עליז וצוהל, התרוצץ ברחובות כדי להשלים את ההכנות. רבים מהציונים התארגנו לצאת לקראת האורחים במרכבות, ואפילו תזמורת הוזמנה לשם כך. רבים מאנשי המקום תלו דגלים וקישטו בתיהם בשטיחים. דומני, שלא היתה עוד בעירנו תכונה רבה כל כך, חוץ אולי, מהתהלוכה החגיגית בימי המהפיכה. חברי ה„מכבי" היו צריכים להתכנס בשעות המוקדמות שלאחר הצהריים על מגרש הכבאים, ומשם לצאת בסך ולעבור ברחובות העיר. הכל היה מוכן, והלב רחב...

כשיצאתי לרחוב מייד לאחר האכילה החטופה כדי ללכת למצעד, הבחנתי



ועד מכבי על דגלו
ביום בא המשלחת הראשונה של קרן היסוד, בתלבושת החדשה של „מכבי" — 1922
יושבים (מימין לשמאל): ליקרמן ישעיהו, גוזמן יצחק, גיוולדר שאול, שילר ברוך.
עומדים: צ׳רקיס שלום, לרנר יוסף, צ׳רקיס מיכאל.

מייד בשינוי הגדול שהתחולל. ברחוב הראשי סבבו משמרות של חיילים רומניים מזויינים. הסמלים פקדו בצעקות להסיר את הדגלים ואת השטיחים, לא נתנו להתהלך בחבורות. חברי ה„מכבי", לבושי המדים, גורשו לבתיהם, ואחדים מהם אף ספגו מכות. הה, מה זה עוללו לנו? הלא המפקד־הקלונל הבטיח שיעלים עין?! נתברר שהפקודה באה מגבוה, בעטיה של מלשינות נמבזה... הכל בוטל: קבלת הפנים, המפגן, הנשף — רק כאב צורב נשאר בלב. כניסת המשלחת לעיר הושהתה וחבריה: ד"ר שברצמן, שלמה ברליאנד והרב שטרנברג מדומברובני, נעצרו בכפר הסמוך עד רדת הלילה.

ברם, הפעולה המעשית למען קרן־היסוד לא נפגמה. ונהפוך הוא: דווקא משום כך עברה ההתרמה בהצלחה גדולה מהמקווה.

אך בלב נשאר משקע מר לזמן ארוך מאד, ועד היום זכור אותו מקרה מעליב ומדכא.

מ. אמיץ

נאום באזני איש אחד

יום פתיחת האוניברסיטה העברית בירושלים, ד' ניסן תרפ"ה. החלטנו לחוג את היום הזה ברוב פאר. ראשית, מפני עצם חשיבותו של המאורע: הן לא דבר פעוט הוא פתיחת אוניברסיטה עברית ראשונה ויחידה בעולם, ומה גם שמקומה — ירושלים!...
שנית, ראינו בזה מקור עידוד והתרוממות הרוח לציונים עצמם ולהמוני העם כאחד, לאחר שנות השפל והאכזבה שבאו בעקבות התקוות הגדולות שתלינו בהצהרת באלפור.

עיבדנו, איפוא, תכניות נרחבות, שאת פרטיהן איני זוכר עוד, והתחלנו בהכנות לביצוען. אך עד מהרה באה המציאות וטפחה על פנינו, — נבצר מאתנו לשוות לחגיגות אותה צורה שעלתה בדעתנו תחילה, וזאת עקב סירובם של השלטונות לתת את הרשיון הדרוש לכך. רק לאחר התרוצצויות והשתדלויות רבות ניאותו סוף־סוף השלטונות והרשו לנו לערוך תפלה חגיגית בבית־הכנסת הגדול בשעות הבוקר, עם נאום אחד או שניים לכל היותר, ומסיבה חגיגית בערב באולם „התלמוד־תורה החדש", בתנאי שלא ישאו בו כל נאום.

אכן, קוצצה התכנית עד מאד, ואופיה ותוכנה נשתנו תכלית שינוי, אבל, באין ברירה, נאחזנו גם באפשרות זו שניתנה לנו, וניגשנו לבצעה, אם כי בלא התלהבות יתרה. רבים מאתנו פקפקו אם אמנם ייענו ההמונים ויבואו לתפילה החגיגית. עצם המאורע, אמרו, איננו כה קרוב לליבותיהם של ההמונים, ולא רבים הם היודעים להעריך את גודל חשיבותה של האוניברסיטה לעמנו. נוסף לכך, התפילה החגיגית תיערך בשעות הבוקר של יום חול רגיל, שעה שהכל טרודים בעסקיהם — ומי זה יסגור את חנותו או את בית-מלאכתו וייפנה לבוא לבית־הכנסת בשל דבר כה רחוק!?

והנה אתא בוקר. והמונים — אנשים, נשים וטף — נהרו לבית־הכנסת הגדול ומילאוהו עד אפס מקום. הושרו כמה מזמורי תהילים ונשמעו שני נאומים מפי הרב אפרתי ומפי משה גיוולדר, ששימש אז רב מטעם הממשלה. האוויר היתה חגיגית ורבת השראה, ורבים בירכו איש את רעהו בברכת „לשנה הבאה בירושלים".

גם המסיבה החגיגית שנועדה לאותו ערב עוררה בנו בתחילה ספקות לא מעטים: מסיבה ציונית — ולרגל מאורע כה חשוב — וללא כל נאום, היתכן?... והרי עיקר מטרתה לעשות פומבי לרעיון הציוני. לבטל את המסיבה, כדעת חברים מעטים, לא רצינו, אך מן ההכרח היה לצמצם את המסגרת בכלל ואת מספר המוזמנים למסיבה זו, כך שרק אנשי שלומנו, ציונים פעילים, יקחו בה חלק. אך לא! נתבדינו גם הפעם. באו רבים, וביניהם גם כאלה אשר לא פיללנו לראותם במסיבה ציונית. ואם לא יכולנו למלאה תוכן ציוני כאשר רצינו, שקדנו הפעם ביותר על קישוט המקום ולהעלות בו אורות

רבים. על מלאכה זו ניצח ברוך יקיר, ממורי הת"ת, שלא נמנה דווקא עם הציונים הפעילים.

ישבנו, איפוא, שרנו משירי ציון, נהנינו מ„השלחן הערוך", אך הלבבות לא התחממו. האלם שנגזר עלינו היה מעיק ומדכא. נמצא מי שהוא מהיושבים בראש השלחן שהציע לנאום. מאחר שבמסיבה אין אף נציג של השלטונות. אך רבים מהנוכחים התנגדו לכך. תוך כדי ויכוח פנה יעקב שטיינהויז אל חיים גולד, שהיה מראשי המתנגדים לנאום והשמיע באזניו דברים על התרבות העברית הקמה לתחיה ועל מקומה של האוניברסיטה ותפקידה בתהליך תחיה זה. כדי לשוות לדברים של שיחה פרטית פנה יעקב שטיינהויז אל חיים גולד בשמו הפרטי, ולאמיתו של דבר נתגלגלו הדברים והיו לנאום חגיגי אשר עזר בהרבה להפיג את רגש המרירות שבלב.

פתאום היתה רוח אחרת מסביב. המסובים נתעוררו. פרצה שירה אדירה, נשתלבה יד ביד, וזרוע-בזרוע, הרגליים נתרוממו מאליהן ונתלקח הריקוד. עד שעה מאוחרת בלילה בילינו תוך השראה והתרוממות הרוח.

י. ע.

די פטירה פון דר. הרצל

אין מיין געבורט שטעטל בריטשאן (בעסאראביע) האָט ווי אין אלע גרויסע שטעט און שטעטלעך איבער דער גאנצער וועלט, פונקציאָנירט א ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

באלד נאָך דעם ערשן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל אין 1896טן יאָר האָט מען אין אונדזער שטעטל געגרינדעט א ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען „שערי ציון".

באוווסטע אינטעליגענטע פערזענליכקייטן אין יענער גרויסער עפּאָכע, האָבן גרינטלעך פארשטאנען דעם הייליקן און פּאָליטישן ציוניזם. און פון איין אסיפה צו דער צווייטער האָט זיך מ'ט דעם גרעסטן אימפּעט צעוואקסן דער הייליקער בוים, וואָס דר. בנימין זאב הערצל ע"ה האָט פארפלאנצט אין יעדן יידישן הארץ.

יעדן שבת בייטאָג איז געווען איינגעפירט זיך צוזאמענצוקומען אין „שערי ציון" צו הערן ריידן, און ווי אויך די יידישע נייעס פון דער גאנצער וועלט בכלל און ציוניסטישע נייעס בפרט וואָס די צייטונגען „פריינד" און „הצפירה" האָבן געבראכט, און דער שבת'דיקער עולם פלעגט זיך מיט גרויס יראת הכבוד איינהערן.

צום צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס וואָס האָט באדארפט פאָרקומען, האָט מען ביי א ספּעציעלער פארזאמלונג דערוויילט די פאָלגענדע צוויי דעלעגאטן: דעם גרויסן גאון און וועלט-מענטש ר' משה רייציס און ר' אברהם קליינמאַן, און ערשט פון דאן אָן האָט זיך די באוועגונג צעבליט און מעכטיק אויסגעוואָקסן אזוי, אז



וועלוויל־וויליאם קיזשנער (ניו־יארק)

מען האָט געמוזט דינגען א שטענדיקע היים דעם גרויסן „זאל״ ביי מאָטיע קרעמער (צעראָלניק) ווו מען פלעגט פראוועו חתונות, כדי דאָרטן דורכצופירן די אסיפות.

אין א שיינעם יולי־טאָג פון 1904, האָט ווי א דונער פונעם לויטערן הימל געטראָפן די טרויעריקע ידיעה וועגן דער פטירה פון דר. בנימין זאב הערצל ע״ה. פון דער שרעקלעכער בשורה זענען אלע יידן אבלים געוואָרן...

א בריוו איז אין עטליכע טעג ארום אָנגעקומען פון דעם ציוניסטישן קאָמיטעט, אדרעסירט צום קאזיאָנעם ראבינער הער בארשטשעווסקי וועגן דיזר גרויסער אבדה, מ׳זאָל פאררופן א טרויער־פארזאמלונג דורכצופירן די הזכרה און עס וועט קומען א ספעציעלער רעדנער אדרעסירן דעם טרויער־אָוונט.

בארשטשעווסקי האָט באלד דורך זיין שטענדיקן שליח ר׳ חיים גודמאן (טשארני פוי) געשיקט צו ר׳ משה רייציס, ר׳ מענדל מארגאָליס, אברהם קליינמאן, ר׳ משה שלמה שמחה׳ס, אז זיי זאָלן למען השם באלד קומען וועגן א טרויעריקן ענין.

אויף דעם דריטן טאָג אינדערפרי איז אָנגעקומען דער ספעציעלער שליח (אויב מיין זכרון דינט מיר נאָך, איז זיין נאָמען געווען כאזאנאָוו) האָט מען אים געפירט צו ר׳ מענדל מארגאָליס פאר א צייטווייליקער היים.

דער טרויער־אָוונט איז פאררופן געוואָרן דורכצופירן די הזכרה אין דער

גרויסער שול, ווו עס איז געווען איבערגעפּאַקט מיט מענער און פרויען אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג.

ווען דער קאַזיאָני ראַבינער בארשטשעווסקי האָט מיט דער הילצערנער יד פון שולחן געגעבן א קלאַפּ אין דעם לעדערנעם קישעלע, האָט דאָס באַלד געפירט צו אָרדנונג, אז מען האָט געהערט דעם מאָנאָטאָנעם טיק-טאַק פון דעם אַלטן וואַנט-זייגער, און ער האָט פאַרגעשטעלט דעם ספּעציעלן שליח — הער כאַזאַנאָוו.

— תהי... נשמתו... צרורה בצרור החיים! — אזוי האָט ער אָנגעהויבן מיט א צעבראָכענעם געמיט, אז ס׳איז געפאַלן א שרעקליכער פּחד אויף דעם גרויסן עולם.

ווי נאָר ער האָט פאַרענדיקט די פינף מ׳סטישע ווערטער איז ר׳ מענדל מאַרגאָליס געוואָרן שרעקלעך היסטעריש און ס׳איז איבערגעשלאָגן געוואָרן דער רעדנער פאַר אייניקע מינוט צייט, ביז דאָקטאָר הויכמאַן האָט ר׳ מענדלען באהאַנדלט און בארואיקט...

ווען דער רעדנער האָט פאַרענדיקט זיין איינדרוקספולען הספד, האָט מען ערשט אויפסניי אָנגענומען די צ׳יוניסטישע שבועה „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני...

אז ר׳ מענדל מאַרגאָליס האָט זיך געפילט א ביסל בעסער, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך אנטשולדיקט פאַר דעם גרויסן עולם פאַר זיין איבעררשלאָגן און געבעטן ביי ר׳ משה שלמה שמחה׳ס, ער זאָל אים שניידן קריעה נאָך אונדזער אומפאַרגעסלעכן גרויסן שעפער פון דעם הייליקן און פּאָליטישן ציוניזם בנימין-זאב הערצל ע״ה.

ר׳ מענדל מאַרגאָליס, משה רייציס, אברהם קליינמאַן און משה שלמה שמחה׳ס האָבן געזאָגט קדיש...

וועלוול קיזשענער

„מ׳איז מודיע דעם עולם״

ווי אין אלע אנדערע שטעט און שטעטלעך אין בעסאַראַביע איז אויך ביי אונדז געווען איינגעפירט דער מנהג פון „שרייען״.

ווער האָט עס בעדאַרפט אנאָנסן, אפישעס, מודעות? מ׳האָט ארויסגעשיקט דעם „שרייער״, ער איז דורכגעגאַנגען די הויפּט-גאַסן, זיך אלע מאָל אָפּגעשטעלט און אויסגערופן וואָס מען דאַרף צו וויסן טון דעם עולם: „מ׳איז מודיע דעם עולם אז ס׳איז אראָפּגעקומען א סוחר מיט שיך און פאַרקויפט ביליק״. „א טרעפער א באַרימטער איז געקומען, א חזן א גרויסער וועט דאַווענען שבת, יידיש טעאַטער וועט שפּילן, זיידע הערצקעס האָט אָנגעבראַכט גוטן וויין אויף ארבע כוסות״ — אלץ איז מודיע דער „שרייער״. אויך די אָרטיקע חברות און אָרגאַניזאַציעס באַנוצן

זיך מיט אים צו פארעפנטליכן זייערע פאראנשטאלטונגען און פארזאמלונגען. בקיצור, אָנעם „שרייער״ האָט קיין זאך זיך ניט געקענט אָפּטון אין שטאָט.

דאָס שרייערײַ איז געווען זער א שווער פאך און ניט קיין סך האָבן אים געקענט אָנהאלטן א לענגערע צייט. עס זענען אָבער געווען אזוינע וואָס האָבן זיך לענגער באשעפטיקט דערמיט און האָבן אפילו מיט דער צייט זיך אויסגעארבעט א באזונדערן שטייגער פון „שרייען״. לאָמיר דאָ דעמאָנען דריי פון זיי.

פסח שרייער

א קליין יידל מיט א ווייסער באָרד און מיט א שארף קלינגנדיק קול, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון איין עק גאס ביזן צווייטן. ווי די אנדערע שרייערס איז ער געווען אויך א טרעגער דערצו אָבער מיט א וועגעלע און א פערדל. פלעג ער אויסשרייען, פאַרנדיק אין וועגעלע. ווי נאָר אָבער ער האָט אָנגעהויבן שרייען, האָט דאָס פערדל זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן לויפן. פסח פלעג מיט גרויס מי איינהאלטן דאָס פערד, פארגעזעצט דאָס „שרייען״ און דערביי צוגעלעגט קללות אויפן פערדל, נעבעך. „מ׳איז מכריז ומודיע, אז מ׳האָט פארשפּארט די טשערעדע, טפררו, כאָלערע! — ביי שטעפּאנאקי אין דער אבארע, ווער באגראָבן מיט אים אינאיינעם״... עולם האָט, פארשטייט זיך, פון אזא „שרייען״ ווילד הנאה געהאט...

לייביש קאטינקע

לייביש פלעג זיין שרייערײַ אויסזינגען. ער איז געווען באגאבט מיט א זעלטן-שיינער טענאָר-שטימע, און ס׳איז געווען אן אמתער פארגעניגען אים צו הערן זינגען. ליידער, פלעג ער — באזונדערס אין די שפּעטערדיקע יאָרן — זער ווייניק זינגען. ס׳האָט זיך פשוט ניט געזונגען...

איינמאָל, ווען ער איז נאָך א יונגער בחור געווען, איז ער ביינאכט געשטאנען אויף דער טארהאוויצע אלס נאכט-וועכטער ביי די ארבוזעס און האָט זיך צעזונגען. האָט אים געהערט דער דירעקטאָר פון א יידישער טעאטער-טרופּע, וואָס האָט דעמאָלט באזוכט ביי אונדז אין שטאָט. ער איז געווען באגייסטערט פון זיין זינגען, האָט אים פאַרגעלעגט ער זאָל מיטפאָרן מיט זיין טרופּע, אים צוגעזאָגט די בעסטע באדינגונגען. אָבער לייביש האָט זיך אויסגעלאכט און געענטפערט: „און די בריטשאנער ארבוזעס, וואָס וועלן טון אָן מיר?״

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעג ער עס דערציילן מיט א געלעכטער פון צוריקגעהאלטענער חרטה. אז עס פלעג קומען א חזן אויף א שבת איז לייביש, פארשטייט זיך, געווען פון די ערשטע, וואָס זענען געקומען הערן. ער פלעג דעמאָלט זאָגן: „איי, ווען איך קען זיין „עברי״, וואָלט איך אייך באוויזן וואָס הייסט דאווענען... אוי, וואָלט איך געדאווענט!״... קיינער האָט ניט געצווייפלט אין דעם, עס האָט געפעלט בלויז דאָס ביסל „עברי״...

איציק לץ

איציק לץ האָט אָנגעהאַלטן דאָס „שרייערײַ" א גאַנץ לאַנגע צייט. געווען איז ער א הויכער, ברייט-ביייניקער, פעסטגעבויטער יונג מיט א קינדיש-גוטמוטיקן שמייכל און מיט א פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן — און איז געווען א בלוטיקער אָרעמאַן. דאָס „שרייען" איז אים די ערשטע צייט אָנגעקומען שווערלעך. ער פלעג איבערקערן די ווערטער און זיי אויסמישן אין איין קאַשע, אזוי אז ניט איינמאָל איז שווער געווען צו וויסן וואָס ער רופט אויס. שפּעטער, אָבער, האָט מען אים ניט באַדאַרפט צוויי מאָל זאָגן וואָס צו „שרייען"; ער פלעג שוין אפילו אליין די נויטיקע ווערטער געפונען. זיין ארבעט פלעג ער טון בשלמות, מיט פולער אחריות און אַלץ מיט א שמייכל, אָט גלייך ער „שרייט" פאַר פאַרגעניגן.

איינמאָל, אין א זומערדיקן דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, איז ער געשטאַנען און געוואַרט אויף עפּעס א פאַרדינסטל. דעם גאַנצן טאָג האָט ער געוואַרט, און ס'איז נישטאָ געאַרביט: ניט טרעגעריי, ניט שרייערײַ. פּלוצים האָט ער א געשריי געטון: „מ'איז מודיע דעם עולם", ווי געוויינלעך האָט יעדער אין גאַס זיך אָפּגעשטעלט צו הערן וואָס רופט אויס דער „שרייער", און איציק שרייט אויס: „מ'איז מודיע דעם עולם אז כ'האָב ניט אויף שבת", און דערביי האָט ער זיך הויך צעלאַכט — א שפּאַס, הייסט עס, האָט ער געמאַכט. עולם האָט אויך געלאַכט, אָבער איציק האָט שוין דאַן געהאַט אויף שבת...

י. ע.

אין פּאַגראָם־שרעק

ס'איז געווען חנוכה 1906. דינסטיק — דער געוויינלעכער יריד-טאָג, און דאָס מאָל איז טאַקע געווען א היפּשער יריד. ס'איז ערב זייערע חגאות, און די פּויערן פון ארום קומען מאַסנווייז אין שטאָט פאַרקויפן און איינקויפן.

געוויינלעך קוקן יידן ארויס אויף אזא טאָג. די לעצטע צוויי-דריי יאָר, אָבער נאָכן קעשענעווער פּאָגרום אין 1903 און די גרעסערע צאָל פּאָגראָמען אין יאָר 1905, גנב'עט זיך אין אזוינע טעג אריין אין הארצן אויך א באַהאַלטענע אומרואיקייט: ווער ווייסט מיט וואָס אזא טאָג קען זיך, חלילה, ענדיקן... יעדער פּויער, וואָס קומט אריין אין קראָם, איז, פאַרשטייט זיך, אָנגעלעגט, אָבער צוזאַמען מיט דער האָפענונג אויף פּדיון דערוועקט ער אויך א געוויסן חשד...

אָבער דער טאָג איז אריבער גאַנץ רואיק. ס'זענען שוין די שפּעטע נאָכמי-טאָג-שטונדן. די נאַכט פאַלט צו. די קראָמען האָבן זיך אויסגעליידיקט פון קונים. פיל פּויערן זענען שוין אהיים געפאָרן. יידן, מידע אָבער צופרידענע, האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. אָט באַלד וועט מען שוין קענען אהיים גיין, זיך אָפּרוען נאָכן רוישיקן יריד.

פּלוצלינג האָט אויסגעבראָכן א טומל, א געלויף, געשרייען. יידן דערשראָ-

קענע, ניט ווינסדיק וואָס ס'איז געשען האָבן פיבערהאפט שנעל אָנגעהויבן שפּאַרן די קראָמען. פרויען ברעכן ציטערדיק די הענט און קוקן מיט פּחד אין דער ריכטונג פון מארק, פון וואנען דער טומעל איז געקומען.

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז צוויי אָנגעטרונקענע פּאָליציאנטן (סטראזשני-קעס) זענען ארויס אין גאס, אויפן סאמע מיטן מארק, האָבן אנטבלויזט זייערע שווערדן, האסטיק געפאָכעט מיט זיי אין דער לופט, אויסרופנדיק דערביי דעם באקאנטן שווארץ-מאה'דיקן לאָזונג : „שלאָג די יידן — ראטעווע רוסלאנד!"

עטלעכע יידישע בחורים האָבן זיך אויף זיי א וואַרף געטאָן, ארויסגענומען פון זייערע הענט די אנטבלויזטע שווערדן און זיי אָפּגעפירט אין פּאָליציי-אמט (וואלאסט), באגלייט פון א גרויסער צאָל יידן. אויפן וועג האָבן זיך צוזאמענגע-קליבן אויך א גרויסע צאָל פון די איבערגעבליבענע פויערן. ביים פּאָליציי-אמט זענען זיי צו הילף געקומען עטליכע פּאָליציאנטן. די פארהאלטענע סטראזשניקעס, ווי אויך א טייל פון די פויערן, האָבן מיט אמאָל באקומען קוראזש און באלד האָט צווישןביידע מחנות אויסגעבראָכן א בלוטיקער געשלעג. איינער א בחור האָט דערלאנגט א סטראזשניק מיט א „לישניע" איבערן קאָפּ, און יענער איז געפאלן א טויטער. ווער איז געווען דער בחור, איז געבליבן א סוד, וואָס נאָר וויניקע האָבן אים געוווסט. די פויערן זענען זיך צעלאָפן. די סטראזשניקעס האָבן זיך צוריקגע-צויגן, און די יידן זענען אומרואיקע זיך צעגאנגען. ביינאכט האָט די פּאָליציי ארעסטירט דעם קצב משה קארלאן (ראבוי) און אים באשולדיקט אין דערמאָרדן דעם סטראזשניק. ער איז טאקע באלד איבערגעפירט געוואָרן אין כאטינער טורמע. ווו ער איז חדשים לאנג אָפּגעזעסן.

ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן די געדריקטע שטימונג און דער פּחד, וואָס האָט באהערשט די יידישע באפעלקערונג. מ'האָט זיך געגרייט צו אלעמען. מ'האָט „געזאָרגט" אז די אָרטיקע מאכט זאָל ניט אויפהויבן קיין צו-גרויסן רעש ארום דעם פאל, און אז דער סטראזשניק זאָל באערדיקט ווערן „שטיל". די זעלבסטשוץ איז געשטאנען גרייט אויף יעדן פאל. אז די ערשטע טעג זענען אריבער, האָט מען גענומען זאָרגן פאר דעם ארעסטירטן.

יענעם ווינטער איז משה קארלאן געשטאנען אין צענטער פון דער געזעל-שאפטלעכער זאָרג. די סאָציאליסטן האָבן אין אים געזען א העלדישן קעמפער קעגן צאריזם. אנדערע — אן אומשולדיקן קרבן פארן כלל ; אלע האָבן געוווּסט וואָס ער קומט אָפּ פאר זיי. ס'האָט זיך געגרינדעט א קאָמיטעט, וואָס האָט פאר-שאפט די נויטיקע מיטלען אויף „ארויסצוראטעווען משה קארלאן פון גוישע הענט".

די „מיטלען" האָבן געווירקט, און משה קארלאן איז נאָך 6—7 מאָנאטן באפרייט געוואָרן אָן א משפט. דער פּראָקוראר האָט גלאט „ניט געפונען די נויטיקע באווייזן אים צו באשולדיקן"...

דער טאָג פון זיין באפרייאונג איז געווען אן אמתדיקע שמחה ביי אלע שיכטן פון בריטשאנער יידן.

י. שטיינהויז (עמיצור)

עפיזאָדן פון מיין שטעטעלע

כ׳בין אלט געווען 5 יאָר, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. מיר האָבן דאַן געוווינט ביי דער יעדינעצער בריק, און איך געדענק קלאָר ווי אזוי די יידן זענען ארומגעגאנגען דערשראָקענע, פארכמורעטע, און זיך געשושקעט. כ׳האָב דאַן בשום אופן ניט געקאָנט פארשטיין וואָס זיי האָבן געמיינט מיט די ווערטער „פאָניע איז אראָפּ פונם בענקל!״.

דערנאָך זענען געקומען טעג ווען די רוסישע ארמיי האָט אָנגעהויבן צו פארלאָזן בעסאראביע. טאָג און נאכט האָבן זיך געצויגן פאָלקן פון קאָזאקן און טשערקעסן, באגלייט מיט שווערע און גרויסע משא-אויטאָס און רוישיקע מאָטאָציק-לעטן, וועלכע מ׳האָט גערופן „פליאָטקעמאכערס״...

היינט, נאָך אָפּגעלאָפענע 43 יאָר, זע איך נאָך אין מיין זכרון די יידענעס וואָס האָבן מיט די פארטוכער געווישט די נאסע פארוויינטע אויגן — דאָס זיינען זיכער געווען מאמעס וואָס האָבן געהאט זייערע זין אין די קאזארמעס, אָדער אין פייער פון די פראָנטן פון דער גרויזאמער מלחמה.

פּטור געוואָרן פון די רוסן, איז בריטשאַן אָקופּירט געוואָרן פון די עסטריי-כער. די באציאונג פון די אָקופּאנטן, אין גאנץ בעסאראביע, וועלכע איז דערקלערט געוואָרן אלס „דעמאָקראטישע רעפּובליק פון מאָלדאוויע״, איז געווען זייער א גוטע. אָבער, אזוי ווי דאָס געדויערט קיינמאָל ניט צו לאנג איז בעסאראביע, לויטן ווערסאליער טראקטאָט, אנעקסירט געוואָרן צום אלטן רומענישן קעניגרייך.

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן א טרויעריק קאפּיטל אין דער געשיכטע פון דער בריטשאנער קהילה. די אומגעהויער-גרויסע שנאה פון די רומענער צו די יידן און די רוסן האָט פאראליזירט דעם נאָרמאלן גאנג פון יידישן לעבן און פארוואנדלט בריטשאַן אין א טויטער שטאָט. דאָס לעבן איז געוואָרן ביטער און פינצטער. גרויס איז געווען דאָס אָרעמקייט אויף דער יידישער גאַס.

נאָך א פּאָר יאָר פון פינצטערניש, האָט ווידער אָנגעהויבן ליכטיק ווערן אויף דער יידישער סטעזשקע. די יידישע ענערגיע און וויטאליטעט האָבן זיך ווידער געלאָזט מערקן, און די אלגעמיינע לאגע האָט זיך אָנגעהויבן צו פארבעסערן.

✶

מיינע חברים פון קינדהייט און יוגנט — יוזיק טראכטענבערג און יוזיק לאנדאו — האָבן פון קליינערהייט געהאט נייגונג צו פּאָעזיע. יוזיק טראכטענבערג האָט אין יענער צייט פארעפנטלעכט א ליד, איך גלויב אַז ס׳איז געווען אין „אונדזער צייט״, פון קעשענעוו. דאָס ליד האָט ער אָנגעהויבן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיין שטעטעלע בריטשאַן,
גרויס ווי א שפּאַן,
מיט א שעף א מאלדאוואַן״.

וואָס מיט יוזיק טראַכטענבערג איז געוואָרן, ווייס איך ניט. מ׳זאָגט, אז ער לעבט ערגעץ-ווו אין רוסלאַנד.

וואָס שייך יוזיק לאַנדאו, האָט ער, ווי צענדליקער אנדערע, עמיגרירט קיין בראַזיל, און לעבט אין ריאָ דע זשאַנעיראָ. דאָ איז ער באַקאַנט אלס פּאָעט — דער פּאָעט י. לאַנדע, אויטאָר פון בוך „ליכטיקע קאַיאָרן", וואָס איז דערשינען אין 1959, אין ריאָ דע זשאַנעיראָ.

איינע פון זיינע לידער איז געווידמעט זיין מוטער, וואָס איז אומגעקומען אויפן וועג קיין טראַנסניסטריע, אין 1942.

✶

ווער פון בריטשאַן געדענקט ניט דעם כלי-זמר פּוי מיט דער פליייט? און די לעצטע פון די דרייסיקער יאָרן איז ער שוין געווען אלט, קראַנק און צעבראָכן. איינמאָל האָט ער באַזוכט דעם דאָקטאָר אברהם טראַכטענברויט, ער זאָל אים אונטערזוכן.

— פּוי — האָט דער דאָקטאָר אים געזאָגט — איר האָט וואַסער אין בויך.

— האָסט א טעות, אברהם — האָט פּוי אים געענטפערט — ס׳איז ניט קיין וואַסער, ס׳איז אַלקאָהאָל...

✶

אין דרום-זייט פון בריטשאַן, אויף דער ליפּקאַנער גאַס, קעגן דער שטוב פון דוד-יאָסל קירזשנער, האָט זיך געפונען די שוסטערישע קלויז.

דאַכט זיך אז אין יאָר 1928 האָט מען געשענקט דער קלויז א ספר-תורה. האָבן די שוסטערס איינגעאָרדנט א גרויסע שמחה. פון שבת-צו-נאַכטס ביז דינסטיק אינדערפרי, האָט מען געגעסן, געטרונקען און געטאַנצט. און מיט זיי האָט זיך אויך געפרייט קאָסטאַקע דער שוסטער, וואָס האָט גערעדט א גוטן יידיש און געלעבט נאָר צווישן יידן. האָט אימיצער אים א פרעג געטאָן:

— מילא, די יידן פרייען זיך, מ׳האָט זיי געשענקט א ספר-תורה, אָבער וואָס טוסטו דאָ, ביסט דאָך ניט קיין ייד?

— אמת, האָט ער געענטפערט — קיין ייד בין איך טאַקע ניט, אָבער א שוסטער בין איך?...

✶

די מאַמע איז געווען א פּרעפעקטע, האָט פאַרקויפט הינער אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט, און איר זון איז געווען א טרעגער. גערופן האָט מען אים גאָדל ממזר.

איינמאָל האָבן מאַמע און זון זיך צעקריגט אינמיטן מאַרק און זיך געשאָלטן מיט טויטע קללות, ביז די מאַמע האָט אויסגעשריגן, אז אלע זאָלן הערן:

— גאָדל, ווער ס׳ווייסט ניט דעם אמת, אָבער איך ווייס דאָך אז דו ביסט א ממזר!

✶

אין די דרייסיקער יאָרן האָבן צענדליקער בריטשאנער משפחות עמיגרירט, ווער קיין נאָרד-אמעריקע, ווער קיין ארגענטינע, פערו, בראזיל און אנדערע לענדער.

אָנהויב יאָר 1931, האָב איך פארלאָזט בריטשאן און בין אָפּגעפאָרן קיין בראזיל.

אין מיינע אויגן איז בריטשאן קיינמאָל אזוי שיין ניט געווען ווי אין יענעם מאָמענט, ווען כ׳האָב עס געזען צום לעצטן מאָל. הגם כ׳בין ארויסגעפאָרן מיטן געדאנק צו מאכן געלט אין בראזיל און דערנאָך זיך אומקערן קיין בריטשאן, האָב איך דאָך אינסטינקטיוו געפילט, אז כ׳האָב זיך דאן געזעגנט אויף אייביק מיט מיין שטעטעלע, מיט די פריינט, באקאנטע, שכנים און אלע יידן. צום גרויסן אומגליק האָט דער אינסטינקט מיך ניט אָפּגענארט. בריטשאן, דאָס אמאָליקע בריטשאן, דאָס לעבעדיק-פריילעכע, אינטעליגענטע און הארציקע בריטשאן, איז חרוב געוואָרן, עקזיסטירט ניט מער. די עטלעכע טויזנט יידן, די טייערע בריטשאנער יידן, זענען נעבעך אומגעקומען... פארוואָס? פאר וועלכע זינד? ווער קאָן פארשטיין גאָטס וועגן?...

ריאָ-דע-זשאנעראָ נעלסאָן ווײַנער

דער „ארגון יוצאי בריצ׳אני אין ישראל"

אין ישראל געפינט זיך א היפשע צאָל בריטשאנער; א טייל פון זיין זענען אהערגעקומען נאָך ווייט פארן אויפשטיין פון מדינת ישראל. דאָס זענען געווען מערסטנס יוגענטלעכע עולים, באאיינפלוסטע פון ציוניסטישן געדאנק און פון דער חלוצישער באוועגונג. זיי זענען געקומען מיט אויסגעבילדעטע און מיט פעסט-געשטעלטע אָנשויאונגען. נאָך פון חוץ לארץ האָט יעדער פון זיי אָנגעהערט צו א באשטימטער אידעאישער באוועגונג, אין וועלכער ער האָט זיך איינגעראַמט, קומענ-דיק אין לאנד. על כן איז דעמאָלט ניט געווען קיין באדערפניש צו שאפן פאר זיי א באזונדערע אָרגאניזירטע קערפּערשאפט ווי א לאנדסמאנשאפט.

גאנץ אנדערש האָבן אויסגעזען די וואס זענען אנגעקומען נאכן אנטשטיין פון דער מדינה, מיטן גרויסן שטראָם פון סטיכישער עליה. כאָטש זייער צאָל איז געווען גרויס, האָבן זיי זיך אין דער ערסטער צייט געפילט איינזאם און פאר-פרעמדעט אין די שווערע באדינגונגען פון א נייעם עולה. זיי האָבן געמוזט מיט אייגענע כוחות דורכשלאָגן א וועג כדי זיך איינצופאסן אין דער נייער ווירקלעכקייט.



ועד ארגון בריצ׳ני בישראל — 1961

יושבים מימין לשמאל: 1. וייסברג שלמה, 2. גב׳ הוכמן דבורה, 3. גב׳ רכטר אסתר, 4. אמיץ מיכאל (מזכיר).

עומדים: 1. הורביץ יוסף, 2. אבן עזרא מנחם, 3. חורש שמואל (יו״ר), 4. עמיצור יעקב, 5. גנסין יהושע.

יעדער פון זיי האָט איבערגעלעבט טעג פון האָפענונגען און אנטוישונגען און זיך שווער געמאַטערט אין — ווי ס'האָט זיך אים געדאכט — אויסזיכטלאָזע זוכענישן.

פאַר זיי איז עס נויטיק געווען צו שאַפן דעם „ארגון יוצאי בריצ'אני", וואָס זאָל מיטהעלפן דעם נייעם עולה ווי ווייט מעגליך סיי מאַטעריעל, סיי מאָראַליש.

דעם שטויס צו גרינדן דעם ארגון האָט געגעבן דער באַזוך פון ה' יוסף קעסלער (קעסטעלמאַן), דער זון פון חוה און איצי שוחט.

יוסף קעסלער האָט אין דער הינזיכט גרויסע דערפאַרונג. חוץ דעם וואָס ער איז א פאַרדינסטפולער עסקן, שלא על מנת לקבל פרס, אין אייניקע ציוניסטישע און יידישע ארבעטער-אינסטיטוציעס אין אמעריקע, איז ער אויך יאָרנלאַנג געשטאַנען אין דער שפּיץ פון בריטשאַנער רעליף אין ניו-יאָרק, און ער האָט אנטוויקלט א פרוכטבאַרע און היפּש-פאַרצווייגטע טעטיקייט לטובת די געזעלשאַפטלעכע אנ-שטאַלטן אין בריטשאַן, פאַר דער מלחמה, און פאַר דער שארית הפליטה נאָך דער מלחמה. (פּרטים — אין ארטיקל איבערן רעליף און זיין טעטיקייט).

אינעם קבלת-פנים-אָוונט לכבוד ה׳ יוסף קעסלער, דעם 5-טן מאי 1951, אין תל-אביב, האָבן זיך באטייליקט עטלעכע צענדליק בריטשאנער און דאָרט איז געמאכט געוואָרן דער פארזוך צו גרינדן דעם „ארגון" מיט דער אויפגאבע צו געפינען וועגן און מיטלען צום פארלייכטערן די קליטה (איינבירגערונג) פון די אָנגעקומענע עולים. אויפן פּלאַץ איז באשטעטיקט געוואָרן א צייטווייליקער קאָמיטעט אין שפּיץ פון ה׳ נתן לערנער ז״ל — געוועזענער דעפּוטאט אין רומענישן פּארלאמענט. די אנדערע מיטגלידער — סוניע געלגאר, יוסף הורביץ, טוביה ווארטיקאווסקי ז״ל, שלמה ווייסבערג, שמואל חורש, יעקב עמיצור (שטיינהויז), און אסתר רעכטער (קויפמאן), האָבן זיך פרייוויליק ארויסגערופן צו באטייליקן זיך אין דער ארבעט. שפּעטער זענען קאָאָפּטירט געוואָרן צו דער ארבעט אין קאָמיטעט די ה״ה: מיכאל אמיץ, דבורה האָכמאן (דאניע סאפיר), אליעזר און יהושע רעדענסקי — דער לעצטער אלץ פאָרשטייער פון די בריטשאנער אין חיפה און איר געגנט.

דער ארגון איז עפנטלעך פארערגיסטרירט געוואָרן און געזעצלעך באשטע-טיקט פון דער רעגירונג.

אויך דער משרד הסעד (מיניסטעריום פאר סאָציאלער ארבעט), האָט אנער-קענט דעם ארגון אלץ קערפּערשאפט, וואָס איז ווערט צו געניסן פון זיין שטיצע און סאָציאלע אונטערנעמונגען.

גמילת-חסדים קאסעס

ביים ארגון פונקציאָנירן צוויי גמילות חסדים קאסעס:

די ערשטע קאסע איז געגרינדעט געוואָרן דורכן רעליף אין אמעריקע באלד נאָכן באזוך פון ה׳ יוסף קעסלער אין ישראל. די לאנדסלייט אין אמעריקע האָבן צוליב דעם צוועק צוגעשיקט אן ערך 2,000 דאָלאר (3,600 לירעס). פיל האָבן דערצו געלייסטעט די הערן הערשל ווארטיקאָווסקי (הארי ווארטן) ז״ל און פנחס ספּיוואק ז״ל. דער לעצטער — געבוירן אין אוקראינע, זיין פרוי אָבער איז געוועזן א בריטשאנער — האָט פרייוויליק א סך געטון פארן רעליף און איז געוועזן זיין סעקרעטאר. ער טאקע האָט, קומענדיק אויף א באזוך קיין ישראל, מיטגעבראכט מיט זיך די אויבנדערמאנטע סומע.

די קאסע האָט ביזן יאָר 1961 באוויזן אויסצוטיילן 160 הלואות אין א סכום פון 17,350 לירעס, וואָס כמעט אלע זענען געגעבן געוואָרן אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקן, ווי שיכון (קריגן א וווינונג), איינריכטונגען און אויסבעסערונגען אין די דירות, עליה פון קרובים, ארבעט און פרנסה, ווי אויך מעדיצינישע הילף און פארשידענע אנדערע.

160 בריטשאנער עולים האָבן אזוי ארום געקריגן הילף און שטיצע פון דער גמ״ח-קאסע.

די סאָציאַלע הילף, וואָס דער קאָמיטעט פירט אָן, פליסט אין צוויי ריכטונגען:

ערשטנס, האָט ער אויף זיך גענומען די זאָרג צו דערלאַנגען הילף די נויטבאַדערפיקע בריטשאַנער וואָס געפינען זיך אין ישראל און ווענדן זיך צו אים אין פאַרשידענע אַנגעלעגנהייטן. די הילף ווערט געגעבן אין פאַרשידענע פאָרמעס, סיי מיט מזומן געלט סיי מיט מעדיצינישער הילף און אַנדערע. ער פאַרטיילט די סקריפּטן און מעות-חיטין, וואָס ניו-יאָרקער רעליף שיקט איבער. ער האָט אויך געזאָרגט (מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון פרוי מינה אמיץ), איינצואָרדענען אַ בריטשאַנער עלטערע און עלנטע פרוי אין אַ מושב זקנים, וואָס איז געווען פאַר-בונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און מיט נאָך גרעסערער מי צו קריגן די היפּשע געלטער דערצו.

צווייטנס, טוט דער קאָמיטעט ניט ווייניק פאַר בריטשאַנער לאַנדסלייט, וואָס געפינען זיך אין ראַטן-פאַרבאַנד און אין רומעניע. פאַר זיי ווערן געשיקט, ווי ווייט ס'איז מעגליך, פּאַקעטן דורכן „מגן-דוד אדום". הונדערטער פּעקלעך זענען געשיקט געוואָרן לויט באַשטימטע אַדרעסן און זיי האָבן מיט זיך געבראַכט ניט נאָר אַ גרוס פון אייגענע און היימישע, נאָר אויך אַ געוויסע מאַטעריעלע פאַרלייכטערונג.

פאַראייביקונג

חוץ דאָזיקן בוך, וואָס איז נאָך לאַנגער און מיפּולער אַרבעט אַרויסגעגעבן געוואָרן, פירט דער ארגון דורך יערליכע צוזאַמענקונפטן פון די בריטשאַנער אין ישראל, וווּ עס ווערט איינגעאָרדנט אַ הזכרה פאַר די אומגעקומענע פון די נאַצי-חיות און זייערע מיטהעלפער אין דער צייט פון גירוש, אין די לאַגערן און אויף די פײַנפולע וועגן. אויך ווערן דאָרט אויפגעבראַכט זכרונות פון געשעענישן, צופאַלן און פאַרשידענע פּערזאָנען.

אונדזער ארגון איז געווען פון די ערשטע — און דערמיט געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע — וואָס האָבן געטאָן אין אויפשטעלן אַ גרינעם דענקמאָל פאַר די קרבנות, און האָט געפלאַנצט הונדערטער ביימער אין יער-הקדושים אויפן נאָמען פון די געפאַלענע בריטשאַנער.

דער ארגון שטייט די גאַנצע צייט אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט בריטשא-נער אין לאַנד און אין חוץ-לארץ.

ס'איז מיט גרויס דערפאָלג איינגעריכטעט געוואָרן אַ חנוכה-אָוונט מיט אַן אינהאַלטרייכן ליטעראַרישן און מוזיקאַלישן פּראָגראַם.

צוזאַמען מיט די ארגונים פון די שכנות'דיקע שטעט זענען דורכגעפירט געוואָרן אייניקע פּורים-בעלער; דער הויפּט-צוועק איז געווען ניט נאָר די מאַטע-ריעלע הכנסה, נאָר אויך די אינטימע, היימיש-פריידיקע באַגעגעניש פון נאָענטע חברים און סתם באַקאַנטע.

עס זענען געמאכט געוואָרן באַגעגענישן און אויפנאַמעס פאַר בריטשאַנער, וואָס זענען געקומען מיט באַזוך קיין ישראל פון פאַרשידענע לענדער.

אַן ענגע שריפטלעכע פאַרבינדונג פירט דער ארגון אָן מיטן רעליף אין אַמעריקע און אויך מיט פיל איינצעלנע בריטשאַנער אין דער ברייטער וועלט: אין די פאַרייניקטע שטאַטן, בראַזיל, אַרגענטינע, ווענעצועלע, טשילי און אַנדערע, וואָס אינטערעסירן זיך מיטן ארגון און העלפן מיט זיין טעטיקייט.

דער ארגון האָט זיך באַטייליקט אין אַרויסגעבן דעם בוך „על אדמת ביסאַראַביה" און די ווערק פונעם געוועזענעם פּרעזידענט פון כנסת (פּאַרלאַמענט) אין ישראל און באַקאַנטן פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, ה' יוסף שפּרינצאַק ז"ל, וואָס איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ שטיק בעסאַראַבער און האָט דאָרט אָנגעהויבן זיין ציוניסטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

מ. אמיץ-טשערקים

דער בריטשאַנער רעליף אין אַמעריקע

קיין זכרונות פון בריטשאַן וועל איך אפילו ניט פּרובירן צו שרייבן, שוין פּשוט דערפאַר וואָס איך בין שוין אַריבער אַ האַלב-יאָרהונדערט פון דאָרטן און כ'האָב שוין אַ סך פאַרגעסן פון מיין קינדהייט. חוץ דעם האָב איך אפילו זייענדיק אין בריטשאַן ווייניק מענטשן געקענט. מיין פאָטער, איצי שוחט עליו השלום, האָט קיין עסקים ניט געפירט, און איך האָב ניט געהאַט די געלעגנהייט צו קומען אין פאַרקער מיט אַ סך מענטשן אין שטאָט.

כ'האָב געקענט נאָר דעם וועג צו גיין אין חדר, אָדער אין קלויז, וווּ מיין פאָטער איז געווען אַ בעל-תפילה אין די ימים-נוראים, און כ'בין געווען איינער פון זיינע כאָר-משוררים. כ'פלעג אויך אַמאָל אין אַ שבת גיין צו די רבנים, ר' דניאל און ר' יודעלע, זיך „פאַרהערן" דאָס לערנען גמרא פון דער וואָך... אַזוי אַז חוץ מיינע מלמדים: איצי כאַראַסטקעווער, שמעון מלמד און אברהם חיים סופרס און זייערע תלמידים, און חוץ די גאָר נאָענטע שכנים, האָב איך כמעט קיינעם ניט געקענט.

ערשט שפּעטער, ווען כ'האָב, אונטערן איינפלוס פון מיין פעטער שליאָמע בערישעס, אָנגעהויבן לערנען העברעאישע ביכער, האָב איך זיך באַקענט מיט עטלעכע מענטשן, ביי וועלכע מ'האָט געקענט לייען ביכער, ווי אברהם גאָלדגעל ע"ה (געשטאָרבן אין ישראל), אהרן שטיינהויז עליו השלום, וואָס איז שפּעטער געוואָרן מיין שוואָגער און איז צוזאַמען מיט מיין שוועסטער פייגע און זייערע צוויי קינדער הערשל און שפרה, אומגעקומען אין טראַנסניסטריע, און נאָך אַ פּאָר ענלעכע מענטשן.

אויך אין אַמעריקע האָב איך לאַנגע יאָרן ניט געהאַט די געלעגנהייט צו קומען אין פאַרקער מיט מיינע בריטשאַנער לאַנדסלייט, ווייל מיין געזעלשאַפט-לעכע טעטיקייט אין „אַרבייטער-רינג" און אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג



בריטשאנער רעליף אין ניו־יורק — 1939

האָבן מיר ניט געלאָזט געגוג צייט זיך צו טרעפן מיט מענטשן פון אנדערע ספערעס. ערשט אין יאָר 1933 האָב איך צופעליק באַגעגנט הערי ווארטן עליו השלום (ווארטיקאווסקי) און פון אים האָב איך זיך דערוווסט, אז נאָך מיט צוויי יאָר צוריק האָט זיך געגרינדעט א בריטשאנער רעליף, פון וועלכן ער איז דער פּרעזי-דענט, און אז זיי קלויבן צוביסלעך געלד אויף צו שטיצן די צדקה-אנשטאלטן פון בריטשאן, ווי מלביש-ערומים, די תלמוד-תורה קינדער א.א.וו.

ער האָט מיר דערציילט אז מוצאי-יום-כפור תרצ״ג האָבן זיך ביי נעכע און פּסח שניידער אין הויז פארזאמלט חוץ אים אויך סעם קליין, נעסי פלאטקין און קויפמאן און האָבן דאָרט באשלאָסן צו גרינדן די רעליף אָרגאניזאציע, און טאקע באלד באשטימט אים, הערי ווארטן, אלס פּרעזידענט, סעם קליין — סעקרעטאר,



יוסף קעלער (קעסטעלמאן) (ניו־יארק)

און פּסח שניידער — קאסירער. ער האָט זיך פארענטפערט פאר מיר, וואָס איך בין ניט איינגעלאדן געוואָרן אויף דער פארזאמלונג דערמיט, וואָס קיין עפנטלעכע פארזאמלונגען קענען זיי ניט רופן, מחמת זיי זענען באגרענעצט אין געלטמיטלען, און דערביי האָט ער זיך באקלאָגט אויף אונדזערע לאנדסלייט, אז זיי רופן זיך ניט אָפּ ווי געהעריק אויף דער פאָדערונג פון רעליף.

כ׳האָב ווידער ניט געהערט פון דער אָרגאניזאציע ביז אין יאָר 1934, ווען שלום קיִלימניק איז געקומען פון בריטשאן מיט באזוך קיין אמעריקע און האָט געוואָלט אויסנוצן זיין אָנוועזנהייט אויף צו רופן אונדזערע לאנדסלייט, זיי זאָלן עפּעס טון ממשותדיקס צו העלפן די בריטשאנער אינסטיטוציעס. עמיצער האָט איב

קילימניקען, אַנגעוויזן אויף מיר, און ער איז געקומען צו מיר און מיך געבעטן כ׳זאָל אָנטיילנעמען אין דער ארבעט פון רעליף און העלפן פירן די אָרגאַ-ניזאַציע צו גרעסערע מעשים. כ׳האָב אים פאַרשפּראָכן און בין טאַקע געקומען צו דער פאַרזאַמלונג וואָס דער רעליף האָט גערופן לכבוד שלום קילימניק. ווען הערי וואַרטן האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג, האָט ער שטאַרק געטאַדלט אונדזערע לאַנדס-לייט פאַר זייער ענגהאַרציקייט און זיך באַקלאָגט אז אין פאַרלויף פון צוויי יאָר וואָס דער רעליף עקזיסטירט האָט ער געשאַפן בלויז קנאַפּע דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס זיי האָבן איבערגעשיקט קיין בריטשאַן.

כאָטש כ׳האָב פריער באַשלאָסן ניט צו רעדן אויף דער פאַרזאַמלונג, האָב איך דאָך געפונען פאַר נויטיק צו פאַרענטפערן אונדזערע לאַנדסלייט און כאָטש טיילווייז אַרויסוואַרפן די שולד אויף די גרינדער פון רעליף, וואָס זענען, אמת, זער פיינע, גוטהאַרציקע מענטשן און האָבן די בעסטע כוונות, אָבער, ווייזט אויס, זער ווייניק דערפאַרונג אין אָרגאַניזיר-ארבעט. דערפאַר טאַקע איז דער רעליף ניט פּאָפּולער צווישן די בריטשאַנער לאַנדסלייט.

ער איז געבליבן א סוד צווישן די 6—7 גרינדער. דער קאָמיטעט איז פון קיינעם ניט דערוויילט געוואָרן, און ער איז ממילא ניט פאַרפליכטעט אָפּצוגעבן א דין-וחשבון פון זיין טעטיקייט און פון די געלטער וואָס ער האָט געזאַמלט. ער ארבעט אפילו אָן א שום געזעצלעכן סטאַטוס, וואָס זאָל געווינען דעם צוטרוי פון די בריטשאַנער לאַנדסלייט.

על-כן איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוווילן א צייטווייליקן קאָמיטעט, וואָס זאָל צוגרייטן ארבעטס-פּלענער און זאָל רופן א גרויסע פאַרזאַמלונג און גרינדן א געזעצלעכע, פון דער רעגירונג-באַשטעטיקטע, אָרגאַניזאַציע. און ערשט דאָ הויבט זיך אָן מיין אָנגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע.

דער כבוד אַלץ גרינדער פון רעליף קומט, הייסט עס, נישט מיר, נאָר די אַלע אויבנדערמאַנטע מענטשן. צום באַדויערן זענען שוין אייניקע פון זיי אויפן עולם-האמת — כבוד זייער אָנדענקען! — און נאָר די פריינד נעכע און פּסח שניידער זענען געבליבן צווישן אונדז.

מיר האָבן, לויט מיין פאָרשלאַג, באַקומען פון די עקזעסטירנדיקע דריי בריטשאַנער סאָסייעטעס א סך אדרעסן פון אונדזערע לאַנדסלייט און זיך מיט זיי פאַרבונדן שריפטלעך און דורך פּערזענלעכע באַגעגענישן. דורך הערי וואַרטן האָבן מיר אויסגעפונען אַן אַדוואָקאַט א לאַנדסמאַן, און ער האָט דורכגעפירט די געזעצלע-כע פונקציעס מיט קליינע הוצאות. אויך האָט ער אונדז אָנגעוויזן אויף סעם שרייבער, דער אייגנטימער פון א גרויסער דרוקעריי, אז ער איז אונדזערער א לאַנדסמאַן, און סעם שרייבער האָט אונדזער דרוק-ארבעט פאַר א יאָר געמאַכט גאַנץ אומזיסט.

ווען מיר האָבן באַקומען די באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג, האָבן מיר גערופן א גרויסע פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט מער פון צוויי הונדערט מענטשן און דער פאַרקויף פון אַרויפשטעלן דעם נאָמען אויפן טשאַר-

טער״ האָט אין א שעה-צייט ארייגעבראכט העכער אכט הונדערט דאָלאר. דאָס איז געווען די ערשטע סומע געלט, וואָס דער רעליף האָט געשאפן און דער אָנהויב פון ווייטערדיקער גרויסער טעטיקייט.


כאָטש מ׳האָט מיר פאָרגעשלאָגן דעם כבוד צו ווערן דער ערשטער געזעצלעך-אויסגעוויילטער פאָרזיצער פון רעליף, האָב איך געהאלטן, אז דער פאָרזיצער דארף זיין א פערזענלעכקייט, וואָס זאָל פארדינען אלעמענס צוטרוי און דערוועקן צו זיך יראת-הכבוד. לויט מיין פאָרשלאָג איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזידענט דאָקטאָר גאָלדשמיד, וואָס האָט אָנגענומען דעם אמט מיטן באדינג, אז די טאָג-טעגלעכע ארבעט זאָל איך טון. און ער וועט זיין פאָרזיצער פון די פארזאמלונגען. אונדזער ארבעט האָט זיך דערפאָלגרייך אנטוויקלט. אונדזערע לאנדסלייט האָבן זיך ווארעם אָפּגערופן און שוין אין ערשטן יאָר האָבן מיר איבערגעשיקט קיין בריטשאן מער פון פופצן הונדערט דאָלאר.

אין 1936 בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אלץ פאָרזיצער און האָב דעם אמט געהאלטן ביז 1942, ווען הערי ווארטען האָט אים איבער׳גענומען אויף א יאָר צייט.

די אלע יאָרן האָבן מיר פיל געטון פאר די בריטשאנער אינסטיטוציעס, ווי למשל: דער מושב-זקנים, ביקור חולים, יידישער שפיטאָל, מלביש-ערומים, תלמוד-תורה. איך וויל דאָ זיך ניט אָפּשטעלן אויף די שוועריקייט וואָס די פארשידענע קאָמיטעטן אין בריטשאן האָבן אונדז פארשאפן מיט זייערע מחלוקת׳ן און פאסקווילן, וואָס איין קאָמיטעט האָט געשריבן אויפן צווייטן — און מיר פון ניו-יאָרק האָבן זיי גערארפט אויסגלייכן...

וויל איך דאָ דערמאנען א אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך דערנאָך באוויזן אלץ גרויסער דערפאָלג און, דרך אגב, דערמאנען צו גוטן אונדזער לאנדסמאן ישראל קרעמער, עליו השלום, יקותיאל טאדרעסעס זון. ביי א צופעליקער, גאנץ געוויינלעכער, באגעגעניש מיט אים האָב איך אים געזאָגט אז מיר איז איינגעפאלן דער געדאנק צו עפענען א קאנטינע פאר די תלמוד-תורה קינדער אין בריטשאן, כדי זיי זאָלן באקומען כאָטש איינמאָל אין טאָג א ווארעמען נארהאפטן מאָלצייט. ישראל האָט אין אָנהויב געצווייפלט: ווו וועט מען קריגן די מיטלען דערצו? איך האָב אים דערקלערט, אז דערצו דארף מען אָרגאניזירן די פרויען אין בריטשאן, זיי זאָלן אויף זיך נעמען די ארבעט פון צוגרייטן און סערווירן די מאלצייטן, און מיר דאָ וועלן זאָרגן פאר די מיטלען. ישראל האָט דעמאָלט ענטוזיאסטיש אָנגענומען דעם פאָרשלאג, און מיר האָבן באשלאָסן דאָס פאָרצוברענגען צו דער קומענדיקער פאר-זאמלונג פון רעליף.

ביז צו דער פארזאמלונג בין איך געווען זער געשפאנט. כ׳האָב אלץ באטראכט פלענער, ווי צו קריגן געלט-מיטלען, און — ווער ווייסט — אפשר וועט די פארזאמלונג ניט אָננעמען דעם פלאן... און ווי גליקלעך בין איך געווען, ווען די פארזאמלונג האָט אים מיט התלהבות אָנגענומען, ווי איך האָב אים פאָרגעשלאָגן. אינגיכן האָבן מיר געקריגן פון בריטשאן די ידיעה, אז אזא קאָמיטעט איז דאָרט



מאנומענט פאר די בריטשאנער קדושים אויפין ניו־יארקער
בית־עולם

געגרינדעט געוואָרן. מיר זענען צוגעטרעטן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן, כדי צו דעקן דעם בודזשעט. איצט זעט עס אויס גאַנץ איינפאַך: יעדער וואָס וויל צאָלט איין אין אונדזער רעליף די קאָסטן פאר א טאָג שפּייז אין דער קאַנטינע (ארום צוואַנציק דאָלאר), און זיין נאָמען זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין דער קאַנטינע, אַז די הוצאות יענעם טאָג ווערן געדעקט פון אים.

ס'איז א פרייד געווען צו זען ווי וואַרעם און האַרציק אונדזערע לאַנדסלייט האָבן זיך אָפּגערופן און געשפּענדעט די קאָסטן פאר טעג און אפילו פאר גאַנצע וואָכן. איך האָב זיך געפילט דערהויבן און האָב שטאָלצירט צו זיין דער פאָרזיצער פון אזא אָרגאַניזאַציע.

און זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן לזכות עטליכע לאַנדסלייט, וואָס האָבן פיל מי און צייט געגעבן פאר דער דערפאָלגרייכער טעטיקייט פון רעליף אין אַלע זיינע

אונטערנעמונגען. זיי האָבן פיל מיטגעארבעט ביים פארבערייטן די יערליכע זשור-נאלן, געקריגן אנאָנסן און באגריסונגען; זיי האָבן פארקויפט בילעטן צו די פון אונדז איינגעאָרדנטע בעלער און באנקעטן, און זיי האָבן געבראכט די לאנדסלייט צו אונדזערע פארזאמלונגען און בכלל מיטגעהאָלפן צו פארגרעסערן די הכנסות פון אלע אונטערנעמונגען פון רעליף.

ואלה שמות: הרב משה ראָזנבלאט ע״ה, אברהם באראג ע״ה, אברהם גאָלדגעל ע״ה, לואי ליבמאן ע״ה, יעקב ראָזנבלאט ע״ה, ישראל קרעמער ע״ה, ישעיה נודלמאן ע״ה, פיליפ בעסט ע״ה, אברהם רויטמאן, דוד און דינה פלאמנבוים ע״ה, מאקס שיין ע״ה, פעני סקאלניק ע״ה, און — זיי צו לאנגע יאָר! — שמואל שרייבער, פסח און נעכע שניידער, בערטא און חיים מילמאן, שלמה לערנער, ראָז ראָזנבלאט, ואחרון אחרון חביב — אונדזער סעקרעטאר פנחס ספיוואק. (אויב איך האָב על-פי-טעות עמיצן ס׳איז פארגעסן, בעט איך סליחה ומחילה).

אדי אלע האָבן זער א סך אליין געטון און אנדערע דערצו באוועגט לטובת אלע אונדזערע אונטערנעמונגען.

ווען די וועלט-מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין אייראָפּע האָבן מיר אונדזער אָרגאניזאציע ניט אויפגעגעבן, און געוואַרט אויפן שלום... און ווען די וואָלקנס פון קריג זענען אוועק, און די זון פון שלום האָט א שיין געטון, האָבן מיר ערשט דערזען ווי גרויס איז דער בראָך וואָס האָט אונדז געטראָפן.

פון בריטשאן האָבן מיר געקריגן עטלעכע קורצע, טרוקענע בריוולעך. מיר האָבן געשיקט פאקעטן מיט קליידונג און עסנווארג, האָבן מיר אויף זיי — אָדער גאָר קיין ענטפער ניט באקומען, אָדער, אין בעסטן פאל, א פּאָר געציילטע שורות מיט א דאנק פארן באקומענעם פעקל, און דאָס איז אלץ... מיר האָבן זיך, זעלבסט-פארשטענדלעך, אינטערעסירט וואָס איז מיט אונדזער שטעטל בריטשאן, ווער איז לעבן געבליבן און ווער איז, חלילה, אומגעקומען — די אלע ברענענדיקע פראגעס זענען געבליבן הענגען אין דער לופט, און עד היום האָבן מיר קיין ענטפער אויף זיי ניט באקומען.

און אָט האָבן מיר געקריגן א בריוו פון רומעניע, געשריבן פון משה זילבער, אין וועלכן ער לאָזט אונדז וויסן, אז א סך בריטשאנער געפינען זיך אין רומעניע; ער האָט צוגעלעגט א רשימה פון א פּאָר צענדליק נעמען.

האָבן מיר, פארשטייט זיך, גלייך ארויסגעשיקט פעקלעך שפּייז און קליידונג און אים באאויפטראגט צונויפרופן אלע בריטשאנער און גרינדן א קאָמיטעט, וואָס זאָל זיין אין שטענדיקער פארבינדונג מיט אונדז. — מיר וועלן דעם קאָמיטעט ארויסשיקן פעקלעך, און ער וועט זיי צעטיילן די נויט-באדערפיקע. די מענטשן אויפן אָרט קענען וויסן מער פון אונדז ווער עס נויטיקט זיך. מיר האָבן אויך געבעטן צו באקומען א פולע רשימה פון די בריטשאנער, וואָס געפינען זיך אין רומעניע.

משה זילבער מיטן קאָמיטעט האָבן זייער אויפגאבע דורכגעפירט אויפן בעסטן אופן. זיי האָבן צוגעשיקט א ליסטע פון הונדערטער נעמען, פאר וועלכע מיר האָבן ארויסגעשיקט גאנצע טראנספּאָרטן מיט שפּייז-פּראָדוקטן און הלבשה.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן די גרויסע, שווערע, זאַרגזאַמע און אויסדויערלעכע אַר-בעט, וואָס משה זילבער ע״ה, האָט געלייסטעט דורכצופירן די הייליקע מיסיע און זיין אומגעהויער גרויסע איבערגעגעבנקייט צו איר (ניט ווייניק שטיינער האָט ער געקריגן אלץ „דאנקבארקייט״...).

אונדזערע הכנסות האָבן געוואַקסן און צוזאַמען מיט זיי — אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן זיך, אָבער, פאַרמאָסטן אויף נאָך גרעסערע אויפגאַבן.

נאָך א דערפאָלגרייכן באנקעט וואָס מיר האָבן דורכגעפירט לכבוד אונדזער לאַנדסמאַן אייזיק מאַלעסטער מיט א ספּעציעלן זשורנאַל און וואָס האָט אריינגע-בראַכט א ריוח פון העכער פינף טויזנט דאָלאַר, האָבן מיר, דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון רעליף, זיך פאַרזאַמלט אויף צו באַשליסן וואָס ווייטער צו טון. די זיצונג איז פאַרגעקומען אין ביוראָ פון הערי וואַרטען ע״ה (וואַרטיקאָווסקי), וועלכער האָט באַוויליקט איבערצונעמען דעם פאַרזיץ פון דער אָרגאַניזאַציע אויף איין יאָר. כ׳האָב דאָרט איבערדערציילט וואָס כ׳האָב מיט אפּאָר טעג פריער געהערט פון מיינעם א פריינד, אַז זייערע לאַנדסלייט גייען אויפשטעלן א מאָנומענט אויף זייער לאַנדס-מאַנשאַפט-בית-עולם פאַר די קדושים פון זייער שטעטל. דערביי האָב איך צוגע-געבן אויך אַז מיר וואָלטן באַדאַרפט אויפשטעלן א מאָנומענט פאַר אונדזערע קדושים.

ווי געוויינלעך, ווען מען ברענגט אויף א נייע אידיי, זענען פאַראַן פיל צווייפלער און סתם איפכא מסתבראַניקעס. הערי וואַרטען, אָבער, איז אָנגעצונדן געוואָרן פון דער אידיי און זיך אריינגעוואָרפן מיט ברען און מיט אימפּעט צו אגיטירן פאַר איר.

מיר האָבן פיל מי געגעבן כדי איבערצייגן די קעגנער, אַז דער מאָנומענט קומט ניט אַנשטאָט דער מאַטעריעלער הילף פאַר אונדזערע לאַנדסלייט. אַז דאָס געלט, וואָס איז געזאַמלט אויף שטיצע, וועט ניט אויסגענוצט ווערן פאַרן מאָנומענט. אומגעקערט: מיר גלויבן אַז חוץ דעם הויפּט-ציל פון אויפשטעלן א דענקמאָל אונדזערע קדושים און פאַראייביקן זייער נאָמען, וועט ער נאָך דינען א מקור פון הילף פאַר אונדזערע לאַנדסלייט. ווען אונדז איז געלונגען צו איבערצייגן אונדזערע מיטגלידער, איז אויפגעשווומען די פראַגע: וווּ וועט מען שטעלן דעם מאָנומענט?

ביי אונדז אין ניו-יאָרק זענען פאַרהאַן גאַנצע דריי בריטשאַנער „סאָסייע-טיס״: 1) „ערשטע בריטשאַנער סאָסייעטי״, 2) „אינדעפּענדענט בר טשאַנער בענע-וואָלענט סאָסייעטי״ און 3) „בריטשאַנער פּרויען-סאָסייעטי״. די גרעסטע פון די דריי איז די „אינדעפּענדענט״, וואָס ציילט מער מיטגלידער ווי די ביידע אַנדערע. איז אָבער, מעשה-שטן, גראַד דעמאָלט געווען נייע וואַלן פאַר באַאַמטע אין סאָסייעטי, און די אָנהענגער פון אונדזער רעליף, וואָס זענען דאָרט מיטגלידער, זענען דורכגע-פאַלן. ס׳איז, אַזוי אַרום, געווען א גרונט צו מיינען, אַז זיי וועלן ניט באַוויליקן צו געבן אונדז א פּלאַץ פאַרן מאָנומענט אויף זייער בית-עולם. איך האָב אָבער אַנדערש אָפּגעשאַצט אונדזערע לאַנדסלייט און געגלויבט אַז מיר וועלן דאָס פּלאַץ באַקומען. אוןווירקלעך, ווען כ׳בין צו זיי געקומען — ניט זייענדיק זייערער

א מיטגליד — און זיי אופגעפאדערט אפצוגעבן אונדז א פלאץ פארן מאנומענט פאר די קדושים צווישן וועלכע עס זענען אויך זייערע טאטעס, מאמעס, ברידער און שוועסטער, האָבן זיי גלייך באשלאָסן אונדז איבערגעבן צו דעם צוועק וואָס פאר פלאץ מיר וועלן אויסקלייבן אויף זייער בית-עולם.

איצט האָט די ארבעט זיך אָנגעהויבן אויף גאַר א ברייטן פארנעם. און ווידער דארף מען דאָ פארצייכענען, אז הערי ווארטען ע״ה האָט זיך איבערגעגעבן צו דער ארבעט מיט לייב און לעבן; ער האָט פארנאכלעסיקט זיינע אייגענע געשעפטן און ניט גערוט גאנצע טעג צוליבן דערפאָלג פון פראָיעקט.

דעם 19-טן סעפטעמבער 1947, אין דער אָנוועזנהייט פון א פאַר הונדערט לאנדסלייט, איז פאָרגעקומען די אָפיציעלע איינדרוקספולע אויפדעקונג פונעם מאנומענט. פון דעמאלט אן האבן מיר עטלעכע יאר כסדר אראנזשירט אן ארויס-פאָר צום מאָנומענט (ארום אלול צייט). צום באדויערן זענען די לעצטע יאָרן — צוליב פיל טעמים — ניט מער פאָרגעקומען קיין אָרגאניזירטע ארויספאָרן.

דער מאָנומענט איז 17 פוס הויך און איז מאיעסטעטיש שיין, און פארשטיי-ער פון א ריי גרויסע אָרגאניזאציעס זענען געקומען באטראכטן אים מיט קנאה. ער האָט אָפּגעקאָסט 5.054 דאָלאר און האָט איינגעבראכט דורך אָפּצאָל פאר אויפשרייבן די נעמען פון אייגענע — אפשר די איינציקע מצבה וואָס איז פאר-בליבן — 10,029 דאלאר. אזוי אז ס׳איז נאך געבליבן א ריוח פון קנאפע פינעף טויזנט דאָלאר.

כ׳מיין אז דאָס איז דער גרעסטער און שענסטער אויפטו פון אונדזער אָרגאניזאציע. דער מאָנומענט וועט דינען ניט נאַר ווי א דענקמאָל פאר אונדזערע קדושים, נאָר אויך — א זכר פון דער רומפולער ארבעט פון אונדזער בריטשאנער רעליף.

אין די וויטערדיקע דריי יאָר האָבן מיר מער קיין גרעסערע אונטערנעמונגען ניט געקענט דורכפירן. ערשט אין 1950 האָבן מיר ארויסגעגעבן א זשורנאל (דער לעצטער) און איינגעאָרדנט א באנקעט לכבוד אונדזער טעטיקן מיטגליד מאקס פורמאן, וואָס האָט אונדז איינגעבראכט 4000 דאָלאר, דאָס איז געווען איינע פון די לעצטע אונטערנעמונגען.

צום באדויערן איז אונדזער ארבעט אין די לעצטע יאָרן א סך אָפּגעשוואכט געוואָרן. א סך פון די עלטערע לאנדסלייט זענען שוין מער נישטאָ מיט אונדז. די איבעריקע זענען עלטער און שוואכער געוואָרן און דער יונגער דור — נו, זיי זענען דאָך שוין ניט קיין בריטשאנער... וואָס זאָגט פאר זיי דער נאָמען „בריטשאן ?״ וואָס פילן זיי צום שטעטל ?...


און ווען אונדזער ערן-מיטגליד שרייבער האט זיך אומגעקערט פון א באזוך אין ישראל און אונדז פאָרגעשלאָגן צו גרינדן דאָרט א גמילות-חסדים קאסע פאר אונדזערע לאנדסלייט, האָבן מיר מיט באגייסטערונג דעם פאָרשלאג אָנגענומען און— זאָל אויך די קאסע דינען א דענקמאָל דעם בריטשאנער רעליף.

יוסף קעסלער (קעסטעלמאן)


לאנדסלייט אין בראזיל



שלמה סערעברעניק, ריאו



שאול גיוועלדער, ריאו



אבא וויינער, סאן־פאולו



יעקב בערנשטיין, סאן פאולו

בריטשאנער אין בראזיל

אין בראזיל זענען אונדזערע בריטשאנער ניט אָרגאניזירט אין א באזונדער רעליף אדער סעציעלע קערפּערשאפט; זיי זענען אבער זער גוט פארטראטן אינם אלגעמיינעם בעסאראבער פאריין, ווי זיי באווייזן א זער אָנגעזעענע טעטיקייט. פיל פון זיי זענען אויך זער טעטיק כמעט אויף אלע געביטן פון דער אלגעמיין-יידישער געזעלשאפטליכקייט אין בראזיל און אין דער ציוניסטישער און פראָ-ישראל ארבעט.

ה׳ שאול גיוועלדער — פון די טיכטיקע ארבעטער אויפן ציוניסטישן געביט אין ריאָ, ער קאָנצענטרירט דארט אלע ארבעטן פאר ישראל און פאר איר ארבעטער באוועגונג.

ה׳ שלמה סערעברעניק — אָנגעזעענער אינזשינער אין ריאָ. זיינע זכרונות פון אונדזער שטעטל ווי אויך די זער געלונגענע מאפּע פון בריטשאן, ווערן פארעפנטלעכט אין דעם בוך.

ה׳ ניסן (נעלסאָן) וויינער — א באגאבטער זשורנאליסט און שרייבער אין דער בראזיליאנער יידישער פרעסע. עטוואָס פון זיינע זכרונות האט ער צוגעשיקט פאר דעם בוך.

ה׳ יעקב בערנשטיין — פארנעמט א אָנגעזען פלאץ אין בעסאראבער פארבאנד אין סאן-פאולא און איז זיין פרעזידענט.

ה׳ אבא וויינער — זער טעטיק אין סאן פאולער בעסעראבער פארבאנד אלס געהילף-פרעזידענט.



נעלסאָן־ניסן וויינער, ריאָ־דע־זשאניירא



יהושע רעדענסקי

האט פיעל מיטגעהאלפן דער ארבעט אין ישראל פון אונזער ארגון. יעצט אין נארד־אמעריקא

פריינד און מיטהעלפער פון ווענעצואלא, ה׳ הרשל (צבי) קליינערמאן און פרוי.





א ביסל פאלקלאר

ניט נאָר פּריוואטע מענטשן, נאָר אויך גאנצע שטעט, האָבן זוכה געווען באַקרוינט צו ווערן מיט א צונאָמען, און אזוי פלעג מען ביי אונדז זאָגן:

„בריטשאנער גנבים, ליפּקאנער דוראַקעס (נאַראָנים), יעדינעצער פּעלצן, כאָטינער מוסרים, סעקוריאנער מיוחסים און נאָוואָסעליצער פּרעסערס".

✶

„בריטשאנער האָבן לאַנגע הענט" — א פאָלקס-וואָרט.

✶

„אתם נצבים — בריטשאנער גנבים" — א קינדער-גראַם.

✶

אַז מ'האָט ביי יעקב בערשטיין אין אַן אויפדערנאַכט אַרויסגעגנבעט אַלע קאַלאָשן פון די שטוביקע און פון די געסט, וואָס זענען דעמאָלט געווען ביי אים, האָט ער אויפצומאָרגנס זיך נאָכגעפרעגט אויף דער גנבה ביי יענקל ח. פּ. (א באַקאַנטער אָנפירער פון חברה גנבים).

— „ר' יענקל, ענטפערט אים יענער א באַליידיקטער, איר האַלט מיך עס עפּעס פאַר א קאַלאָשן-גנב?"

— „כ'ווייס, זאָגט אים יענקל בערשטיין, אפשר האָסטו געשיקט א לער-יינגעל"...

(דערציילט פון ש. חורש)

✶

א. ג. איז געווען א שטאָם-בורר און האָט געהאַט ניין מאָס רייד. ער פלעג פאַרקניפּן א וואָרט אין א וואָרט און א מעשה אין א מעשה און מ'האָט קיינמאָל ניט געוווסט ווען און מיט וואָס ער וועט ענדיקן.

איינמאָל איז ער אָפּגעזעסן א היפּשע פּאָר שעה ביים ראַבינער באַרשטשעווס-קי און, ווי זיין שטייגער איז, גערעדט... ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, זאָגט באַרשטשעווסקי צו די אַרומיקע:

— „כ'ווייס ניט מיט וואָס כ'האָב זוכה געווען צו זיין ראַבינער אין א עיר-ואם בישראל ווי בריטשאַן. אין אמתן, ווייזט זיך אַרויס אַז איך בין א גרויס פערד... ס'טייטש, עס זיצט א מענטש און רעדט צו מיר דריי שעה נאָכאַנאַנד, און איך פאַרשטיי ניט קיין וואָרט...

✶

משה ק. איז געווען א באַקאַנטער נודניק. איינמאָל אויפדערנאַכט איז ער אַריינגעקומען צו שלמה ווייסבערג. ער זיצט אָפּ א שעה און צוויי און טראַכט

גאָרניט פון אוועקגיין. די שטוביקע זענען אלע געגאנגען שלאָפן; שלמה זיצט און געניצט, און משה זיצט...

— הערט איר, משה, אייך בין איך איצט רעכט מקנא: איר זענט איצט א פרייער מענטש; ווילט איר — זיצט איר; ווילט איר — קענט איר גיין. איך, אָבער, בין א געבונדענער — איך מוז זיצן...

✶

יעקב בערשטיין איז געווען א פארוואלטונג-מיטגליד פון דער באנק „געמיינ-זאנמער קרעדיט". אויף די זיצונגען, ווו מ'האָט באשטעטיקט הלוואות, פלעגט ער אמאָל אונטערדרימלען, אָדער — ווי מ'האָט געזאָגט — זיך מאכן דרימלענדיק... איינמאָל, ווען מ'האָט געמוזט הערן זיין מיינונג, האָט מען אים אויפגעוועקט.

— „ר' יענקל, ווי מיינט איר, מען מעג געבן ראובנען טויזנט רובל קרעדיט?"

ר' יענקל שטעלט אויף א פּאָר אויגן:

— „ראובנען?... טויזנט רובל?... גיט אים, גיט אים, ער וועט נעמען — ער וועט נעמען!...."

✶

משה לערנער (קוצענקיס) איז כל ימיו געווען א ייד אן אָרעמאן, אָבער א גרויסער וויצלער. איינמאָל אין א יום-טוב קומט משה אין דער אלטער קלויז, ווו ער האָט שטענדיק געדאוונט, אָנגעטון אין א ניי היטל. גייט ער אום פון איינעם צום צווייטן און פרעגט: ווי געפעלט דיר עפּעס מיין היטל?... וואָס זאָגסטו עפּעס אויף מיין היטל? —

— „ר' משה, פרעגט מען אים, וואָס דאַרפט איר וויסן צי אונדז געפעלט ס'היטל? אייך דאַרף עס געפעלן".

— „חלילה, ענטפערט משה, דאָס היטל האָב איך געקויפט צוליב אייך. איך האָב געקענט טראָגן דאָס אלטע היטל; מיין יידענע, אָבער, טענה'ט, אז ס'איז ניט שיין פאר לייט"...

✶

אז קוזיצקי דער אוריאדניק איז ארויס אין גאס און זיך גענומען מאכן „אקטן" פאר ניט ריינהאלטן ביי די הייזער, האָבן אלע געוווּסט אז ער מיינט — ווי ער אליין פלעג זאָגן — „פּרנסה". דאָך האָט יעדער געכאַפּט דעם בעזעם און זיך גענומען קערן פאר דער שטוב. ס'האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן... אין איינעם אזא טאָג איז משה לערנער אויך געשטאַנען מיטן בעזעם און פלייסיק געארבעט. קוזיצקין גייט עס נישט אָן. ער נעמט ארויס א פּאַפּיר און הייבט אָן שרייבן.

— „ווי רופט מען דיך" — פרעגט ער משה'ן מיט גרויס רוגזה.

— „פאלטיניק" (א האלב רובל) — ענפערט משה מיט א שמייכל.

י. עמיצור (שטיינהויז)

אפגעקויפט פרעמדע עבירות

די דאַזיקע טרויעריקע געשיכטע האָט פּאסירט אין דעם יאָר 1883 אין מיין געבורט-שטעטל בריטשאַן. די צוויי טרויעריקע העלדן פון דער געשיכטע האָבן צופעליק ביידע געהייסן איציק. דער פארקויפער פון די עבירות איז געווען איציק חיים-הערש-לייבס, אַדער איציק פון דער פּאָטשט. זינט כ'האָב אים געקענט, האָט ער קיינמאָל זיין האנט אין קאלט וואסער נישט ארייַנגעטון, כסדר ארומגעגאנגען אן אָנגעגעסענער, אן אָנגעטרונקענער מיט א געזונטן קאצאפּישן פּנים און פלעג טיילן געלט די ליוועראנטן (וואָס האנדלען מיט פערד), און ס'איז אים שטענדיק געווען גוט ווי די וועלט. פון עולם הבא האָט ער קיינמאָל נישט געטראכט.

ווען איציק חיים הערש לייבס איז געקומען אין די טיפע זעכציקער, האָט ער אָנגעהויבן טראכטן: עס וועט דאָך פּאָרט ווען עס איז קומען דער טאָג און ער וועט דארפן אַפּגעבן דין וחשבון; קיין מצוות האָט ער ניט, און עבירות האָט ער אויפן פּוד... בכן, דארף ער זוכן א וועג וויאזוי זיך אָפּצופּטרן פון זיי. איז ווי זאָגט מען, אז מע' זוכט געפינט מען, און ער האָט טאקע געפונען. און איצט הייבט זיך אָן די טרויעריקע געשיכטע:

געווען איז עס שבעה-עשר בתמוז, ווען איציק חיים-הערש-לייבס האָט זיך דערוווסט, אז איציק משה-פרויקיס נייטיקט זיך אין געלט, האָט אים דער ערשטער איציק פאָרגעזליייגט ווי אזוי ער, איציק משה-פרויקיס, קאָן זיך שאפן א פּאָר הונדערט רובל זייער גרינג.

ביידע איציקס זענען געווען גאָר פּראָסטע מענטשן.

זאָגט איציק חיים הערש-לייבס צו איציק משה-פרויקיס:

— איך גיב דיר, איציק, צוויי הונדערט רובל, בתנאי דו זאָלסט ביי מיר אָפּקויפן מיינע עבירות.

איציק משה-פרויקיס איז געבליבן שטיין א ווײַלע, טוט א קלער און ענפערט:

— יאָ, גוטער ברודער איציק, איך קויף זיי.

— אָבער — דינגט זיך איציק חיים-הערש-לייבס — דו זאָלסט מיר אונטערשרייבן.

— יאָ — זאָגט איציק דער קויפער — כ'וועל דיר געבן כתוב וחתום.

די פיר גוטע ברידער זייערע, וועלכער זענען אויך געווען דערביי, זענען מבולבל געוואָרן פון דעם טשיקאַווען מסחר. דערווייל זענען זיי אלע געגאנגען צו ברײַנע יאָסל-בויד'ס (א באלעבאטישער שענק) עפּעס עסן און טרינקען. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען צו ר' איציקל דעם רב.

ר' איזייקל דער רב האָט אזש א ציטער געטון פונעם משא-ומתן, און ער האָט זיי ביידע געוואָרנט נישט צו טון אזא זאך. ביידע איציקס האָבן זיך אָבער אויסגעלאכט.

ר' איצקל דער רב האָט געבראכט טינט און פּען און האָט אָנגעשריבן א שטר מכירה מיט אלע פּרטים. איציק משה-פרויקיס, וואָס האָט אָפּגעקויפט דעם

„סטאָק" עבירות, האָט זיך אונטערגעשריבן. די פיר גוטע ברידער האָבן זיך געחתמעט א״ס עדות און איציק חיים-הערש-לייבס האָט אויסגעצאָלט די צוויי הונדערט רובל במזומן.

ווען די טרויעריקע געשיכטע איז באקאנט געוואָרן איבערן שטעטל, האָט גאנץ בריטשאן, געקאָכט ווי אין א קעסל. סטייטש, ווי קומט עס, האָט מען געטענהט, אז א ייד זאָל אָפּקויפן פרעמדע עבירות! און פון אלע זייטן איז מען צוגעשטאנען צו איציק דעם קויפער:

— סטייטש, איציק, דו זאָלסט טון אזא זאך, אָפּקויפן פרעמדע עבירות? ווינציק האָסטו דיינע אייגענע עבירות?

איציק האָט זיך דעם ענין גענומען צום הארצן, און איז קראנק געוואָרן און ר״ח אלול איז ער שוין געשטאנען פארן בית-דין-של-מעלה...

וועלוועל קיזשענער (דוד יאסל׳ס)

ח.

בני עירנו שנפלו
במלחמת הקוממיות

מאיר גלמן ז״ל



מאיר גלמן נולד בבריצ׳אני בשנת תרפ״ד.

משפחתו התגאתה בו, כי היה תלמיד טוב וגמר את בתי-הספר בהצטיינות. אך להמשיך בלימודיו לא ניתן לו, כי באו ימי הגירוש — ומאיר נשלח יחד עם אחיו הגדול לניקולאייב. כאן עבדו יחד עם אלפי יהודים אחרים בבניית גשר על הבוג. כשאחיו נפצע ושותק, התחבר מאיר עם עוד שלשה נערים בני גילו, שהחליטו לברוח מהמחנה. אחרי נדודים בדרכם רבת התלאות והסבל נהרג אחד החברים, אך מאיר וחבריו הגיעו לבסוף לרומניה.


גלגולים רבים עברו עליהם בעבודות-כפיה אצל הרומנים, — ועם גמר המלחמה במכרות הפחם של הדונבאס. משניתנה האפשרות לכמה מאות מיתומי טראנסניסטריה לעלות לארץ, הצטרפו אליהם גם מאיר ושני חבריו, ובדצמבר 1944 הגיעו ארצה.

את הכשרתו קיבל מאיר בכפר־יהושע ועד מהרה הרגיש שם את עצמו כמו בביתו. גם כשעבר עם גרעין ההכשרה למושב בית־אשל התגעגע על כפר־יהושע וחזר שמה.

בראשית מלחמת השחרור היה מאיר בין הראשונים, שיצא עם בני הכפר להגן על העמק, ובקרב עם כנופיותיו של קאוקג׳י נפל חלל ביום כ״ט בניסן תש״ח (6. 5. 1948).

א. פיינברג
(כפר יהושע)

יאשה (יעקב משה) גנסין ז"ל



יאשה גנסין נולד בבריצ'אני, ובעודו רך בשנים יצא עם הוריו לצ'ילי ושם גדל.

הוריו, דבורה ז"ל ויהושע היו בביתם הישן מנאמני „צעירי-ציון", גם במקומם החדש המשיכו בפעילותם הציונית. יאשה התחנך, איפוא, משחר ילדותו באווירה ציונית. זמן רב היה בוחן דרכו ולא נצטרף לשום תנועת נוער. ולבסוף נכנס לשורות „השומר-הצעיר". ומשעשה זאת, הפסיק לימודיו באוניברסיטה — בעוד לו שנה אחת בלבד לסיומם ולקבלת דיפלומה של מהנדס כימאי — ויצא להכשרה לחווה „לה־גרנכה" שעל־יד סנטיאגו. שם התבלט מייד בנאמנותו לחברה ובמסירותו לעבודה.

בימים הסוערים ביותר בארץ, כשנה לפני קום המדינה, החליט יאשה — יחד עם קבוצת חבריו — עלות לארץ. הוריו — כרבים אחרים — הפצירו בו שידחה את עלייתו ויחכה עד יעבור זעם... הנה, אמרו, תקום המדינה וכולנו נעלה"... אך הוא עמד על דעתו, שדווקא עתה צריך כל צעיר לעלות ולעמוד לימין הלוחמים.

אחרי גלגולים רבים הגיע יאשה באניית מעפילים ונכנס לקיבוץ נגבה. גם כאן נתבלט מייד בכשרונותיו ובמסירותו אין קץ ועד מהרה תפס מקום בשורות המגינים על הקיבוץ, לאחר שעבר קורס חבלנים. יום אחד, אחרי שביתת הנשק, יצא לבדוק את המקומות הממוקשים, דרך על מוקש ונפצע קשה. הוא הועבר

לגדרה. נותח שם ואחרי שעות אחדות הוציא את נשמתו. לפני מותו ביקש מחבריו שלא יודיעו להוריו על המקרה — הוא יכתוב להם בעצמו...

אביו יהושע עלה לארץ עם קום המדינה. אך אמו דבורה לא זכתה לכך. עם התקבל הידיעה על נפלו של יאשה מתה מהתקפת־לב.

בכ״ט תמוז תש״ח הובא יאשה למנוחות בקיבוץ נגבה.

(מתוך: ,,מונדו חודיו״, צ׳ילי, ,,ד/ס אידישע וו/רט״, צ׳ילי. חוברת משק נגבה לזכר מגניה).

טפרמן חנן ז״ל



חנן בן יעקב ומלכה טפרמן נולד בבריצ׳אני בשנת 1930.

עם מגורשי עירנו הוגלה יחד עם אמו ואחותו לטראנסניסטריה, לאחר שאביו ואחיו הבכור נורו ע״י הנאצים.

בשנת 1943 הוחזר לרומניה בקבוצת נערים יתומים ומכאן הגיע ארצה, כשהוא בגיל 12½; עד למלחמת השחרור שהה במוסד ילדים, בו למד ועבד; עם פרוץ המאורעות התגייס לצה״ל כמתנדב, אך היה בין ראשוני הנופלים במלחמת הקוממיות שלנו.

הניח אם חולה ואחות בביסראביה.

רייכמן שרה

ט.

נר זכרון
להנצחת המשפחות



אולחובצקי שמואל

בן שמחה וחנה, נולד בשנת 1887 ביאנאוצי. גורש לטראנסדיניסטריה. נפטר ו׳ אדר א׳ תשי״ד (1954) בקרית טבעון.

אברהם ומאסיה ביינישיס

נפטרו בטראנסדניסטריה ונקברו בקבר אחים שם.
תהיה זו מצבה לזכר הורי.

דבורה ביינישיס-פישר (בנימינה)



סוניה בעזנאסי

געבוירן 1914, די טאכטער פון דוד און רבקה, געשטארבען בעת׳ן צוטיילן מעדי־צינישע הילף פאר די רויטע ארמייער — 1.5.1942 אין קאזאן (רוסלאנד).



בעזנאסי דוד

נולד 1889 נפטר ז׳ סיון תשכ״ג
בקרית ישראל

משפחת זאב ברב שמואל בידרמן

זאב בידרמן מת בעודו בבריצ׳אני. עץ רב פארות ועפאים. אשתו חיה־דבורה בת משה מעסטער — מתה מטיפוס.

מצד שמאל, ליד הסבתא — נכדם דב בן פייטל סטעלמאכער — נהרג ע״י״ הרומנים בבריצ׳אני. הבת רחל — מתה עוד לפני השואה. מצד שמאל הבת מאסיה סטעלמאכער (צ׳רנוביץ). הנכד דוד, בנה של מאסיה חי בבאר (רוסיה).



ואלה בני משפחתו שנספו בשואה:

יוסף בן זאב בידרמן — נורה בגירוש ליד סקוריאני.
הגיס שמואל פיירמן, נהרג ביער קוריסטואוצי.
שרה בת שמואל גאלפרין — נהרגה בסיקוריאני.
בתי סאסיע בת לייב פורמן נספתה בברשד בגיל 14.
בתי העניה בת לייב פורמן נספתה בברשד בגיל 17.
אמי מרים בת ר׳ שאול, אשת שלמה פורמן, נהרגה בקאמניץ (בגיל 60).
אחי שאול בר׳ שלמה פורמן, נהרג גם הוא בקאמניץ (בגיל 30).
אחי בצלאל — נספה ביער קוריסטואוצי (בגיל 26) יחד עם אחותי רחל אשת שמואל פייארמן, ואחותי חנה פורמן — מתה ממחלה.

המתאבל מרה
אברהם פורמן ומשפחתו

מנוסיה גרויסמן




בת יעקב וחנה מתחנת דרוקיה. נולדה — 1919; נפטרה בדרך למוהילוב, בשנת 1941.



ד"ר זאב (ווני) גרופנמכר
נפטר בקופיגורוד בגיל 40

מקובל כרופא עממי והגיש עזרה רפואית חינם לאנשי עירו בגידוש טרנסניסטריה.



משולם — זוסיא (זיזי) וייסברג

„את חיי לא אמסור בלא מחיר" — מימרה היתה שגורה בפיו בימי הסבל והנדודים בדרכי אוקראינה. וכשפשטה השמועה שבדרך חזרה ממוהילב לאטאקי יטביעו הגרמנים את כולנו בדניסטר, תיכנן לגרור אחריו את „דוחפו".

בן 22 היה במותו, אך זקן ורגיל בעבודת „התנועה" שלו („השומר הצעיר") והציונות, שמאז עמדו על דעתו הקדיש להן את כל מרצו בשנות חייו המועטות. היה מועמד לעליה בשנת 1940, אך צרכי התנועה עיכבו את עלייתו, ובינתיים נתחלף המשטר, והסובייטים נכנסו לביסראביה. גם אז לא נפסקה פעילותו הציונית, הפעם במחתרת, עד שעלה הכורת...

כשגורשו הפליטים מקופייגורוד, לא רצה להשלים עם חיים של ציפיה, למות מרעב או במחלה, והחליט להימלט למקום אחר. „יעלה נא בידי — אמר לנו — להגיע למקום יותר בטוח, ואתאמץ להציל גם אתכם מגיא צלמות זה". אכן, עלה בידו לברוח לקו־ילביץ, ושם נספה יחד עם כל תושבי העיירה בעת השחיטה הכללית. עדי ראייה מהשרידים המעטים סיפרו, שהוא נזרק לקבר אחים, אך קפץ משם והתחיל לברוח. כדור שנשלח אחריו פגע בו, והוא נפצע ברגלו. אז סחבוהו והשליכוהו לבור שנקבר בו חיים.

בכה תבכה נפשי על האי שופרא דבלי בארעא.

האב השכול

ווייסברג פרומה

בר׳ יוסף לייב שילר
נולדה כ״ב תמוז תרנ״ו
נפטרה י״א אדר תשכ״ג בתל־אביב



דוד און איידל חאסעליאוו





אומגעקומען אויפן וועג קיין טראנסדניסטר׳יע; אויך זייערע 3 טעכטער — כ׳אלע, קאקע, ריזוע, מיט די מענער און קינדער, זענען אומגעקומען אין די לאגערן, ווערען באוויינט פונעם זון מיליע און טאכטער פאליע (ריאו — בראזיל).

פוליה טראכטנבוים

אשת יצחק (בן נפתלי־צבי ורייזה)
ובתם גולדה.



לזכרון

פוליה בת יוסף וגולדה פיינברג, נולדה ב־1898 ומתה בדובינה (טראנסיל־סטריה) כ״ח שבט תש״ב (15.2.1942).
גולדה׳לה — נולדה 20.2.37 ומתה כ״ט כסלו תש״א (19.11.1941) בדובינה.


בני המשפחה — טראכטנברויט אב־רהם, חייקה, מלכה עם ילד בשם צבי (בגיל־4), נספו במחנה גוזדיובקה, תשרי תש״ב (1941).

משה (משקה) טראכטנברויט ורעיתו רחל

(בת אלתר ורייזה הוכמן מליפקאני).
נפטרו בטאשקנט (רוסיה).



גיטל אשת יחיאל טשערקס



בת־לוויה נאמנה של אבא ז״ל. במיטב רצונה הלכה בדרכיו, סייעה לו בפעולותיו הציבורית והציונית. את כוס התרעלה שתתה עם המגורשים מבריצ׳אני. בגאוותה העצמית והמיוחדת לה, בחזותה את העומד לבא, הפרה את מזימת הנוגש להתל גם בגורלה ובנפשה; בדעה צלולה צללה במי־הנהר האדירים בדרך היסורים ומנעה מגופה ונשמתה סבל בל ישוער.

לא תמוש מזכרוננו לעד!

בניה:

מיכאל, שלום, שרה והמשפחות

דוד וחיה לרנר ובנם משה

דוד לרנר בן 65 ואשתו חיה בת 61 נספו ביער סקוראני, בדרך לטרנסדניסטריה—1941; בנם משה בן 20 נספה אף הוא וקברו לא נודע היכן הוא.



ליבמן ניוניה

ילידת בריצ׳אני (14.11.1919) בת שמואל ופא״ה, מתה בקיבוץ שמיר לאחר לידה, ז׳ תשרי תשט״ז.



ליבמאן שמואל (קריינים)

נפטר — 1929





מאניה מילמן
יוסף שטילוואסער

געשטארבן פון הונגער אין טשיטשעלניק
(טראנסדניסטריע) — 1941.

משפחת מייקלר

הנני מעלה את זכרם של בני משפחתי שנספו בברשאד (טראנסדניסטריה)
בשנת 1941 :

אחי ראובן בגיל 45
אשתו פייגה בגיל 42
בתם סיירל בגיל 20
חתנם לייב בן דוני ברייטמן בגיל 21.

יצחק מייקלר



ניסן ספיר

בן משה ודבורה

בני אהובי, בחמד נפשי. במשך שנים לא משת מזכרוני אף לא ליום אחד.
המלים האחרונות שלך לפני פרידתנו לנצח, מצלצלות עדיין באזני:
„אל תבכי, אמא! אחזור אליך בעוד יום־יומים".

בהתחלה חשבתי שעוד אזכה לראותך, אך אהה! גדול אסוני הכפול: בשובי ממחנה הרכוז הגיעה אלי הידיעה המדאיבה ששניכם כבר אינכם בחיים: אתה ואבא שלך. טובים וישרי לב הייתם שניכם. באיזו תמימות ומסירות נהגת בכיבוד הוריך. למרבה הצער והיגון — נקפדו חייך הצעירים ללא תועלת כלשהי עבור מולדתנו.

על מה נפלת בגיל הזהב שלך? אשרי אביך שהלך יחד אתך, אותו הלא אהבת בכל נימי נפשך.

בגן העדן תמצאו שניכם את מנוחתכם לעד.

המתאבלת עליך
אמך — הורתך
דוניה פורמן־ספיר



ד"ר מנשה קולקר

עבד בתור רופא בבריטשאן בשנים 1927 — 1938.

הד"ר מנשה בן הרב ניסן קולקר נולד בשמיני לאלול תרנ"ח (1898) בביסרביה.

קיבל הינוך מסורתי יהודי ב„חדר", סיים גימנסיה רוסית, למד רפואה והשתלם ברפואת עינים.

עבד כרופא עד למותו במגפת טיפוס הבהרות בטרנסדניסטריה, לשם הוגלה יחד עם יתר יהודי ביסרביה. מת על משמרתו כרופא בשנת 1944, בהחישו עזרה לחולים שבמחנה.


התמסר בהפעלת רשת החינוך העברית „תרבות" בביסרביה.

בבריטשאן נתן יד לפעולות המוסדות הציוניים והקרנות הלאומיות.

בשנת 1938 עלה ארצה וחזר לביסרביה על מנת להסדיר גם את עליית בני משפחתו, ולא הספיק. יהא זכרו ברוך!

אלמנתו ובנו עלו לאחר המלחמה ארצה, והגשימו בזאת את רצונו.

שלמה ועניה קויפמן




שלמה (שלוימקה) קויפמן ז״ל, נפטר כ״ב מנחם אב תש״ז 1947 בבוקרשט לאחר שובו מטרנסניסטרה בגיל 76.

עניה קויפמן ז״ל, נפטרה י״ד כסלו תש״ב 1941 במחנה הסגר של ברשד-טרנסניסטריה, בת 66 במותה.

שמואל (סיומה) בנם של עניה ושלוימקה קויפמן ז״ל, נספה ע״י הנאצים בשנת תש״ד 1943, מעבר לנהר בוג, בגיל 26.

יצחק וחוה קסטלמן





יצחק דב בר׳ יוסף (איצי׳ שוחט), נפטר ר״ח מנחם־אב, תרפ״ט אין עלטער פון 67 יאר.


חוה-יענטע בת ר׳ דוד שוחט ג׳ י׳ בכסלו תרץ אין עלטער פון 67 יאר.

ר׳ איצי שוחט, א איד א למדן וירא שמים, א חסיד וועלכער איז תמיד געווען טריי צו גאט און צו לייט, א אוהב ישראל און ארץ־ישראל, געשפענדעט פאר די ציוניסטישע פאנדן און אפילו אין זיין צוואה געלאזט א סכום געלד פארן קרן־קיימת לישראל גאנץ פרייוויליק.


ת. נ. צ. ב. ה.

שטיינהוז
אהרון, פייגה, הרשל, שפרה

נספו בשואה:
אהרון בגיל 52, פייגה — 52, הרשל — 25, שפרה — 20.



פאמיליע קליינערמאן



שלמה און מרים קליינער־מאן האבן פון יאר 1930 געוווינט אין בריטשאן (פרי־הער אין דארף לענקאוץ) האבן געפירט א פיין־בעל־הבית׳שע יידישע שטוב און זענען געווען באקאנט מיט זייער צדקה און הכנסת אורחים.

שלמה איז געשטארבען אין יאר 1940 אין בריטשאן. זיין פרוי מרים איז אומגע־קומען אין טראנסניסטריע.

זייער שנור סוסיע קליי־נרמאן (געבוירענע קאזשוך) מיט צוויי זין דוד און הירש, ארויסגעשיקט פון בריט־שאן, —

זייער טאכטער קיילע און איר מאן משה לייבאוויטש מיט זייערע קינדער נעטע און דוד, ארויסגעשיקט פון בריטשאן.



אסתר אשת ישכר ראבינאוויטש מיט א קינד.



מישא פערפער
מיט זיין פרוי גיטעלע

זייער טאכטער פרומע און איר מאן יוסף כהן מיט זייער זון לייב, ארויסגעשיקט פון ליפקאן.

זייער טאכטער אסתר און א״ר מאן ישכר ראבינאוויטש מיט צוויי קינדער רחל און יוסף, ארויסגעשיקט פון בעלץ.

זייערע אייניקלעך גיטעלע, טאכטער פון לייב קליינערמאן מיט איר מאן. מישא פערפער און איר ברודער יעקב, ארויסגעטריבן פון בריטשאן —

און זענען אומגעקומען אין טראנסניסטריע.

ת. נ. צ. ב. ה.

מאיר ושיינדל שווארצמן

עם בנותיהם פאניה ושרה ז"ל, שנרצחו ע"י הרוצחים הפאשיסטים ביוני 1941.

שניידר משה — דוד

נורה בגיל 48 בדרך לטראנסדניסטריה (1941)
אשתו נטה (בת 44) מתה בברשד.
בנם יצחק נורה בדרך לקאמניץ — פודולסק.

מונצחים ע"י הבנים: צבי, יחיאל ואליעזר ובתם חנה חורש.



שרה רויטמאן

בת זאב (נפטר כ"ד באב תש"א בטרנסניסטריה)

אמה פייגה (נפטרה ד' באלול תש"א בטרנסניסטריה)
(קראו לה שרקה'ל וגם סוניה)

נולדה 1916 ונפטרה 1946 בבוקרשט, בהיותה בדרכה לארץ־ישראל

משפחת ישעיהו (שעיה) שילר



שעיה בן יוסף לייב, נולד 1891, נרצח בטרנסניסטריה, היה עסקן ציוני פעיל בכפרו — ינאוצי.



זינה אשתו — לבית שטילווסר, נרצחה גם היא בטרנסניסטריה בהיותה בת 50.



בתם רחל — ילידת 1922 נספתה גם היא בגיא ההריגה.

י.

בריטשאן כיום

א בריף פון א בריטשאנער

(מתוך מכתב של יליד בריצ׳אן, שביקר שוב בעיירה ב־7 בספטמבר 1957,
לאחר שנעדר ממנה ח״י שנים)

...„דאָך שטעטל בריטשאַן אליין. ווען מען לאָזט אייך אראָפּ צופעליג מיט א לופט-באלאָן אויף דער טעריטאריע פון בריטשאַן, וואָלט איר פארבלאָנדזעט געוואָרן און וואָלט זיך ניט אָנגעשטויסן אז דאָס איז בריטשאַן; די צייט ענדערט בערג אויף טאָלן און ימים אויף טרוקעניש, וואָס-זשע מאכט אויס אזא קליין שטעטעלע ביי דער צייט ?... דאָס זענען מיר אזעלכע בטלנים, וואָס קוקן רעאל אויף אלע וועלט-געשעענישן, נאָר אויף אונדזער געבורטס-שטעטעלע קוקן מיר מיט ברילן פון קינדער-פאנטאזיארן...

א באזוך אין בריטשאַן — 1961

...אנומעלט, פאָרנדיק דעם חודש אלול אויפן טראדיציאָנעלן קבר-אבות, האָב איך באשלאָסן באזוכן די שטאָט.

האָב איך געשפאנט איבער דער לאנגער הויפטגאס אונדזערער — די פאטשטאווקע, זיך פארנומען רעכטס צו דער באלניטשנע, אריבערגעוואָרפן זיך דורך דער רימאקאוויצער און בוקאווינע גאסן; פון דאנען זיך פארקערט דורך דער טראוויצע אויף דער ליפקאנער גאס.

דעם גאנצן לאנגן וועג האָב איך קיין איין באקאנטן, אָדער בריטשאנער, ניט באגעגנט.

ערשט דאָ האָב איך דערזען פון ווייטנס א מאן וואָס קאטשעט זיך, און קומענדיק נעענטער האָט ער מיך דערקענט: ס׳איז געווען א מאן וועלכער האָט געדינט צוריק מיט יאָרן אלס א באאמטער אין דער בריטשאנער פּאָסט.

אין בריטשאַן ווינען געציילטע געוועזענע בריטשאנער יידן. די מערהייט איינוווינער זענען אָנגעפאָרענע פרעמדע, און א סך ציגיינערס.

דאָס שטעטל אליין איז זייער צעשטערט און צעבראָכן, חרוב ונחרב געוואָרן

און א סך פרייע פלעצער, ווו עס זענען אמאָל געווען הייזער און אנדערע געביידעס. עס הערשט א טויט-שטילקייט, אז ס׳כאפּט אזש אָן א ציטער.

ווער ס׳האָט געקענט בריטשאַן פון אמאָל, סיי ווער ס׳איז געווען אָרגאַניש מיט איר פארבונדן, גלייכער ער זאָל זיך פאָרשטעלן בריטשאַן פון יענע צייטן. בריטשאַן פון היינט צו טאָג — איז ניט דאָס בריטשאַן פון אמאָל.

א בריטשאַנער